NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07375

# YOSELE

Jacob Dineson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יאסעלע

דערציילונג פון אידישן לעבן

— פון —

## יעקב דינעזאן

צוגעפאַסט צו באַנוצן אין די אידישע שולן און באַזאָרגט מיט דער ביאָגראַפיע פון דינעזאָנען און מיט אַ ווערטערביכל פון שווערערע ווערטער — פון

## יעקב לעווין

1926

היברו פאבלישינג קאמפאני

632-34 בראָדוויי,

ניו יאָרק.

# יעקב דינעזאָן

## (ביאָגראַפישע נאָטיץ)

יעקב דינעזאָן איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1856 אין דעם שטעטל זשאַגער, קאָוונער גובערניע, אין דער ליטע. זיין פאַמיליע האָט געשטאַמט פון גרויס יחוס, איז אָבער פאַראָרמט געוואָרן. צו פינף יאָר איז ער ווי אַלע אידישע קינדער פון יענער צייט, אַוועק אין חדר. די מלמדים האָבן אים נישט נאָר געלערנט, נאָר אויך געשלאָגן, הגם ער האָט געהאַט זייער אַ גוט קעפּל און געוואָלט לערנען. און פון איינעם אַזאַ מלמד גיט דינעזאָן שפּעטער אַ בילד אין זיין יאָסעלע.

נאָך אַלס קינד איז דינעזאָן אַריבערגעפאָרן צו זיינעם אַ פעטער, אייזיק עליאַשעוו, אין דער שטאָט מאָהיליעוו אויף'ן דניעפּר. דאָרטן אין אַ בית-מדרש האָט ער געלערנט גמרא און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט דער העברייאישער שפּראַך. שפּעטער איז ער געוואָרן אַ העברייאישער לערער אין אַ הויז פון געבילדעטע מענשן, וואו מען האָט אויסער העברייאיש אויך געקענט רוסיש און דייטש; און דאָרטן האָט דינעזאָן באַקומען זיינע ערשטע וועלטלאַכע בילדונג אין שפּראַכן, אין רעכענען און אין אַנדערע געגענשטאַנדן.

שוין פון קינדוויז אָן האָט דינעזאָן געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן; און ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן העברייאישע אַרטיקלען, פון וועלכע איניקע זיינען געווען געדרוקט אין העברייאישע צייטונגען און זשורנאַלן פון יענער צייט. אָבער דער ווילן צו לערנען די ברייטע מאַסען, דער ווילן, אַז דער ברייטער אידישער עולם זאָל אים פאַר-שטיין, האָט באַוואוינגן דינעזאָנען אָנצוהייבן שרייבן אויף אידיש. ער האָט איבערגעזעצט אין אידיש איניקע נאַטור-וויסענשאַפטלאַכע ביכער; נאָכדעם האָט ער אָנגעשריבן אַ גרויסע אידישע דערציילונג, וועלכע ער האָט פאַרקויפט אַ פאַרלעגער. אָבער די שטריינגע צענזור פון יענער צייט האָט פאַרבאָטן צו דרוקן דאָס בוך. דעמאָלט האָט דינעזאָן זיך אַוועקגעזעצט און גאָר אין אַ קורצער צייט אָנגעשריבן אַן אַנדער בוך, כדי צו געבן די פאַרלעגער עפּעס

אנדערס פאר דעם געלט, וואס ער האט באקומען פון זיי פאר זיין ערשטן בוך. דאס בוך, „דער שווארצער יונגערמאנטשיק״ איז דעם אידישן עולם שטארק געפעלן געוואָרן, און דינעזאָן האָט נאָכדעם אָנגעשריבן אַ גאַנצע רייע אנדערע שיינע מעשות און דערציילונגען, פון וועלכע יאָסעלע און הערשעלע זיינען די בעסטע.

דינעזאָן האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער האָט שוין נאָכדעם געוואוינט זיין גאַנץ לעבן. דאָרטן איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט דעם גרויסן אידישן שרייבער י. ל. פרץ און זיי זיינען געבליבן די נאָענטסטע און בעסטע פריינד אויף שטענדיק. אין דער צייט פון דער גרויסער מלחמה, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פּוילן, זיינען הונדערטער אידישע פאמיליעס פון פאַרשיידענע פּוילישע שטעט און שטעטלאך אָנגעקומען אין וואַרשע. די טויזנטער קליינע אידישע קינדערלאך האָבן ניט געהאַט ניט וואו צו שלאָפן, ניט וואָס צו עסן, ניט קיין פּלאַץ צום לערנען. דער רחמנות אויף די דאָזיקע אומגליקלאַכע איז געווען זייער גרויס. דאַמאָלט האָט דער גוטער דינעזאָן צוזאַמען מיט פרץ׳ן געגרינדעט גרינדן היימען, וואו די קינדער-לאך האָבן פאַרבראַכט זייערע טעג און אפילו נעכט, וואו מען האָט זיי געגעבן עסן און וואו מען האָט זיך מיט זיי געשפּילט. פון די דאָזיקע היימען זיינען שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַ גאַנצע רייע אידישע שולן, וועלכע טראָגן דעם נאָמען „פרץ-דינעזאָן-שולן״.

דינעזאָן איז געווען זייער אַ שטילער גוטהערציקער און איידעלער מענש. אין זיין איינציקן און איינזאַמען צימער וואו ער האָט געוואוינט זיינע לעצטע עטלאַכע צענדליק יאָר, פלעגט יעדער אידישער שרייבער געפינען אַ גאַסטפריינדלאַכע אויפנאַמע, און באַזונדערס—די יונגע שרייבער, די אָנפאַנגער, וועמען דינעזאָן פלעגט אַלע מאָל צוגעבן מוט. אין דער געזעלשאַפט פון דינעזאָנען פלעגט זיך יעדער איינער עפּעס פילן לייכטער, פריינדלאַכער. דינעזאָן האָט אַלעמען ליב געהאַט און פאַר יעדן איינעם געפונען אַ גוט וואָרט. אָבער מער ווי אַלעמען האָט דינעזאָן ליב געהאַט קינדערלאַך, הגם קיין אייגענע קינדער האָט דינעזאָן ניט געהאַט. און אַרבעטנדיק פאַר די היימלאָזע אידישע קינדער אין וואַרשע איז דינעזאָן געשטאָרבן דעם 2-טען סעפּטעמבער 1919.

---

# פאָרערע

„יאָסעלע“, דאָס בעסטע פון דינעזאָנס ווערק, האָט אַלע מאָל פאַרשאַפט זייער אַ סך פאַרגעניגן סיי די דערוואַקסענע לעזער, סיי די קינדער, פאַר וועמען מען האָט עס פאָרגעלייענט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער אינהאַלט פון דעם ווערק איז זייער אַ טרויעריקער. „יאָסעלע“ איז אויך געגוג ק י נ ס ט ל ע ר י ש, עס זאָל כדאי זיין עס צו לייענען און צו לערנען, און מען זאָל עס מיט רעכט קאָנען רעקאָמענדירן צו לייענען אין די אידישע שולן.

אָבער אַזוי ווי עס איז ביז איצט געווען געדרוקט און אַפילו געשריבן, איז עס געווען שווער, כמעט אוממעגלאַך צו לייענען, און פאַר קינדער אַפילו ניט ווינשנסווערט צו לייענען. אַ גאַנצע רייע אויסדריקן, ווי: ממזר, א. ד. ג. זיינען אפשר פּאַסיק צו לייענען פאַר דערוואַקסענע (אין וואָס איך צווייפל אויך, ווייל אַ געוויסע אייגענע צענזור איז דאָך אָנגענומען פון אַלע שרייבער פאַר זיך אַליין), אָבער פאַר קינדער זיינען אַזעלכע אויסדריקן שעדלאַך, באַזונדערס ווען עס קומט נאָך אויס צו לייענען מיט זיי וועגן דעם אין קלאַס. אויסער דעם זיינען אין בוך פאַראַן אַ גאַנצע ריי גאַנצע פסוקים העברייאישע, וועלכע זיינען ניט איבעריקס נייטיק געווען אינ׳ם בוך גופא און האָבן קיין איבעריקן קינסטלערישן קאָלאָריט ניט צוגעגעבן די העלדן. איצט אָבער באַנוצט אָט די פסוקים אין רעדן שוין זיכער קיינער ניט, זיי ליגן נאָר ווי אַן איבעריקער באַלאַסט פאַר׳ן קינד און פאַר׳ן לעזער בכלל.

כדי יעדעס אידישע קינד זאָל קאָנען באַנוצן דאָס בוך, לייענען און לערנען עס; כדי אויך יעדער דערוואַקסענער מענש זאָל עס קענען לייענען פיל לייכטער, האָט מען עס געמוזט אַרויסגעבן לויט דער נייער אָרטאָגראַפיע און רעווידירן אין די הינזיכטן, וואָס זיינען פריער אָנגעמערקט געוואָרן.

דאָס איז איצט, אין אָט דער אויסגאַבע, געטאָן געוואָרן, הגם מען האָט זיך דערביי גערעכנט דערמיט, וואָס דאָס איז דינעזאָנס אַ ווערק, און מען האָט זיך דעריבער ניט ערלויבט צו מאַכן קיין גרויסע, וועלכע עס איז זייער וויכטיקע ענדערונגען. עס זיינען אויך איבערגעלאָזן געוואָרן כמעט אַלע העברייאישע ווערטער, מיט וועלכע דאָס בוך איז ממש אָנגעפּיקעוועט, נאָר עס איז צום סוף פון בוך צוגעגעבן געוואָרן אַ ווערטערביכל, וואָס באַוויזט די אויסשפּראַך פון די אַלע ווערטער און אויך, ווען נייטיק, זייער באַדייטונג.

עס איז צום בוך צוגעגעבן געוואָרן אויך זייער אַ קורצע ביאָגראַפיע דינעזאָנס, כדי צו געבן די לעזער כאָטש אַ וועלכן עס איז באַגריף וועגן דעם לעבן פונ׳ם מחבר פון „יאָסעלע”.

ניו-יאָרק, אָקטאָבער 1923

יעקב לעווין

# א.

רב בערל נאמן איז א מלמד, א מוצלח אין שטאט.

ביי אים אין חדר לערנען, זינט ער איז פון א נאמן אין דער טאקסע א מלמד געוואָרן, לויטער באלעבאטישע קינדער.

— ר׳ בערל — רעדן מיט קנאה אלע אנדערע מלמדים — איז א מוצלח, נישט מער ווי א מוצלח; כאטש ער לערנט זיך נישט איבער מיט זיינע תלמידים, הייסט ער א בעל־פועל; און כאטש ער שלאגט ווי אלע און שמייסט אויך ווי דער שטייגער איז, הייסט ער א גוטער, א דעתן, ווי מיט ציטעריקע קינדער אומצוגיין. און די הצלחה שפילט אים: עס איז א כבוד א קינד צו ר׳ בערלען אין חדר אוועקצוגעבן.

און ר׳ בערל פארשטייט טאקע, ווי זיינע תלמידים צו שלאגן, און ווייס נאך מער, ווי מיט זייערע טאטע־מאמעס צו קנעלן...

לייבעלע, ר׳ שלמה בעל טאקסעס בן־יחיד, מעג דעם גאנצן חדר קאפויר איבערקערן, מאכט זיך ר׳ בערל נישט זעענדיק און ביזערט זיך אפילו צו הויך נישט אן אויף אים.

ער ווייס, ווי ציטעריק, ווי טייער לייבעלע איז ביי זיין מאמען שיינדעלע, און ווי גרויס איר נחת איז, אז ער, ר׳ בערל קומט מיט איר מאן אמאל שבת פון שול אויף ברכה צו איר, און ער דערציילט איר, וואס פאר א קלוג, שטיל קינד איר לייבעלע איז, אן עין־הרע, ביי אים אין חדר... און ער חידוש׳ט זיך נאר, וואס האט מען אים לכתחילה אזוי גרויס די אימה געמאכט, אז לייבעלע איז א שטיפער, א קאפריזנער און עס וועט אים שווער זיין אויסצוקומען מיט אים אן א קלאפ.

— איך ווייס ניט, — זאָגט ר׳ בערל זיך וואונדערנדיק, — ביי מיר איז ער שטיל ווי אַ טייבעלע, פאָלגט, לערנט און וויל לערנען, אָן ע י ן ־ ה ר ע. און זאָל לייבעלע זאָגן, צי שלאָג איך אים, צי בייזער איך זיך אַ פ י ל ו אויף אים? און ב א מ ת פאַרשטיי איך גאָר ניט, צו וואָס שלאָגט מען אַ קליין קינד אין ח ד ר? שלאָגן איז קיין ש כ ל ניט! נאָר ש כ ל דאַרף מען האָבן, און אין מ ל מ ד ו ת, זאָג איך אייך, ליגט אַ ש כ ל ג ד ו ל...

מיט דעמזעלבן ש כ ל ט ע נ ה ׳ט זיך ר׳ בערל אוים שטענדיק מיט מ נ ש ה מילנער, וואָס האָט ט ע נ ו ת צו אים פאַר זיינע ביידע ב נ י ם, וואָס לערנען שוין דעם דריטן ז מ ן ביי אים און קענען נאָך אַלץ ניט רעכט ע ב ר י זאָגן.

— אַ ד ר ב ה, — מאַכט בערל און דערקלערט מ נ ש ה ׳ן זיין ט ע ו ת, — אַ ד ר ב ה, וואָס שווערער עס גייט צו מיט ע ב ר י, אַלץ גרינגער, וועט איר זען, וועט צוגיין מיט ח ו מ ש מיט ר ש ״ י דאָס איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך, אַז ד ו ו ק א די גרויסע ל ו מ ד י ם, די שאַרפע קעפּ קענען אַ וואָרט ע ב ר י ניט. און וואָס איז די מ ע ש ה, מיינט איר? פּ ש ו ט, ווייל אַ גוטער קאָפּ טראָגט ניט אויף אַ קלייניקייט, וואָס ליגט אין דעם קיין ש כ ל ניט... אָט זעט איר, אין ח ו מ ש, אין טרעפן אַ ר ש ״ י ׳ ס ק ש י א, בין איך אייך מ ב ט י ח, וועלן אייערע קינדער ערשט אַרויסווייזן די פּ ע ו ל ה, וואָס איך טו מיט זיי. קעפּלאַך האָבן זיי פייער!...

אַ פ י ל ו איצי שניטקרעמערס מ ז י ק, וואָס האָט דעם נאָמען מ ש ה׳לע מ ז י ק נאָך אין דערהייס באַקומען, און וואָס אַ פ י ל ו אין ח ד ר איז אים קיין מ ע ש ה נישט צו קליין, און אָט־אָט, דאַכט זיך, האָט ער שוין דעם ר ב י ׳ן פון געדולד אַרויסגעבראַכט, און ר׳ בערל הייבט אויף דעם קאַנטשיק צו באַווייזן אַזאַ שייגאָץ, ווי פאַר אַ ר ב י ׳ן ד ר ך ־ א ר ץ צו האָבן, פאַלט דער קאַנטשיק זעלטן אויף מ ש ה׳לען, און טרעפט שטענדיק אומגערן יאָסעלען, ביינע דער ש מ ש׳טעס אינגל, וואָס האָט די ז כ י ה אין ח ד ר

ביי אַ ברעג טיש צו זיצן, ר׳ בערלען ר ב י אָנצורופן, כאַטש לערנען מיט אים פֿאַרגעסט זיך ר׳ בערל זייער אָפֿט.

יאָסעלע, אַ שטיל אויסגעמאָגערט קינד, כאַפּט דעם קלאַפּ אַ מאָל גאָר גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט צו דעם שוין געוואוינט געווען, און אַ מאָל גיט ער אויך אַ געשריי און פֿאַרצאַפּלט זיך.

— נאַרעלע, — מאַכט דער ר ב י צו אים אין אַזאַ פֿאַל, — וואָס וויינסטו? ניט דיך האָב איך דאָך געמיינט; אָט דעם שייגאָץ האָב איך געוואָלט טרעפֿן, צו אים האָב איך אַ ט ע נ ה! און דו, מ ז י ק, — ווענדט ער זיך צו מ ש ה׳לען, — מיינסט, אַז איך האָב דיך היינטיקס מאָל ניט געטראָפֿן, ביסטו שוין פּ ט ו ר? זאָג אים, יאָסעלע, אַז דער ע י ק ר איז ניט דער שמיץ, נאָר די כ ו ו נ ה, פֿאַרשטייסט?...

כאַטש יאָסעלע פֿאַרשטייט עס ניט, גענוג כאַטש אַ גוט וואָרט פֿונ׳ם ר ב י ׳ ן — און ער באַרואיקט זיך.

עס טרעפֿט אָבער, ווען יאָסעלע זיצט אַ הונגעריקער, די מאַמע האָט היינט ניט געהאַט אויסער אַ שטיקל טרוקן ברויט, וואָס אין ח ד ר אים מיטצוגעבן, דער ר ב י איז גראָד איצט אויפֿגעבראַכט אויף דער ר ב י ׳ צ ן, וועלכע האָט ט ע נ ו ת צו אים, וואָס איר דערגייט ניט דאָס און יענעס. און אין אַזאַ ר ג ע, אַז ווער פֿון די נ ג י ד׳ישע ציטעריקע קינדער ברענגט אים פֿון געדולד אַרויס, פֿאַלט דער קאַנטשיק אויף יאָסעלעס רוקן מיט אַזאַ כ ו ח, אומגערן, דאַכט זיך, אַז דאָס קינד גיט נאָר איין האַרצרייסנד געשריי, ווערט שוואַרץ און בלוי, און עס געווערט עטלאַכע סעקונדן, איידער עס דערהערט זיך זיין וויינען און כליפּען שטילערהייט.

דער ר ב י לאָזט אים אין אַזאַ פֿאַל אויסוויינען זיך, נאָר אַז עס געווערט אַ מאָל צו פֿיל, גיט ער אַ געשריי:

— שטיל! קיין אוק נישט מער! אַ י ח ס ן וועסטו זיין ביי דיין מאַמען! ביי מיר אין ח ד ר האָב איך פֿיינט י ח ו ס. נישטאָ קיין י ח ס נ י ם! געקוילעט האָב איך אים? אַ פֿליג אַ פּ ש ה,

אי דאָס אומגערן, האָב איך מיט'ן קאַנטשיק אים פון רוקן אַראָפּ־געטריבן; קאָן ער זיך גאָר נישט איינשטילן!

אַ מאָל, כאָטש זעלטן, טרעפט אויך, אַז ר' בערל ווערט אָנגעצונדן אויף אַלע אינגלאַך אין ח ד ר. שטיפנדיק האָט וועד פון זיי אַ שויב אויסגעבראָכן. ר' בערל ווייס, דאָס איז זיין ה י ז ק... צוואַנציק קאָפּיקעס, ניט געגעסן ניט געטרונקען, — שרייט די ר ב י־צ ן, — אַ רים אין האַרצן! זי ווייס אויך, אַז די מאַמע פון'ם שולדיקן אינגל וועט נאָך אין כ ע ס ווערן, אַז מען וועט קומען מאָנען פאַר אַ שויב אַן אויסגעבראָכענער אין ח ד ר. אָדער עס טרעפט נאָך ערגער: מ ש ה'לע מ ז י ק האָט אין טאָפּ דאָס גאַנצע זאַלץ אַריינגעשאָטן, ב ע ת די ר ב י' צ ן האָט זיך אויף אַ ר ג ע פון טאָפּ אָפּגעקערט. זי פאַרזוכט, שפּייט אויס און שרייט:

—אַזעלכע מ ש ו מ ד י ם! וואו איז געהערט געוואָרן—אָנשיטן אין טאָפּ זאַלץ, כ ד י דער ר ב י זאָל ניט האָבן וואָס צו עסן?! נאַ, פאַרזוך, — דערלאַנגט זי דעם ר ב י'ן דעם לעפל, — וועסטו נ ח ת האָבן פון דיינע ליבהאַרציקע ת ל מ י ד י ם!

דער ר ב י נעמט דעם לעפל צום מויל, שפּייט באַלד אויס און גיט אַ געשריי: „ביז איינעם! אַלעמען שמייסן, ווער דאָס זאָל ניט זיין, אַז בלוט וועט שפּריצן!

— יאָסעלע! — גיט ער אַ רוף דאָס אָרימע קינד, וואָס זיצט אין אַנדערן ח ד ר און וויגט צו דאָס קינד דעם ר ב י' נ ס. — גיי נאָר אויפ'ן הויף, לעבן מיסט בערגל וואַלגערן זיך, דאַכט מיר, אַ פּאָר אַלטע בעזימס. קלייב אויס עטלאַכע גוטע ריטלאַך, טראָג אַריין, וועסטו זען, ווי זיי וועלן שפּרינגען אויס'ן הויט.

יאָסעלען זאָגט דאָס הערצל, אַז נאָך פריער פאַר אַלעמען וועט ער די ריטער פאַרזוכן; נאָר נישט גיין, נישט פאָלגן האָט ער מ ו ר א. ער ווייס פון פּראַקטיקע, אַז פאַר זיך לאָזן בעטן כאַפּט ער אַ פּאָר שמיץ מיט'ן קאַנטשיק ביז די שמיץ פון די ריטער; און ער גייט און טראָגט אַריין.

דער ר ב י נעמט צו די ריטער, פּאַטשט מיט זיי אין דער לופטן, אַן א י מ ה צו וואַרפן אויף זיינע ת ל מ י ד י ם.

— נו, וואָס וואַרטסטו? — פרעגט ער יאָסעלען, וועלכער האָט מ ו ר א אַוועקצוגיין וויגן דאָס קינד ווי ביז אַהער. — גיכער, שפּיליע אָפּ די הייזלאַך, וועל איך טאַקע דיך דעם ערשטן אָפּשמייסן און דערנאָך זיי אַלעמען ביז איינעם!

— ר ב י, ניט איך האָב עס געטאָן; איך האָב גאָר ח י ה'לען געוויגט. — פּרוּווט זיך יאָסעלע אָפּבעטן. — פרעגט די ר ב י' צ ן, איך בין אַ פ י ל ו פון ח ד ר ניט אַרויס!

— אַלץ איינס! — ענטפערט דער ר ב י און מאַכט זיך קוראַזש. — איך פרעג ניט, ווער האָט עס יאָ געטאָן, ווער ניט, אַז איך שמייס אַלע אינגלאַך אין ח ד ר, ביסטו אויך ניט בעסער פאַר אַן אַנדערן. גיכער, לאָז זיך ניט בעטן, וועסטו בעסער מאַכן!

יאָסעלע ווייס, עס וועט שוין קיין ווייגען ניט העלפן. ער פאַרלייגט די הענטלאַך פון הינטן און הייבט אָן לויז צו מאַכן די הייזלאַך.

די הייזלאַך פאַרלאַטעטע, פאַרשטשאַבעטע, אָן קנעפּלאַך, נאָר צוגעבונדן דאָ און דאָרטן, זיי זאָלן אים פון לייבעלע ניט אַראָפּפאַלן, לאָזן זיך אַזוי גיך ניט לויז מאַכן, און דער ר ב י רופט אויס:

— ווער עס וועט העלפן די הייזלאַך אים אַראָפּלאָזן, וועט באַקומען מיט פינף שמיץ ווייניקער!

אַ פּאָר אינגלאַך וואַרפן זיך העלפן אָפּבינדן פאַרשידענע קניפּ־לאַך. יאָסעלע בלייבט שטיין האַלב נאַקעט.

— לייג זיך! — קאָמאַנדעוועט דער ר ב י.

יאָסעלע לייגט זיך און טרערן גיסן זיך אויפן בענקל. דער ר ב י פאַרדרייסט דאָס העמדל העכער. דאָס גאַנצע לייבעלע זעט זיך אַרוים צעפינטלט און צעביסן... אויפ'ן רוקן ליגן נאָך די ס י מ נ י ם פון נעכטיקן קאַנטשיק אין בלויע אָנגעלאָפענע פּאַסן.

— האָט דיך די מאַמע אָדער דער טאַטע געשמיסן היינט צי נעכטן? — פרעגט פלוצלונג דער ר ב י.

— די מאַמע האָט מיך ניט געשמיסן, ר ב י, דער טאַטע אויך ניט. — ענטפערט יאָסעלע.

— ליגנער! אָט זענען נאָך די ס י מ נ י ם. מיט אַ שטריק צעפּאַסעוועט דיין לייב! — ווייזט ר׳ בערל מיט׳ן האַנט אויף די אַנגעלאָפענע פּאַסן.

— אוי, ר ב י, דאָ טוט מיר ווי! נאָך פון נעכטן, פון איי׳ער קאַנטשיק! — וויינט יאָסעלע.

— אַ ליגן, אַ ב ל ב ו ל! — שרייט ר׳ בערל. — ווען שלאָג איך? סיידן ע ל־פּ י־ט ע ו ת, אומגערן!

— אומגערן, ווי איך בין אַ איד, אומגערן! — פאַרענטפערט זיך דאָס אָרימע קינד. נאָר עס העלפט נישט.

— פון אומגערן ווערן קיין ס י מ נ י ם ניט. — דערקלערט דער ר ב י. — דו ווילסט נאָר אַ ב ל ב ו ל מאַכן! פאַר ב ל ב ו ל י ם אָבער וועל איך שמייסן. געדענקט קינדער! ווער עס מאַכט אַ ב ל ב ו ל אויף מיר, אַז איך שלאָג, ווערט געשמיסן!

— ווער עס וועט דעם ב ל ב ו ל־מאַכער צוהאַלטן פאַר די פיס, וועט היינט פּ ט ו ר זיין פון שמייסן. — רופט דער ר ב י ווידער אוים. אַלע אינגלאַך כאַפּן זיך פאַר דער מ צ ו ו ה.

— איינס, צוויי, דריי! — ציילט דער ר ב י די שמיץ. — אַזוי שמייסט מען אינגלאַך, וואָס ברעכן אוים אַ שויב שטיפנדיק! פיר, פינף, זעקס! — וואָס שיטן זאַלץ אַריין אין ר ב י׳נ ס וואַרמעס!... זיבן, אַכט, ניין! — און נאָך שטאַרקער שמייס איך פאַר ב ל ב ו ל י ם פאַר ליגן, אַז איך שלאָג, אַז איך מאַך ס י מ נ י ם אויפ׳ן לייב. געדענקט עס, קינדער, פאַר אַ ב ל ב ו ל נעם איך די הויט אַראָפּ!

יאָסעלע שרייט, צאַפּלט זיך, בייסט דאָס בענקל פאַר ווייטיק, ביז דער ר ב י לאָזט אים אָפּ און טראָגט אים צו די רוט אַ קוש טאָן.

די ליפּעלאַך פאַרברענט, אין די ווינקלען זעט זיך פאַרבאַקט בלוט, דאָס גאַנצע פּ נ י מ ' ל נאַס, אויסגעשמירט פון טרערן. ציט ער גיך די הייזלאַך אַרויף, וויינט שוין ניט, נאַר דאָס הערצל הייבט זיך אָן כליפּעט.

— וויש אָפּ דעם פּ נ י ם און קום לערנען! — הייסט דער ר ב י.

יאָסעלע ווישט דעם פּ נ י ם מיטן אַרבל. דעם ר ב י ' ן געפעלט עס ניט, און ער שיקט אים אין קיך זיך גוט, גוט אָפּוואַשן. נאַר איידער יאָסעלע וואַשט זיך, כאַפּט ער דאָס קווערטל מיט וואַסער און טרינקט מיט דורשט. דאָס הערצל ברענט, און די צונג איז פאַר-טריקנט פון שרייען.

— זאָג! — הייסט דער ר ב י. און יאָסעלע זאָגט דעם ח ו מ ש מיט אַלע טייטש-ווערטער, געדענקט אַלע אויסריידן; ווען ניט ווען רייסט זיך נאָך אַרויס אַ כליפּ, אַ שלוקערץ; ר' בערל הערט זיך איין און באַרואיקט דאָס קינד אין גאַנצן.

— אָט אַזוי, גאַר אַנדערע ד י ב ו ר י ם! — מאַכט ר' בערל, גלייך ווי פריער וואָלט ניט אַזוי געווען. — זעט איר, איצט זאָגט ער דעם ח ו מ ש אַ מ ח י ה צו הערן. נאַר שמייסן מוז מען אויך אַמאָל! פאַרשטייט איר, ש ק צ י ם? — שרייט ער צו די איבעריקע קינדער. — מען מוז שמייסן! ערשטנס, מען זאָל ניט ווילד ווערן: גאַר שויבן ברעכן, גאַר זאַלץ אָנשיטן און איבערפירן אַ מיטאָג, דער ר ב י זאָל ניט האָבן וואָס צו עסן! מיינט ניט, עס וועט אייך נאָך אַמאָל געשענקט ווערן; די הויט וועל איך אַראָפּשינדן. און איצט גייט עסן וואַרמעס.

— וואָס גייסטו ניט? — פרעגט דער ר ב י יאָסעלען שוין גאַר גוט.

— היינט קאָכט די מאַמע קיין וואַרמעס ניט. — ענטפערט יאָסעלע, און פון הערצל רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ ווי אַ פאַרשפּעטיק-טער ווידערקלאַנג פון פריערדיקע געשרייען זיינע.

— גאַנץ גוט, ווּעסטו צוהאַלטן דאָס קינד, ביז איך וועל קומען! — זאָגט די ר ב י׳צן, דערלאַנגט יאָסעלען דאָס קינד, און אַליין לויפט זי אַרויס עפּעס כאַפּן אין קרעמל פאַר איר מאַן וואָס צו עסן.

---

## ב.

יאָסעלע איז ביי זיין מאַמען, כיענע די ש מ ש׳טע, אַן ערשט אינגל געוועזן, נאָכדעם ווי זי האָט שוין פריער פינף מיידלאַך געבוירן. דריי פון זיי, וואָס זענען א פּ נ י ם די קליגערע געוועזן, האָבן באַלד איינגעזען, אַז ניט טאַטע און מאַמע און ניט די גאַנצע וועלט פרייען זיך מיט זייער דאָ־זיין, האָבן זיי ש כ ל געהאַט זיך אָפּצוטראָגן קליינערהייט, איטלאַכע מיט אַן אַנדערן אויסרייד: איינע פון קרופּ, די אַנדערע פון שווערע מאַזלען און דאָס דריטע איז אויף אַ ש כ ל געפאַלן און גאָר אַרויפגעקערט אויף זיך אַ טאָפּ קאָכעדיק וואַסער, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך גוט אָנגעשריען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, האָט זי אויך אָפּגעזאָגט איר ח ל ק י ר ו ש ה אירע נאָך צוויי לעבן געבליבענע שוועסטער און האָט צו שרייען אויפגעהערט.

כיענע, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געפרייט מיט זייער לעבן, האָט פונדעסטוועגן שטאַרק געוויינט און געקלאָגט אויף זייער טויט; קיין טרייסט צו זיך ניט צוגעלאָזן, ביז גאָט האָט איר צ ע ר צוגעזען און איר צוגעשיקט אַ זעקסט קינד, אַ אינגל, און דאָס איז יאָסעלע.

— איך האָב צו דיר, ר י ב ו נ ו־ש ל־ע ו ל ם, קיין ט ע נ ו ת ניט מער! — האָט כיענע געזאָגט. — מיט איין האַנט שטראָפסטו דעם זינדיקן ב ש ר ־ ו ד ם, מיט דער אַנדערער — טרייסטו אים. מ ס ת מ א ווייסטו דאָך, לעבעדיקער גאָט, אַז איין אינגל איז ביי אַ מאַמען אַזוי טייער ווי דריי מיידלאַך... איך האָב ביי דיר אַ אינגל געבעטן, האָסטו ביי מיר צוגענומען דריי האַלב אויסגעוואַקסענע

מייִדלאַך, ליכטיקע קינדער. זוי די זון. און האָסט מיר אַ אינגל געגעבן. איך דאַנק דיר, הארציקער פאָטער! דו ביסט גערעכט, דיין מ ש פ ט איז גערעכט! גיב זשע דעם קינד יאָרן און זיי מ ז כ ה די מאַמען זיינע אים אויסצוהאָדעווען צו לאַנגע יאָר, צו ת ו ר ה, צו ח ו פ ה און צו מ ע ש י ם ט ו ב י ם!

און ווי גרויס איז כיענעס ש מ ח ה געווען, אַז יאָסעלע האָט צום יאָר אָנגעהויבן גיין! קוים האָט ער צו רעדן אָנגעהויבן, האָט זי אים, צוגלייך מיט די ערשטע ווערטער טאַטע-מאַמע אויך אַ ב ר כ ה אויסגעלערנט מאַכן. און יאָסעלע האָט פון יענעם טאָג אָן אַפילו איר ברוסט אָן אַ ב ר כ ה ניט געזויגן.

צו צוויי יאָר האָט יאָסעלע שוין געקענט מ ו ד ה א נ י זאָגן; צו דריי יאָר האָט ער דעם גאַנצן א ל ף-ב י ת מיט אַלע נ ק ו ד ו ת געוואוסט; און ביז פינף יאָר האָט שוין כיענע פון איר גאַנצן פאַרראַט ת ו ר ה ניט געהאַט וואָס נאָך איר ליב קינד איבערצו־געבן, וואָס עס האָט שוין פון איר ביז איצט לאַנג ניט אויסגעלערנט; און כיענע האָט אָנגעהויבן טראַכטן — יאָסעלען צו אַ גוטן ר ב י'ן אָוועקצוגעבן אין ח ד ר אַריין. נאָר עס קומט אויס, ווי מען זאָגט: אַ מענש טראַכט, און גאָט לאַכט.

גראָד צו דער צייט האָט איר דאָס גרויסע אומגליק געטראָפן. לויפנדיק אין אַ ווינטער-אָוונט צוזאַמענקלייבן דעם ע ו ל ם צו אַן א ס י פ ה אין ב י ת-ה מ ד ר ש, וואו איר מאַן איז ש מ ש געווען, האָט ער זיך צוגעקילט און באַקומען אַ לונגען-אַנטצינדונג. גאָט האָט אַ פ י ל ו ר ח מ נ ו ת געהאַט, ניט געלאָזט אירע קינדער אָן אַ טאַטן. ער איז לעבן געבליבן, אָבער די ש מ ש ו ת האָט ער פאַר־לוירן; ער איז שוין געבליבן אַ קראַנקער, צעבראָכענער איד, וואָס הוסט גאַנצע טעג די נ ש מ ה אַרויס.

אידן זענען ניט אָן אַ ר ח מ נ ו ת, און אַ גאַנצע שטאָט — ניט אָן י ו ש ר, און מען האָט אים זיינע פינף גילדן אַ וואָך ש כ י ר ו ת ווייטער געצאָלט; אָבער דעם ע י ק ר ה כ נ ס ה: אַ ח ת ו נ ה,

אַ יאָרצייַט,—האָט שוין צוגענומען דער נייַער ש מ ש. דערצו דערמאָנט זיך נאָך דער ר י ב ו נ ו־ש ל־ע ו ל ם כיענען אַן אַלטן ח ו ב אָפּצו־צאָלן, און צו אַזאַ ביטערער צייַט שיקט ער איר צו צווייַ אינגלאָך, אַ צווילינג — איר צו באַווייַזן מ ס ת מ א, אַז זי האָט אַ ט ע ו ת געהאַט, ווען זי איז אים ח ו ש ד געווען, אַז ער האָט בייַ איר דרייַ מייַדלאָך פאַר אייַן אינגל צוגענומען! אָט האָט זי דרייַ פאַר דרייַ און זאָל זי צו אים קיין ט ע נ ו ת ניט האָבן! כאָטש ב א מ ת האָט כיענע, זינט יאָסעלע איז געבוירן, קייַנמאָל איר ח ו ב בייַ אים ניט געמאָנט און קיין ט ע נ ו ת צו אים ניט געהאַט. נאָר מיט גאָטס גאָב וואַרפט מען זיך ניט; זי האָט די קינדער געמוזט האָדעווען.

אין אַזאַ ביטערער לאַגע האָט זי שוין פון צאָלן אַ מ ל מ ד ש כ ר - ל י מ ו ד פאַר יאָסעלען ניט געקאָנט מער טראַכטן אַ פ י ל ו. און קוים איז ב ר ו ך, דער מאַן אירער, ווי עס איז פון בעט אַראָפּ, האָט זי אים מ כ ב ד געווען לערנען מיט יאָסעלען: שוין צייַט, דאָס זעקסטע יאָר, ביז הונדערט מיט צוואַנציק, אַ אינגל!

ב ר ו ך איז אויך געזונטערהייט געווען אַ בייזער, טרוקענער איד און אַ ק פּ ד ן אַ גרויסער, וואָס דערפאַר האָט ער קייַנמאָל ניט געקענט מאַכן זיך אַ קנעלונג, ווי אַנדערע ש מ ש י ם; ב פ ר ט איצט, אַז ער איז לייַדנד, האַלב הונגעריק און אים שטיקט דער הוסט אָן ר ח מ נ ו ת, האָט ער זייַן אייגן קינד ניט געשאַנעוועט און פאַר יעדער קלייניקייַט פלעגט ער אויסלאָזן זייַן ביטער האַרץ צו אים.

כיענע פלעגט ניט פאַרשווייַגן; פאַר יעדן קלאַפּ, וואָס ער פלעגט יאָסעלען געבן, פלעגט זי אים באַלד שיקן אַ ק ל ל ה: אָפּגעדאַרט זאָל בייַ אַזאַ טאַטן ווערן די הענט, וואָס גיט זייַן קינד אַזאַ זעץ! אייַנגעשלאָגן זאָלסטו ווערן פון גאָט, פאַר וואָס דו שלאָגסט דאָס עלנדע קינד!

נאָר וואָס מער כיענע האָט געשאָלטן, אַלץ מער האָט דער קראַנקער טאַטע דאָס קינד געפּייניקט און געשלאָגן. און קיין חזן האָט ביים עמוד ימים־נוראים קיינמאָל אזוי פיל טרערן ניט פאַרגאָסן, וויפיל טרערן ביטערע דאָס אָרימע קינד פלעגט יעדן טאָג פאַרגיסן ביי יעדן מאָל דאַווענען פאַר'ן טאַטן.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, — האָט אַמאָל כיענע גאָר מיט גוטן געפרעגט איר מאַן, — פאַרוואָס שלאָגסטו אים אזוי?

— פאַרוואָס ער איז אַ פּויער, אַ גראָבער קאָפּ, אַן עשו! האָט ער אויך מיט גוטן געענטפערט.

— מיט אַזעלכע קינדער פּויערים און גראָבע קעפּ מעג גאָט בענשן אַלע אידישע מאַמעס! — ווינשט כיענע.

— און דאָס איז ביי דיר ניט אַ גראָבער קאָפּ אפשר? — פרעגט דער טאַטע. — אוודאי צען מאָל האָב איך אים געזאָגט, אַז מען דאַרף גוט מתיז זיין דעם „ז" פון „למען תזכרו". איז ער אַזוי מתיז, אַז עס קומט ביי אים אַרויס דווקא: למען תשכרו און ניט תזזכרו!

— טישקערע, מישקערע! — קרימט כיענע איבער. — איך האָב געמיינט, מי־יודע וואָס ער פאַרשטייט דאָרט ניט... גאָר בדלות בין איך, אַז ער וועט דיין טישקערע־מישקערע איבער אַ יאָר קענען!

— קרים איבער, כיענע, ווי אַ גוי קרימט איבער אַ אידיש וואָרט. שעמען דאַרפסטו זיך! פע, אַ חרפה, ווי איך בין אַ איד! אידענע, דער דין איז דאָך אזוי, זע אין שולחן־ערוך!

— אָבער צו וואָס לערנט מען גאָר מיט אַ קינד אַזעלכע דינים, וואָס זיין יונג מוחל קאָן עס נאָך ניט באַנעמען? — פרעגט כיענע.

— דערפאַר זאָג איך דאָך, אַז ער איז אַ פּויער! — ענטפערט ער.

— און ווײַזן דען דעם ד י ן אַלע אינגלאַך אין זײַנע יאָרן ? —
פרעגט זי, ווי זיך פאַרענטפערנדיק, וואָס זי האָט איבערגעקרימט.

— וואָס גלײַכסטו אונזער יאָסעלען צו אַנדערע קינדער ? —
דערקלערט דער ש מ ש. — ער מעג שוין זײַער ר ב י זײַן, פאַר־שטײַיסטו ? פאַר אים טאָר קיין זאַך ניט צו שווער זײַן, ווײַל ער איז אַ וואוילער אינגל, און דו אַליין ווילסט דאָך, ער זאָל זײַן אַ ל מ ד ן, אַ מ ו פ ל ג: אָט מוז מען אים שלאָגן... די ת ו ר ה ה ק ד ו ש ה פליט אַליין אין קאָפּ ניט אַרײַן. מען מוז זי אין קאָפּ אַרײַנשלאָגן!... מיך האָט מען אויך געשלאָגן, און א פ ש ר נאָך מער, ווי איך שלאָג אים; און ה ל ו ו אַ י לאָזסטו נאָר, ווי איך בין זיכער, אַז יאָסעלע וועט אַמאָל נאָך זאָגן: „געזונט זאָלן זײַן דעם טאַטנס הענט, וואָס האָבן מיך געשלאָגן. דעריבער קען איך טאַקע!“

די האָפנונג, אַז יאָסעלע וועט נאָך זײַן אַ מ ו פ ל ג, אַ ל מ ד ן, ווי ב ר ו ך אַליין זאָגט, גיט איר כ ו ח צוצוקוקן, כאָטש מיט אַ ווײַטיק אין הארצן און טרערן אין די אויגן, ווי איר מאַן פײַניקט איר טײַער קינד, ווי ער הײַסט אים איבערזאָגן אײן ע נ י ן צען מאָל, קנײַפּט אים און בוכעט אים, ביז ער טרעפט וואָס דער טאַטע מײַנט.

אַזוי האָט כיענע צוגלײַך מיט איר קינד געליטן, ביז די מאָס צ ע ר און ווײַטיק איז ענדלאַך פול געוואָרן. און אײַנמאָל, אַז זי האָט יאָסעלען קוים אַ לעבעדיקן פון איר מאַנס הענט אַרויסגעריסן, האָט זי געשוואוירן, אַז ווי לאַנג זי לעבט, ווי לאַנג אירע אויגן זענען נאָך אָפן, וועט זי מער ניט צולאָזן, אַז דער מ ש ו ג ע׳נער טאַטע זאָל נאָך אַמאָל פּרוואוון לערנען מיט׳ן קינד.

— איך וועל ערגער זײַן פאַר דיר, — האָט זי מיט אַ פאַר־קלעמטע הארץ געשריגן, — אַז איך וועל ווײַטער דיך לאָזן קילן דײַן קראַנק הארץ אין דעם אומשולדיקן נ פ ש׳ל! און דערזעענדיק די אָנגעלאָפענע צײַכנס אויף יאָסעלעס לײַבעלע, האָט זי געשריען:

„אַ גזלן, אַ רוצח פון וואַלד בין איך! קיין אידישע טאָכטער וועט אַזאַ האַרץ נישט האָבן אַזוי צו פּייניקן אַן אייגן קינד! געוואַלד, רבונו-של-עולם! פאַרוואָס האָסטו אין דיין הייליקער תורה געשריבן: כרחם אָב על בנים? אַט איז אַ טאַטע און אַט זע זיין רחמנות!“...

---

## ג.

עס איז אַריבער אַ וואָך און נאָך אַ וואָך, און יאָסעלע האָט ניט געלערנט. עס איז אַ בלויז בין-הזמנים געווען, פּסח-צייט, און כיענע האָט זיך געטרייסט! אַלע אינגלאַך זענען איצט פריי, פאַרוואָס זאָל מיין יאָסעלע ערגער זיין פאַר אַלעמען? לאָז ער זיך אָפּרוען אַביסל, זאָלן אים כאָטש אָפּגיין די בלויע צייכנס פון זיין טאַטנס פליקן און זעצן; וועט דערווייל אַפּשר דער רבונו-של-עולם מיר ווייזן אַ וועג, ווי מיין קינד זיין הייליקע תורה צו לערנען.

קוים איז אָבער דער פּסח אַריבער, אַלע אינגלאַך האָבן אָנגעהויבן אין חדר צו גיין, איז כיענעס דאגה און צער געוואָרן שטאַרקער און גרעסער, און זי האָט צוליב דעם נעכט ניט געשלאָפן.

—דער מוח הייבט זיך מיר! — האָט זי איינמאָל מיט אַ זיפץ אַ שווערן אויסגערעדט און זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ.

— וואָס איז? — האָט דער מאַן געפרעגט. — די שיפן דיינע אויפ'ן ים זענען דיר אונטערגעגאַנגען?

— ווער עס האָט שיפן אויפ'ן ים, דאגה'ט וועגן זיינע שיפן, וואָס גייען אים אונטער, — האָט כיענע געענטפערט, — און ווער עס האָט אַ אינגל, דאגה'ט, ווי אים פאַר אַ אידן צו מאַכן און גאָטס הייליקע תורה אים צו לערנען. און ביי מיר איז

אפשר מײַן דאגה: װאָס טו איך מיט אונזער יאָסעלען, װאו נעם איך פאַר אים שכר־לימוד, נאָך גרעסער, װי יענעמס דאגה װעגן זײַנע שיפן אױפֿן ים.

— גיב אים אַװעק אין תלמוד־תורה, װאו אַלע אָרימע קינדער לערנען. — גיט ברוך זײַן עצה.

—אין תלמוד־תורה?! און דאָס זאָגט אַ טאַטע אַן אײגענער? — האָט כיענע מיט אַ שמערצלאַכן טאָן איבערגעפרעגט. — ער זאָל דאָרט צעלאָזן װערן, קרעציק װערן און פאַרגעסן, װאָס ער האָט אַמאָל געקענט? איך װײס דעם תכלית, צו װאָס די תלמוד־תורה־קינדער קומען... ניט אײן אָרימע מאַמע װײנט און קלאָגט דערױף, װאָס זי האָט איר קינד, איר יתום אין תלמוד־תורה אַװעקגעגעבן! נײן, װי לאַנג איך לעב און האָב נאָך כוח מיט דער ערד גאָז די ערד כאָטש צו אַקערן, װעט מײַן יאָסעלע אין תלמוד־תורה נישט לערנען!

גיב אים אַװעק צו אַ שוסטער! — האָט ברוך װײַטער געראָטן, ניט װײַל ער האָט טאַקע דאָס געמײנט, נאָר זײַן װײַב אָפּצוװעסן דאָס האַרץ.

— זאָלסט עס בעסער נישט דערלעבן! — האָט כיענע אַן אַנגעצונדענע געשאָלטן.

— אומזיסטע קללות! — מאַכט ר׳ ברוך אױף להכעיס. — װאָס איז, אַ שוסטער איז קײן איד ניט?

— פאַרװאָס ביסטו ניט קײן שוסטער? — פרעגט כיענע.

— הלװאי װאָלט איך טאַקע געװעזן אַ שוסטער, — רופט ער זיך אָפּ, — װאָלט איך אפשר נאָך עד־היום געזונט געװען און קײן ברױט װאָלט מיר ניט געפעלט װי הײַנט!

— הלװאי, ריבונו־של־עולם! — װינשט זיך כיענע מיט שפּאָט. — אַז דו װאָלסט אַ שוסטער געװעזן, װאָלט איך דאָך דײַן װײַב ניט געװאָרן!... װאָלט איך אפשר הײַנט אַ מאַן געהאַט מיט לײַטן גלײַך, און מײַנע קינדער װאָלטן אַ טאַטן געהאַט,

וואָס זאָל פאַר זײַ זאָרגן און ניט לאָזן, אַז דער מאַמעס קאָפּ זאָל דאַרן און פּריקענען אַ פּ י ל ו פאַר ש כ ר־ל י מ ו ד פאַר אַ קינד!...

— נאַרישער איד אײַנער! — האָט זי ווידער אָנגעהויבן, נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַביסל אויסגעוויינט.—דו מיינסט אַ ו ו ד א י, אַז דאָס גלעלע פּ נ י ם דײַנס האָט בײַ מײַן טאַטן, אַ גוטער בעטער זאָל ער זײַן, אַזאַ ח ן געפונען דיך פאַר אַן אײדים צו נעמען? דער גאַנצער אַנטיק אין דיר איז געוועזן, וואָס דו קענסט לערנען; און טאַקע די ת ו ר ה דײַנע האָט מיך געריצט, און איך האָב מיך געלאָזט אײַנרײַדן: אײדער צו זײַן אַ ווײַב בײַ אַ בור, אַ גראָבן יונג, כאָטש אַ רײַכן, איז גלײַכער צו האָבן אַ מאַן אַ ק ב צ ן, אָבער פאַרט אַ פײַנעם אידן, אַ ל מ ד ן. און זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר מײַנע רײד, נאָך עד־ה י ו ם האָב איך פײַנט אַ פּראָסטן מענשן אַן ע ם־ה א ר ץ, איך בין גאָר ניט מ ק נ א זײַן ווײַבס פּערל און איר גוט לעבן בײַ אים. אַנומלט בין איך אויפ'ן רײנעם פעלד געוועזן, אויף כאַצקל אײַזנקרעמערס ל ו ו י ה, און איך האָב געמיינט, איך וועל זיך אַ לעבעדיקע באַגראָבן, אַז איך האָב געזען, ווי כאַצקלס זון, אַ ב ח ו ר פון זעכצן, זיבעצן יאָר, קאָן אַ פּ י ל ו פון ס י ד ו ר קײן ק ד י ש ניט זאָגן. ש ר ה'לע, די מאַמע זײַנע, איז געשטאַנען און טײַכן טרערן פאַרגאָסן, ווי איר איז צום האַרצן געוועזן. און איך האָב זיך געפרעגט: אויף וואָס וויינט ש ר ה'לע פריער: צי אויף איר מאַן, אויף איר ברויט־געבער, וואָס מען האָט אים דאָ ערשט אין דער ערד אַרײַנגעלײגט, צי אויף איר לעבעדיקער ח ר פּ ה, וואָס איר אײנציק קינד קאָן אַ פּ י ל ו פון ס י ד ו ר קײן ק ד י ש ניט זאָגן? ב ע ת־מ ע ש ה האָט מײַן האַרץ געזאָגט: ר י ב ו נ ו־ש ל־ע ו ל ם, אײדער מײַנס אַ קינד זאָל אויסוואַקסן אַזאַ בור ווי דער און ניט קענען נאָך טאַטע־מאַמען ק ד י ש זאָגן, זאָל איך עס בעסער אַ קלײנס באַגראָבן!

— זעסטו, וואָס, וואָס, קדיש זאָגן נאָך דיר, בין איך דיר מבטיח, וועט יאָסעלע קענען. — שפּאַט ר' ברוך פון זיין ווייב.

— פאַרוואָס ניט נאָך דיר?

— לאָז זיין נאָך מיר אויך! — גיט ר' ברוך צו.

— דיר אויף להכעיס, זעסטו, וועט יאָסעלע דווקא קענען אַ פּרק משניות און אַ בלאַט גמרא אויך! האָט כיענע ווי מיט אמת'ן ביטחון זיך געריימט מיט איר מאַן!

— אַ שמעק טאַביק גיב איך פאַר זיין פּרק משניות, פאַר זיין בלאַט גמרא! — האָט ברוך, אין כעס אַריינקומענ־דיק, אַ שפּיי געטאָן און געענטפערט. — זי מיינט, דער פּרק משניות, די גמרא איז שוין גאָר. די גוטע יאָרן זאָל איך האָבן, וואָס יונה דער וואַסערטרעגער פאַרדינט מער מצווה, כאָטש ער ווייס אַ פּילו ניט, ווי דער משניות עפנט זיך, וואָס ער טראָגט מיר אַריין אַמאָל — אַז דו ביסט אַ גאַנצן טאָג אין דער היים נישטאָ — אַן עמער וואַסער, איך מיט די קינדער זאָלן פאַר דאָרשט נישט אויסגיין, ווי ר' אריה דעם רב'ס, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג דאָרט אין וואַרימן ליכטיקן בית־המדרש און לערנט משניות און גמרא!

— דו נאַרישער איד איינער! — האָט זיך כיענע אָפּגערופן. — ווי פאַרשטייסטו עס ניט, צוליב וואָס טראָגט דיר יונה וואַסער־טרעגער אַריין אַמאָל אַן עמער וואַסער אומזיסט? צוליב דיין אָרימ־קייט? צוליב דיין קראַנקהייט, מיינסטו? ווייניק אָרימע און קראַנקע אידן זיינען דאָ אין שטאָט חוץ דיר, וועט יונה אַלעמען וואַסער אַריינטראָגן אומזיסט? פון וואַנען וועט ער דערנערן זיין ווייב און קינדער? נישט מער, יונה ווייס: ר' ברוך שמש איז אַ למדן, אָרים און קראַנק נעבאַך, אָט וויל ער די מצווה פון באַדינען אַ למדן; וואָלסטו אָבער אַ שוסטער זיין, אָדער אַ שניידער אַ פּילו, מעגסטו פאַר דאָרשט אויסגיין, וועט זיך

ניט געפינען, ווער עס זאָל דיר אַ לעפל וואַסער צוטראָגן. זעסטו שויך, ווי טײַער עס איז אַ ל מ ד ן צו זײַן!?

— אַ שמעק טאַביק גיב איך דערפאַר! — שרײַט ר׳ ב ר ו ך, ניט ווײַל ער גלויבט עס טאַקע אַזוי, נאָר ווײַל ער האָט אַ באַזונדערן כ ע ס אויף ר׳ א ר י ה דעם ר ב׳ס, וואָס איז אים אַלע מאָל אַ געגנער געווען. — אַ שמעק טאַביק, ווי איך בין אַ איד, פאַר ר׳ א ר י ה׳ס ל מ ד ו ת א ו ן ת ו ר ה! — האָט ער קוים נאָך אָטעם געהאַט איבערצוכאַפּן נאָך אַמאָל און האָט זיך פאַרקײַכט פון הוסט.

כיענע האָט אים אַ ביסל וואַסער צוגעטראָגן, צוגעהאַלטן דעם קאָפּ, ער זאָל הוסטנדיק פון באַנק ניט אַראָפּפאַלן.

— זעסטו, — האָט זי מיט ר ח מ נ ו ת געזאָגט, — גאָט האָט דיר שוין באַצאָלט פאַר דײַנע זינדיקע רײד. זעסטו, מיך אַרט גאָר ניט, אַז מײַן יאָסעלע וועט זײַן אַזאַ איד, ווי ר׳ א ר י ה דעם ר ב׳ס. עס פעלט אים אַ ו ו ד א י כ ב ו ד און ג ד ו ל ה! נישקשה, איך פאַל בײַ זיך גאָר נישט אַראָפּ! — האָט זי פלוצלונג מיט מוט אַ זאָג געטאָן. — איך בין אַ נאַר געווען, וואָס איך האָב מיר ביז איצט דעם קאָפּ געבראָכן: ווי אַ מענש נעמט זיך פאַר, אַזוי העלפט אים גאָט! איך גיב א י ״ ה מאָרגן יאָסעלען אָפּ צו אַ מ ל מ ד, אויף ש כ ר־ל י מ ו ד וועט שוין דער ר י ב ו נ ו־ש ל־ע ו ל ם מוזן צושיקן!

---

## ד.

פון די נ ג י ד׳ישע ווײַבער, בײַ וועלכע כיענע איז אַן אײַנגעיערקע געווען, האָט זי פיל מאָל געהערט, וואָס פאַר אַ קלוגער טײַערער מ ל מ ד בערל נ א מ ן איז, ווי ער ווײַזט זיך מיט קינדער צו באַגײן, און בײַ אים טוען זיי טאַקע אַ פ ע ו ל ה. אָט איז בײַ איר געבליבן יאָסעלען טאַקע אַוועקגעבן צו אים אין ח ד ר. זי האָט

אַ פ י ל ו געוואוסט, אַז בערל איז ניט קיין וואָלוועלער מ ל מ ד; נאָר „ווי מען נעמט זיך פאַר, אַזוי העלפט גאָט!“, וועט ער מ ס ת מ א העלפן מיט אַ פּאָר רובל אַ ז מ ן מער. און זי האָט יאָסעלען אַוועק־געפירט צו ר׳ בערלען.

בערל האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג, אַז זי האָט אים געמעלדעט: זי וויל איר אינגל צו אים אין ח ד ר אַריינגעבן, און האָט איר געענטפערט, אַז ער האָט שוין די צאָל פון זיינע ת ל מ י ד י ם פאַרפול און קען שוין מער קיין אינגלאַך ניט צונעמען.

— וואָס הייסט, איר האָט שוין אייער ח ד ר פאַרפול? — האָט כיענע געט׳ט ע נ ה׳ט.—וואו שטייט עס געשריבן, אַז ניין ת ל מ י ד י ם מוז אַ ר ב י האָבן און אַ צענטן טאָר ער שוין ניט?

— איך קען ניט, ווי איך בין אַ איד, איך קען ניט! — האָט ר׳ בערל געשוואָרן.

— פאַר וואָס?

— היינט גיי דערציי׳ל אַ אידענע, פאַרוואָס! — האָט זיך ר׳ בערל אָפּגערופן.

— ר׳ בערל! פריער גאָט, דערנאָך איר: דאָס קינד איז מיין גאַנץ לעבן, — האָט כיענע אָנגעהויבן מיט היץ, — אַ האַלב לעבן קאָסט ער מיר שוין און נאָך אַ האַלב לעבן בין איך גרייט אַלע מינוט פאַר אים אַוועקצוגעבן; איך מיין ניט, ח ל י ל ה, אומזיסט מיט מיין קינד לערנען; וואָס זייט איר מיינער? ניט קיין ק ר ו ב, ניט קיין ג ו א ל, און איר דאַרפט דאָך טאַקע לעבן, ר׳ בערל! זאָג איך אייך, אַז אייער ש כ ר־ל י מ ו ד וועט אייך אין ח ד ר אַריינ־געטראָגן ווערן יעדן ר א ש־ח ו ד ש מיט דאַנק. איר האָט אַ פ ש ר מ ו ר א, איך בין אַן אָרים־מענש, און וועט פרעגן, וואו וועל איך נעמען? זאָג איך אייך, אַז דער גאָט, וואָס שפייזט מיך און גיט מיר כ ו ח צו האָרעווען פאַר מיין קראַנקן מאַן און פאַר מיינע עלנדע קינדער, וועט מיר כ ו ח געבן אויסצוהאָרעווען די עטלאַכע

רובל ש כ ר־ל י מ ו ד פאַר מײַן קינד... און וואָס בעט איך א־דען? ש כ ר־ל י מ ו ד דעם ר ב י׳ן, וואָס לערנט מײַן קינד זײַן הײליקע ת ו ר ה! ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם, קענסטו גאָר אַ האַרץ האָבן מיר ניט צו ענטפערן אויף מײַן פרומען באַגער? איך ווע... אײַך צאָלן, צאָלן, ר׳ בערל, מיט אַלע אײַערע באַלעבאַטים צוגלײַך צאָלן!

— קאָן שוין אײַער אינגל עפּעס? — האָט ר׳ בערל געפרעגט, טאָמער וועט ער זיך קענען אָפּטשעפּן פון איר מיט דעם ת י ר ו ץ, אַז דאָס קינד קען נאָך גאָר נישט און פאַר אים איז דערווײַל גענוג אַ קלענערער מ ל מ ד.

— פאַרהערט אים און זעט אַלײן, וואָס פאַר אַ וואויל אינגל דאָס איז. מיט אים וועט אײַך אַ ת ע נ ו ג זײַן צו לערנען!

בערל האָט צוגערופן יאָסעלען, אים פאַרהערט און האָט זיך ב א מ ת געוואונדערט, ווי דאָס קינד ווײס און געדענקט אַלץ, וואָס ער האָט ביז איצט געלערנט און קען שוין מער פאַר זײַנע אַלע ח ד ר־אינגלאַך. ער האָט יאָסעלען אַ גלעט געטאָן איבער׳ן קעפּל און געזאָגט: „אַ וואויל אינגל, גאָר אַ וואויל אינגל. אַ שאָד, ב נ א מ נ ו ת, אַ שאָד!“

כיענע זײַנען אַזש טרערן אַרוים פון די אויגן, הערנדיק, ווי ר׳ בערל לויבט איר קינד.

— וואָס ענטפערט איר מיר איצט, ר׳ בערל?

— ווײסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? — האָט ר׳ בערל נאָך עטלאַכע מינוט י ש ו ב־ה ד ע ת געזאָגט.—איך האָב ר ח מ נ ו ת טאַקע אויף אײַך אויך. איך וואָלט אַ ו ו ד א י ניט קוקן אויף אײַערע עטלאַכע רובל ש כ ר־ל י מ ו ד, וואָס וועט אָבער מײַן ווײַב זאָגן? און איר איז אויך ניט צו פאַרדענקען: זי ווײס, אַז אָן געלט גיט דער גוי די קאַרטאָפל ניט, קײן וועגל האָלץ ניט, און דער קרעמער — קײן ברויט און קײן גרויפּן ניט. ד י ר ה־געלט מוז מען צאָלן, פאַרשטײט איר? אַ ו ו ד א י ברויכט איר גוט, גוט

אין זינען האָבן, אַז מײַנע צען רובל אַ ז מ ן זאָלן מיר באַצאָלט ווערן. מיט אײַער אינגל, פאַרשטײַט איר מיך, מוז מען טאַקע גאָר אַנדערש לערנען; נ ג י ד׳ישע קינדער ברויכן ניט פיל, פאַר זײ איז נאָך ד י ו ה ו ת ר, וואָס איך לערן מיט זײ; מיט אײַערן מוז מען גאָר אַ ס ך לערנען, ווי איך פאַרשטײ לערנען! אָבער אײן זאַך שטײַט מיר נאָך אין וועג: צי וועט עס די טאַטע-מאַמעס פון מײַנע ת ל מ י ד י ם אָנשטײן, אַז אײַער אינגל זאָל לערנען אין אײן ח דר מיט זײערע קינדער?...

— פאַרוואָס זאָל זײ ניט אָנשטײן? — האָט כיענע אָן אָנגע־צונדענע געפרעגט. — איז א פ ש ר מײַן יאָסעלע ניט אַזאַ ערלאַך קינד ווי זײערע קינדער? איז מײַן טאַטע, אַ ליכטיקן ג ן־ע ד ן זאָל ער האָבן, ר׳ יאָסעלע מ ג י ד, ניט אַזאַ פרומער איד און מ ו פ ל ג געווען, וואָס אַ פ י ל ו דער ר ב אונזערער פלעגט פאַר אים ד ר ך - א ר ץ האָבן? איך האָף צו גאָט, אַז וואָס מײַן קינד האָט שוין אין אײן פוס, האָבן עס זײערע קינדער נאָך ניט אין קאָפּ!

בערל האָט פאַרשטאַנען, ער וועט זיך ניט אויס׳ט ע נ ה׳ען מיט איר, דעריבער האָט ער איר קורץ און שאַרף געזאָגט:

— ווילט איר, איך זאָל אײַער אינגל אין ח ד ר אַרײַננעמען, מוזט איר גײן צו מײַנע באַלעבאַטים, און טאַקע דער ע י ק ר צו די באַלעבאָסטעס און פּ ו ע ל׳ן בײַ זײ, אַז זײ זאָלן קײן ט ע נ ו ת נישט האָבן דערנאָך!...

געגנוג רײד, ת ח נ ו נ י ם און ב ר כ ו ת האָט כיענען געקאָסט, ביז שײנדעלע די ב ע ל־טאַקסעטע האָט אײַנגעוויליקט, אַז פונאיר איז קײן מ נ י ע ה ניט, נאָר אַז כיענע זאָל איר צוזאָגן, איר יאָסעלען צו פירן רײן און ציכטיק, און בערל זאָל איר מ ב ט י ח זײַן, אַז ער וועט אַכטונג געבן, יאָסעלע זאָל זיך צופיל ניט ח ב ר׳ן מיט איר ליבעלען, און זען, ער זאָל בײַ אים אין ח ד ר קײנמאָל

ניט אויסנאַרן נישט פון דעם עסן, נישט אַ קאָפּיקע מ ז ו מ ן, וואָס זי גיט איר לייבעלען מיט אין ח ד ר אַריין.

אַז שיינדעלע האָט אַזאַ ת נ א י אויסגענומען און מ ס כ י ם געווען, האָבן שוין די איבעריקע מאַמעס פון בערלס ת ל מ י ד י ם אַ״ך דאָסזעלבע געזאָגט, און אין איין שיינעם פרימאָרגן, האָט כיענע איר קינד אַרומגעוואַשן, עס אָנגעטאָן אין אַ נייַ רעקל, וואָס זי האָט אים נאָך נעכטן פאַר גאַנצע צען גילדן געקויפט, און אים אָנגעזאָגט, אַז פון היינט אָן וועט ער מוזן אַלע טאָג פריער אויפשטיין און גיין צו ר׳ בערלען אין ח ד ר אַריין.

— זע זשע, מיין קינד, — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן אים אָנגעזאָגט, — איך האָב דיך אויסגעלייזט פון דיין טאַטנס הענט, וואָס וואָלט דיך גאָר דער׳ה ר ג׳עט אָדער פאַר אַ קאַליקע געמאַכט, ווען איך דערלאָז, ער זאָל מיט דיר וויַיטער לערנען. איך טו איצט פאַר דיר מער אַ ס ך, ווי מיינע כ ו ח ו ת זיינען... צען רובל אַ ז מ ן האָב איך זיך מ ת ח י י ב געווען, און מיין קאָפּ וועט מיר געווּג טריקענען און דאַרן, וואו די צען רובל צו פאַרדינען! איך וועל ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, מיין קינד, איך זאָל פאַר דיין לערנען דעם ר ב י׳ן ניט שולדיק בלייבן; זע זשע, מיין קינד, מיין קרויז, צו ווּעלן לערנען! דאָס איז די איינציקע טרייסט מיינע אויף דער וועלט און מיין גאַנצע נ ח מ ה אויף יענער וועלט. ניט אויף דיין טאַטן דעם קראַנקן, נעבאַך, קאָנסטו בויען, ניט אויף מיר, כאָטש דער אימפּעט טראָגט מיך נאָך מיינע וויַיטיקן צו פאַרגעסן און אייך אַלעמען מיט עסן צו פאַרזאָרגן. קענסטו וואַרטן, איך זאָל דיר נאָך גוטס טאָן און דיר ליכטיק מאַכן דיין פינסטערע וועלט? די איינציקע נ ח מ ה און י ש ו ע ה פאַר אַן אָרים קינד איז די הייליקע ת ו ר ה, וואָס גאָט ב ר ו ך־ה ו א האָט זיין פאָלק י ש ר א ל געגעבן! וועסטו לערנען ת ו ר ה און קענען, וועט זי דיך פון דיין מאַמעס אָרימקייט אַרויסנעמען. דו וועסט ווערן אַ וואוילער אינגל, און אַז די מ ז ל׳דיקע ש ע ה וועט קומען, וועט זיך געפינען אַ

ג ב י ר, אַן ע ו ש ר, וואָס וועט דיך פאַר זײַן קינד פאַר אַ ח ת ן נעמען, דיר געבן אַ ס ך טויזנטער נ ד ן, וועט צוליב דיר דײַן טאַטע-מאַמע באַגליקן, און אַ פ י ל ו דער מ ז ל פון דײַנע אָרימע שוועסטער וועט צוליב דיר אָנהייבן שײַנען, דײַן מאַמעס מי און צ ע ר וועט אָנגעלייגט זײַן, און ווער וועט צו מיר גלײַך זײַן?! דערוויילע, יאָסעלע, דאַרפסטו נאָר האָבן איינס אין זינען: ווען לערנען און קענען לערנען! זיך ניט ח ב ר ן מיט די ח ד ר-אינגלאַך, ניט מ ק נ א זײַן זייערע שיינע קליידער, ניט זייערע גוטע זאַכן און געלט, וואָס דו וועסט זען בײַ זיי; זייערע טאַטע-מאַמעס זײַנען נ ג י ד י ם, רײַכע און קענען זיי מיטגעבן אין ח ד ר כ ל-ט ו ב; דײַן טאַטע-מאַמע זײַנען אָרימע לײַט. דערפאַר אָבער האָסטו מער ש כ ל פאַר זיי, און אַז דו וועסט נאָר קענען לערנען, וועסטו נאָך אַמאָל זײַן רײַכער פאַר זיי. געדענק, יאָסעלע, וואָס איך זאָג דיר אָן, און זאָג עס מיר צו צו פאָלגן!

כיענע האָט עס מיט טרערן גערעדט. יאָסעלע, אויף איר קוקנדיק, האָט אויך געוויינט, און אַז זיי האָבן ביידע די טרערן זיך אָפגעווישט, האָט כיענע יאָסעלען צו ר ב בערלען אין ח ד ר אַרײַנגעפירט.

---

## ה.

אין אָנהייב איז ר׳ בערל מיט יאָסעלען זיך באַגאַנגען ווי מיט אַלע זײַנע ת ל מ י ד י ם און פלעגט אים שטענדיק אַרויסשטעלן פאַר אַ מוסטער געגן אַנדערע קינדער, זיי צו ווײַזן, ווי אַזוי מען דאַרף אַ ר ב י׳ן פאָלגן און ווי אַזוי מען ברויכט צו געדענקען, וואָס מען לערנט. נאָר ווי מיט אַן אָרים קינד אַן אײַנגעבעטענעם בײַ איר מאַן אין ח ד ר, האָט די ר ב י׳צן זיך אָנגעהויבן שאַפן מיט אים, אַמאָל אין קרעמל נאָך זאַלץ און נאָך גרויפּן און אַמאָל אויך

איר ח י ה׳לען צוזאַמען, ווען זי האָט קיין צייט ניט לעבן וויג צו זיצן. מיט דער צייט איז זי דערצו אַזוי געוואוינט געוואָרן, אַז זי פלעגט שוין מיט אַ ט ע נ ה אָנפאַלן אויף איר מאַן, וואָס ער האַלט יאָסעלען אַמאָל צו לאַנג ביים ח ו מ ש, ב ע ת אין שטוב איז נאָך אַ ברעקל האָלץ ניט אַריינגעטראָגן געוואָרן, מיט וואָס וואַרעמס צו קאָכן.

בּיסלאַכווייז האָט זיך אויך ר׳ בערל אַליין צוגעוואוינט אַוועק־צוקוקן פון יאָסעלען, צו פאַרגעסן אַמאָל צו לערנען מיט אים; און אַמאָל, אַז ער איז אין כ ע ס געוואָרן אויף לייבעלען שיינדעלע דער ב ע ל־טאַקסעטעס, געכאַפּט דעם קאַנטשיק אים מ כ ב ד צו זיין און זיך אָבער דערמאָנט, אַז דאָס איז לייבעלע, דאָס ציטעריקע נאָכ־געגעבענע לייבעלע, און ער וועט ביי שיינדעלען דעם גאַנצן ח ן פאַרלירן פאַר אַזאַ קלאַפּ, האָט ער די האַנט פאַמעלאַך אַראָפּגעלאָזן אויף יאָסעלען און זיך באַלד פאַרענטפערט, אַז ניט אים, נאָר לייבעלען האָט ער געמיינט צו טרעפן. יאָסעלע אַליין האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ע ל־פּ י־ט ע ו ת געווען; ב פ ר ט אַז דער ר ב י האָט דעם שמיץ אַזוי מיט ר ח מ נ ו ת אַראָפּגעלאָזן, און אים האָט עס ניט שטאַרק וויי געטאָן, האָט ער ניט געוויינט און קיין ט ע נ ו ת ניט געהאַט; נאָר דער ט ע ו ת האָט אָנגע־הויבן זייער אָפט פאָרצוקומען און פון איינמאָל צום אַנדערן — אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. יאָסעלע האָט שוין געפּרוּווט וויינען, שרייען, גאָר שווייגן און נאָר כליפּן, פאַרפאַלן! ר׳ בערל איז צו דעם ט ע ו ת אַזוי געוואוינט געוואָרן, אַזוי ווי יאָסעלע וואָלט טאַקע ל כ ת ח י ל ה צוליב דעם נאָר באַשאַפן געווען, זיין קאַנטשיק זאָל שטענדיק אומגערן אים טרעפן, ער מעג זיך צילן אויף וועמען ער וויל.

דאָס אָרימע קינד האָט געוואוּסט, אַז ער איז ניט שולדיק, אַז ער האָט דעם קאַנטשיק ניט פאַרדינט; נאָר אַז שולדיק איז דער ר ב י, האָט ער ניט פאַרשטאַנען. ערשטנס, זאָגט דער ר ב י

אַלײן, אַז דאָס איז אומגערן; צװײטנס איז ער געװאױנט געװען נאָך פֿון דער הײם, אַז אים זאָל מען שלאָגן. ער האָט כ מ ע ט קײנמאָל ניט געװאוסט, פֿאַרװאָס שלאָגט אים דער טאַטע, ער האָט נאָר געװאוסט, אַז װען אים טוט װײ, גיט ער אַ געשרײ, װײנט ער און כליפּעט, כאָטש ער װיל ניט שרײַען, װיל ניט װײנען און כליפּען... נאָר אין די לעצטע עטלאַכע טעג האָט ער פֿונדעסטװעגן דערפֿילט, אַז אים װערט װאָס אַ טאָג פֿיל ערגער... שױן צװײ ח ד ש י ם, אַז כיענע האָט ניט פֿאַרדינט אַ קאָפּיקע אַן איבעריקע, דעם ר ב י׳ן זײַן ש כ ר־ל י מ ו ד צו שיקן, און ר׳ בערל האָט שױן געהאַלטן פֿאַר פֿאַרפֿאַלן און גערעכנט, ער לערנט מיט יאָסעלען אומזיסט. „און פֿאַר װאָס זאָל איך לערנען אומזיסט?“ פֿלעגט ער צו זיך רעדן און די כ ו ו נ ה אַרײַנלײגן אין קאַנטשיק און אין די ריטער, אַז עס איז אַן ע ו ו ל ה פֿון כיענען, װאָס זי צאָלט אים ניט. „איך האָב איר פֿריער געזאָגט, אַז איך קען מיט איר יאָסעלען אומזיסט ניט לערנען!“... געמײנט האָט ער, יאָסעלע װעט דאָס דערצײלן דער מאַמען, און זי װעט פֿאַרשטײן, אַז דער ר ב י איז אין כ ע ס.

— זאָל זי מיר צאָלן! — פֿלעגט ער צו זיך רעדן. — ניט איך האָב זי געבעטן איר קינד צו מיר אין ח ד ר אַרײַנגעבן; זי האָט ניט אָפּגעטרעטן און איך האָב אים מיט געװאַלד מ מ ש אַרײַנגענומען, דאַרף זי מיר צאָלן; אַז ניט, זאָל ער גײן געזונטערהײט, װעל איך פֿאַרשפּאָרן שטענדיק אַכטונג געבן, ער זאָל די מ ז י ק י ם מײַנע צוריק ניט אַ קלאַפּ טאָן, װען זײ שלאָגן אים. טאָקע אַ שטילער און טשעפּעט זיך ניט מיט קײנעם, אָבער אַזעלכע מ ז י ק י ם, אַז זײ קענען מיך אַרױסברענגען פֿון געדולד, איז ער דאָך נישט מער װי אַ קינד און קען אַמאָל װעמען פֿון זײ אַ קלאַפּ טאָן, אַ ס י מ ן מאַכן. און דאָס פֿעלט מיר נאָך!... איך האָב שױן אַזױ אױך פֿון שװײנדעלען, פֿאַר דער ט ו ב ה, װאָס זי האָט מיר געטאָן, מיר מיט אַ האַלבן מױל ערלױבט דאָס אָרימע קינד אין ח ד ר אַרײַנצונעמען! מיט אַזעלכע ד י ב ו ר י ם פֿלעגט ר׳ בערל פֿאַר זיך אַלײן

פֿאַרענטפֿערן זיך, וואָס ער פּײַניקט אַלײן דאָס אָרימע קינד, וואָס ער לאָזט דאָס ווײַב זײַנס זיך שאָפֿן מיט אים, ווי מיט אַן אומזיסט מ ש ר ת׳ל, און וואָס ער לאָזט צו אָפֿט, אַז אויך זײַנע זאַטע ת ל מ י ד י ם זאָלן שלאָגן דעם אָרימען האַלב־הונגעריקן יאָסעלען, ווײַל ער איז אָרימער פֿאַר זײ!

יאָסעלע אָבער האָט זײַן מאַמען פֿון ח ד ר גאָרנישט אויסגעזאָגט. ערשטנס, טאָר מען פֿון ח ד ר נישט אויסזאָגן; צווייטנס, האָט ער אויף דער עלנדער מאַמען אַזאַ ר ח מ נ ו ת געהאַט, אַז ער האָט נאָר געקענט ווײנען קוקנדיק, ווי זי ווײנט, און האָט שטענדיק זײַנע אײגענע פּײַן און לײַדן פֿאַרגעסן.

— צו וואָס באַשאַפֿט גאָר גאָט אַ ק ב צ ן, אַן אָרימאַן אויף דער וועלט? — הערט ער אָפֿט, קומענדיק פֿון ח ד ר אַהײם, די מוטער ט ע נ ה׳נדיק און ווײנענדיק. — צו וואָס גיט ער אַזוינעם קינדער אויף צ ר ו ת און פּײַן, אויף הונגער און קעלט, אַז ער גיט אים ניט מיט וואָס זײ צו דערנערן, מיט וואָס זײער נאַקעטקײט צוצודעקן, זײ זאָלן נעבאַך פֿון קעלט ניט אומקומען? — עסן, מאַמע, עסן! — בעטן זײ די הונגעריקע מאַמען זײערע... — עסן! נאַט, עסט מײַן פֿלײש, מײַן הויט אויף מײַנע בײנער, איך וועל קײַן גרעסערן ווײטיק ניט פֿילן, ווי דער ווײטיק מײַנער, וואָס איך האָב אײַך ניט צו געבן!...

דערזעענדיק יאָסעלען, אַרײַנקומענדיק אַ פֿאַרשמאַכטער פֿון ח ד ר, פֿרעגט זי: „וואָס זאָל איך דעם אָרימען קינד געבן? פֿון אַכט אין דערפֿרי ביז נײַן בײַנאַכט אין ח ד ר געזעסן, אַ פֿאַרטריקנטער, הונגעריקער נעבאַך. אָט איז ער צו דער מאַמען געקומען זיך אָפּפּאַסטן פֿון זײַן ניט געבאָטענעם ת ע נ י ת, און די מאַמע, די פֿינסטערע, האָט הײַנט אַ פּ י ל ו אויף אַ פֿונטל ברויט ניט פֿאַרדינט, כאָטש זי איז מײַלן אויסגעלאָפֿן פֿון אײן נ ג י ד ה צו דער צווײטער. גאָט זאָל שוין דײַן עלנד און מײַן צ ע ר צוזען אַמאָל, אָרים קינד מײַנס! נישטאָ הײַנט קײַן וועטשערע, לײג זיך

שלאָפֿן, יאָסעלע, אַ הונגעריקער, אָרים ע ו פ׳עלאך! ... דערביי צעוויינט זי זיך אַזוי, אַז ער פֿאַרגעסט זיין הונגער, און וויינענדיק ענטפֿערט ער:

— מאַמע, איך וויל ניט עסן, איך וויל ניט עסן. וויין ניט, וויין ניט, מאַמע! ...

אַן אַנדער מאָל געפֿינט ער די מאַמען, ווי זי זיצט אַריבער־געבויגן איבער׳ן וויגעלע, וואו זיינע צוויי ברידערלאך, דער צווילינג, ליגן, ביידע טויט־קראַנקע נעבאַך. זי ברעכט די הענט, גרויסע קיילאַכדיקע טרערן קייקלען זיך איינע נאָך דער אַנדערער איבער אירע איינגעצויגענע באַקן, און ט ע נ ה׳ט: „אָרימע ע ו פ׳עלאך מיינע! צו וואָס האָב איך אייך אויף דער וועלט געבראַכט? וואָס האָב איך צו אייערע כ ש ר׳ע נ ש מ ה׳לאך געהאַט? פֿאַרברענט. פֿאַר׳ש ר פֿ ה׳עט זיינען די ליפּעלאך אייערע, אויסגעטריקנט, אויסגעמאָגערט די ביינדעלאך. אַ העליש פֿייער ברענט אייער לייבעלע און עסט עס אויף ווי אַ ליכט! אַי, אַן אייזערן האַרץ מוז צעגיין, צעשמאָלצן ווערן קוקנדיק אויף אייך. און ווי זאָל אַ מאַמעס האַרץ עס זעענדיק ניט צעשפּרונגען ווערן, אומשולדיקע נ פֿ ש ו ת׳לאך!"

און די אומגליקלאַכע מוטער הייבט אָן צו רייסן די האָר פֿון איר קאָפּ פֿאַר ווייטיק. יאָסעלע וויינט זיך אויך פֿאַנאַנדער, נאָר די מאַמע, ניט פֿילנדיק זיך אַליין, גיט אַ געשריי אויף אים:

— ד ו האָסט מיר נאָך געפֿעלט? ווייניק צ ר ו ת א פֿ ש ר האָב איך ח ו ץ דיר? אַט שטייט עסן, עס אָפּ און לייג זיך שלאָפֿן!

נאָר יאָסעלע וויינט ווייטער, און כיענע לאָזט אויס איר האַרץ צו אים, שלאָגט אים, קנייפּט אים, זי ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס. יאָסעלע לאָזט זיך שלאָגן, קנייפּן, קושט דער מוטערס הענט. אים דאַכט, אַז איר איז עס גוט; ער פֿילט אַליין, אַז דאָס הערצל, וואָס האָט אים געקלעמט פֿון ר ח מ נ ו ת, ווערט אים רואיקער; די

מוטער הערט אויף צו וויינען, ער לייגט זיך שלאָפן, מאָרגן קיין פּריילאַכערן, בעסערן טאָג ניט צו האָבן ווי היינט!

## ו.

איינמאָל, גייענדיק אַ הונגעריקער און אַ פאַרקלעמטער פון חדר אַהיים, האָט יאָסעלע עפּעס אויפגעהויבן אין גאַס. ער האָט געפילט, אַז אין דעם עפּעס איז דאָ געלט, און איז אָן אָטעם אַהיים געלאָפן.



— מאַמע, זע, וואָס איך האָב געפונען! — האָט ער, פאַרשוויצט און פאַרמאַטערט פון לויפן, קוים אַרויסגערעדט.

כיענע האָט עס צוגענומען. עס איז אַ בײַטעלע געווען מיט עטלאַכע רובל. זי האָט באַלד די טיר צוגעשפּאַרט, אַ זײַטיקער מענש זאָל נישט אַרײַנקומען, און גענומען דורכזוכן די מ צ י א ה, אַ רעכט ביסל זילבערגעלט און אַ פּאָר פּאַפּירלאַך בילעטן, אינײַנעם אַ רובל צוועלף.

— גאָט האָט אונז צוגעשיקט צו דער רעכטער צײַט! — האָט כיענע צופרידן אויסגערעדט. ב ר ו ך, דער קראַנקער מאַן אירער, איז אַראָפּגעקראָכן פון באַנק אַ קוק טאָן, וואָס יאָסעלע האָט געפונען.

— טאָמער איז דאָס נאָך ק ו ד ם י א ו ש? פרײַ זיך נאָך ניט! — האָט ב ר ו ך, זעענדיק איר ש מ ח ה, געזאָגט.

— ווײַס איך וואָס דו רעדסט! — האָט זי זיך אָפּגערופן. — דער ר י ב ו נ ו־ש ל־ע ו ל ם האָט יאָסעלען צוגעשיקט אַ מ צ י א ה, איך זאָל האָבן מיט וואָס פאַר אים ש כ ר־ל י מ ו ד צו באַצאָלן.

— וואו האָסטו עס געפונען? — האָט ב ר ו ך יאָסעלען געפרעגט.

— אין גאַס, לעבן ח י י ם שענקער!

— אין גאַס, אין ר ש ו ת־ה ר ב י ם, לעבן ח י י ם שענקער, און הײַנט איז אַ יאַריד, קען טאַקע זײַן ל א ח ר י א ו ש ב ע ל י ם, איז טאַקע אַ כ ש ר'ע מ צ י א ה! — האָט ב ר ו ך געלערנט דעם פּשט. — ע ל - כ ן, כיענע, — זאָגט ער, — וואָלט אַ י ו ש ר זײַן, דו זאָלסט מיר מאָרגן קויפן אַ פּאָר נײַע שיך, איך האָב שוין ניט מיט וואָס אַ פּ י ל ו אין שטוב אַרומצוגיין.

— מיט שיך וועסטו ניט פאַרזאַמען. — האָט כיענע געענטפערט. — פריער פאַר אַלץ נעם איך אַראָפּ פיר רובל און שיק מיט יאָסעלען זײַן ר ב י'ן אַוועק. און אַז שוין יאָ קויפן שיך, וועל איך קויפן יאָסעלען אַ פּאָר נײַע שיכלאַך: ער דאַרף אין ח ד ר גיין, און דאָס האַרץ איז מיר געגנוג אויסגעריסן זעענדיק, ווי די פינגער־לאַך קוקן אים שוין אַרויס פון זײַנע שיכלאַך... פאַרוואָס זאָל מײַן קינד פאַרשעמט ווערן? ער לערנט דאָך פאָרט אין אַ נ ג י ד'ישן

ת ד ר! נאָכדעם וועל איך מאָרגן אויפ׳ן יאַריד קויפן אַ ביסל קאַרטאָפל, האָלץ, קאָרענע מעל אַ פאָר פוד, וועט כאָטש זײַן ברויט אין שטוב. און אַז עס וועט נאָך עפּעס בלײַבן, בין איך בילכער פאַר דיר, מיר אַ פאָר שיך צו קויפן. דו זיצסט פאָרט אין דערהײם, איך אָבער מוז לויפן פאַרדינען אַ קאָפּיקע.

— זיך און איר זונדל! — האָט ב ר ו ך געוואָרטשעט פאַר זיך. — איך ברויך שוין גאָר נישט... גאָר נישט!... גיב דעם ר ב י׳ן צוויי רובל, וועט אים אויך גענוג זײַן, און פאַר אַ רובל קויף מיר אַ פאָר שיך!

— וואָס זאָל איך מיט דיר ט ע נ ה׳ן? — האָט זיך כיענע ניט געקענט אײַנהאַלטן. — זעסט דען ניט, אַז גאָט האָט עס צוגעשיקט אין גאַנצן א פ ש ר צוליב דעם ר ב י׳נס ש כ ר־ל י מ ו ד? ווי אַ מענש נעמט זיך פאָר, אַזוי העלפט אים גאָט! איך האָב זיך פאָרגענומען צו צאָלן פאַר מײַן קינד ש כ ר־ל י מ ו ד, אָט האָט ער יאָסעלען טאַקע אַלײן זײַן ר ב י׳נס ש כ ר־ל י מ ו ד אין האַנט אַרײַנגעשיקט. עס איז א פ ש ר נאָר אַ נ י ס י ו ן פונ׳ם ר י ב ו נ ו־ ש ל־ע ו ל ם, ער וויל זען, ווי וועל איך מײַן ש בו ע ה מ ק י י ם זײַן, וואָס איך האָב ר׳ בערלען געשוואָרן אים צו צאָלן!...

אויף מאָרגן פרי האָט כיענע אײַנגעבונדן אין יאָסעלעס א ר ב ע־ כ נ פ ו ת אַ דרײַ־רובלדיקן בילעט מיט אַ רובל זילבער־געלט, אײַנ־ געוויקלט אין אַ פּאַפּירל, געהײסן דאָס אָפּגעבן דעם ר ב י׳ן און ניט דערצײלן קײנעם קײן מ ע ש ו ת, וואָס ער האָט געפונען. אַלײן איז זי אַוועקגעלאָפן אין מאַרק עפּעס אײַנקויפן אין שטוב אַרײַן.

יאָסעלע האָט דעם ר ב י׳ן אָפּגעגעבן דאָס געלט, דער ר ב י האָט אים אַ גלעט געטאָן און געזאָגט, ער איז גאָר אַ וואוילער אינגל! האָט מיט אים הײַנט געלערנט, אַ ס ך געלערנט, ניט אײן קלאַפּ, ניט אײן שמיץ — ניט גערן ניט אומגערן — אים געגעבן. די ר ב י׳צן האָט זיך אויך ניט געשאַפט הײַנט מיט אים, אין קרעמל איז זי אַלײן געגאַנגען, און נאָר אַ פאָר מינוט האָט ער נאָך צוגעוויגט

דאָס קינד, אַז דאָס האָט אים די ר ב י׳צן געזאָגט: „לאַנג לעבן זאָלסטו, יאָסעלע, וואָס פאַר אַ גוט קינד דו ביסט, און איך האָב דיך טאַקע אמת ליב!“

וואָרמעס איז ער אויך געגאַנגען עסן מיט אַלע אינגלאַך צוגלייַך. נאָך אין דער פרי האָט אים די מאַמע אָנגעזאָגט, ער זאָל קומען עסן: הייַנט קאָכט זי וואָרמעס, כאָטש זי האָט אים אין חדר מיטגעגעבן אַ מזומנ׳ע קאָפּיקע זיך וואָס צו קויפן, ווען דאָס הערצל וועט אים חלש׳ן. און ווי גוט איז צו אים דער טאַטע הייַנט געווען! כיענע האָט אַ מציאה געהאַנדלט: פאַר צוועלף גילדן האָט זי געקויפט אַ פּאָר ווייַבערשע שיך פאַר זיך און אַ פּאָר וואַרימע פּאַנטאָפל פאַר איר אַלטן. „אויף אים אויך אַ רחמנות!“ — האָט זי געזאָגט. און אַ וואָרמעס איז געווען גאָר אַ גוטער: מילכיקע פאַרפל, וואָס יאָסעלע האָט עס זייער ליב געהאַט.

אויף מאָרגן און איבער-מאָרגן אויך אַזוי. אַ פּאָר נייַע שיכלאַך האָט די מאַמע פאַר אים געקויפט, און הייזלאַך נייַע האָט זי אַלייַן אויפגענייט — דער שכן, דער שנייַדער, האָט איר פאַר אַ גוט וואָרט צוגעשניטן. און אויך דער ר ב י איז גוט, גלייַך ווי די פיר רובל זייַנע האָבן אַפילו דעם קאַנטשיק זייַנעם אויסגעלערנט, ער זאָל מער קיין טעות ניט האָבן. אַפילו אין חדר איז שוין גאָר אַנדערש: אַז דער ר ב י איז גוט, זייַנען זייַנע תלמידים אויך ניט שלעכט. הונגערן הונגערט מען שוין מער ניט, דער טאַטע שילט ניט, אַפילו הוסטן הוסט ער ווייניקער.

אַזוי האָט זיך געצויגן אַ פּאָר וואָכן. יאָסעלע האָט כמעט פאַרגעסן די צרות זייַנע פון אַמאָל און געמיינט, ער איז שוין גלייַך מיט זייַנע חברים אין חדר. אָבער ווי דערשראָקן און אומעטיק איז ער געוואָרן, ווען די מאַמע האָט אים איינמאָל געשיקט אין חדר אַרייַן און אויסער אַ שטיקל טרוקן ברויט האָט זי ניט געהאַט אים מיטצוגעבן אויף אַ גאַנצן טאָג! ער האָט זיך גע׳ברוגז׳ט, זיך געוואָלט איבערנעמען אַביסל; נאָר אַז ער האָט

אין דער מאַמעס אויגן טרערן דערזעהן, איז ער אַוועק אין ח ד ר מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט...

און דאָ האָבן זיך ביסלאַכוויַיז צוריק אומגעקערט די פּיַין און י ס ו ר י ם פון אַמאָל. די ר ב י׳צן האָט זיך מיט אים געשאַפט ניט בלויז אין קרעמל און מיט איר קינד זיך גיאַנטשען, נאָר אָט איז זי אים מ כ ב ד צו גיין מיט איר צום טיַיך, איר צוהעלפן דאָס ורעט אַוועקטראָגן. וואָס אַ טאָג, האָט אויך דער ר ב י מיט זיַין קאַנטשיק אָלץ עפטער זיַין אַמאָליקן ט ע ו ת געהאַט; און כאָטש יאָסעלען האָט עס איצט ניט מער וויי געטאָן ווי אַמאָל, נאָר יעדעס מאָל האָט עס זיַין הערצל געפּיַיניקט, און ער האָט דעם וויַיטיק אַנגעהויבן פילן לענגער און טיפער ווי פריער. פריער האָט ער קיין ש א ל ו ת ניט געפרעגט, קיין ט ע נ ו ת ניט געהאַט, פאַר וואָס מען שלאָגט אים; ער האָט בלויז איין זאַך געוואוסט, אַז אַ שמייץ טוט וויי, אַז הונגער איז אַ פּיַין. נאָר איצט האָט ער דערפילט, כאָטש ניט קלאָר, אַז אויסער קלעפּ און הונגער איז דאָ עפּעס, וואָס טוט נאָך מער וויי און פּיַיניקט מער ווי קלעפּ און הונגער, און דאָס איז די אָרימקיַיט און אומגערעכטיקיַיט, וואָס ווערט צוליב זיַין אָרימקיַיט געטאָן... ער האָט עס ניט איבערגערעדט, ניט געטראַכט אַ פ י ל ו, נאָר דאָס הערצל זיַינס האָט געפילט, אַז נאָר זיַין מאַמעס אָרימקיַיט איז שולדיק אין אַלע זיַינע ליַידן, און ער האָט אָנגעהויבן צו וועלן זיַין ריַיך... אַזוי ווי ליַיבעלע, אַזוי ווי מ ש ה׳לע און ווי אַלע אינגלאַך אין ח ד ר... און אַז ער פלעגט דאַווענען, פלעגט ער זיך שוין ניט צוהערן צו די ווערטער, וואָס ער דאַוונט, ווי פריער, נאָר דאָס הערצל פלעגט ביַי גאָט בעטן: „גאָט, מאַך, איך זאָל נאָך אַמאָל אַ ביַיטעלע מיט געלט געפינען, אַ ס ך, אַ ס ך געלט, מיַין מאַמע זאָל ריַיך זיַין ווי ליַיבעלעס מאַמע, ווי מ ש ה׳לעס מאַמע; זי זאָל ניט וויַינען, דער טאַטע זאָל ניט הוסטן, ניט שעלטן, און דער ר ב י זאָל מיך ניט שלאָגן!“

אין אַזעלכע געדאַנקען פלעגט ער אויך פאַרטראַכט זיַין און

אַמאָל ניט וויסן, וואָס דער ר ב י פרעגט און לערנט מיט אים. ניט הערן, ווי די ר ב י׳צן רופט אים, און פלעגט כאַפּן אַ שמײַן, אַ קלאַפּ פאַר זײַן ניט ענטפערן צו דער מינוט, פאַר זײַן ניט אָפּרופן זיך, ווען די ר ב י׳צן שרײַט צו אים. אָפט, אַזוי פאַרטראַכטערהײַט, פלעגט ר׳ בערל זיך אַ שפּאַסל מאַכן און אים געבן אַ שנעל אין נאָז, אים זאָגן, אַז דאָס קומט אים פאַר זײַן פאַרטראַכטקײַט. ר׳ בערל פלעגט אויך די קינדער הײסן אים אַ שנעל אין נאָז געבן, ווען זײ וועלן אים זען אַזוי פאַרטראַכט, פאַר׳ח ל ו מ׳ט. ח ב ר ה האָט עס מער ניט באַדאַרפט, און יאָסעלעס נעזל איז שטענדיק רויט און געשוואָלן געווען פאַר זײַנע מ ח ש ב ו ת, וועלכע קײנער האָט ניט געוואוסט. גײענדיק פון דער הײם אין ח ד ר און פון ח ד ר אַהײם, האָט ער אָנגעהויבן האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, די אײגעלאַך זײַנע האָבן אַ מ צ י א ה געזוכט, אַ מ צ י א ה, וואָס גאָט מוז אים צושיקן, ווי ער בעט אים דרײַ מאָל אַ טאָג אין יעדן דאַוונען. אויך אין שלאָף פלעגט זיך אים ח ל ו מ׳ען: ער שטײט אין שול, אַלע אידן דאַוונען, ער דאַוונט אויך און בעט גאָט, די מאַמע זאָל רײַך זײַן, דער טאַטע זאָל ניט הוסטן, דער ר ב י זאָל ניט שלאָגן, ניט שנעלן אים אין נאָז, און ער זאָל זײַן גלײַך מיט אַלע אינגלאַך אין ח ד ר...

אָפט פלעגט זיך אים ח ל ו מ׳ען: ער געפינט געלט. אָט ליגט אײן מ ט ב ע, ער הײבט אויף און וויל שוין לויפן צו דער מאַמען; נאָר אָט זעט זיך פון זאַמד אַרויס נאָך אײנע, און נאָך אײנע, אַ ס ך. ער האָט שוין פולע הענט, פולע קעשענעס. נאָר אײדער ער האָט צײַט אַלע אויפצוקלײַבן, גיט דער טאַטע אַ הוסט, ער כאַפּט זיך אויף, עס איז אַ ח ל ו ם געוועזן. עס גלויבט זיך אים נאָך ניט, און ער טאַפּט אַרום זיך; נישטאָ, גאָרנישט דאָ... און עס טוט אים נאָר דאָס הערצל ווײ.

אָן אַנדערש מאָל ח ל ו מ׳ט זיך אים ווידער, ער געפינט געלט, אַ ס ך, אַ ס ך געלט, נאָר ער גלויבט זיך שוין ניט, צי איז דאָס

ב א מ ת, צי נאָר אַ ח ל ו ם, ווי נעכטן, ווי אַלע מאָל. ער מאַכט ס י מ נ י ם, פּרוּאווט, צי איז דאָס אויף אַן א מ ת, און דאַכט זיך, היינט איז שוין געווים אַן א מ ת: אָן זעט ער די מאַמען אין קיך, אָט זיצט דער טאַטע און הוסט; ער הערט דעם הוסט, ער הערט אויך, ווי די ברידערלאַך זיינע אין וויג וויינען, און ער מיינט, איצט איז שוין געווים קיין ח ל ו ם ניט. נאָר ער ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס ווערט; עס הייבט זיך אָן גאָר צו ח ל ו מ'ען אַנדערע זאַכן: דער ח ד ר, דער ר ב י, די ר ב י'צן און דאָס גרעט אירע ביים טייכל. אויף דאָס געפונענע געלט פאַרגעסט ער גאָר און דערמאָנט זיך ערשט, אַז ער האָט געלט געפונען, ווען ער כאַפּט זיך אויף, און ער פילט, עס איז אים אויפ'ן הערצל אַזוי שווער, אַזוי אומעטיק...

כיענע האָט באַמערקט, אַז איר יאָסעלע איז אַן אַנדער קינד געוואָרן; עפּעס איז ער פאַרטראַכט, שטענדיק אומעטיק און רעדט ווייניקער, ווי אַלע מאָל.

— וואָס איז דיר, מיין קינד? — האָט זי געפרעגט. — טוט דיר דער קאָפּ וויי? — זי האָט צוגעלייגט איר האַנט צו יאָסעלעס שטערן, זען—צי האָט ער ניט וואַרימקייט.—א פ ש ר דער בויך, יאָסעלע?— פרעגט זי, מיט ר ח מ נ ו ת קוקנדיק אים אין זיינע אומעטיקע אייגעלאַך.

—מיר טוט גאַרנישט וויי, מאַמע! — ענטפערט יאָסעלע.

— וואָס דען ביסטו אַזוי אומעטיק און מ'זעט קיין פריי־ע מינע ניט פון דיר?

— מאַמע, — האָט יאָסעלע געענטפערט, — ווען וועסטו אויך רייך ווערן ווי לייבעלעס מאַמע?

— ווען גאָט וועט וועלן, מיין האַרציק קינד! דו ווילסט, דיין מאַמע זאָל רייך זיין?

— איך וויל, מאַמע, איך בעט ביי גאָט, דו זאָלסט רייך ווערן!

— פאַרוואָס ווילט זיך דיר דאָס אַזוי? — האָט זי ווידער געפרעגט.

— אַז דו וועסט רייך זיין, וועסטו קיינמאָל ניט וויינען, ניט קריגן זיך מיט'ן טאַטן; וועט דער טאַטע ניט הוסטן און ניט שילטן מיך! — „וועט אים דער ר ב י ניט שלאָגן" — האָט ער מ ו ר א געהאַט צו זאָגן.

— גאָט מעג טאַקע אונז ענטפערן! — האָט כיענע אויפ־הייבנדיק אירע אויגן צום הימל פרום אַרויסגערעדט. — זאָרג נישט, יאָסעלע, זיי ניט אומעטיק; דער איינציגער גאָט, וואָס האָט דיר איינמאָל צוגעשיקט אַ מ צ י א ה, וועט דיר נאָך אַ מאָל אַ מ צ י א ה און טאַקע אַ גרעסערע צושיקן. אויף אַן אַנדערן א ו פ ן ווי רייך צו ווערן האָט כיענע גאָר קיין מעגלאַכקייט ביי גאָט ניט געפונען. — זאָרג נישט, יאָסעלע, — האָט זי אים ווייטער געטרייסט, — גאָט האָט נאָך אַ ס ך פ ר י צ י ם, און די פ ר י צ י ם קענען נאָך אַ ס ך, אַ ס ך געלט פאַרלירן, דו זאָלסט עס געפינען צו באַגליקן דיין מאַמען און זיך אַליין נאָך מער!

אַזוי זיינען אַ פּאָר וואָכן אַריבער. אומזיסט בעט ער גאָט, אומזיסט בייגט ער דאָס קעפּל, און די אייגעלאַך זוכן. דאָס אַלץ איז ווי דער ח ל ו ם זיינער, וואָס ער שטייט אויף מיט די ליידיקע הענטעלאַך. דערווייל וויל ער עסן, דערווייל הוסט דער טאַטע און שילט און רופט אים: „פויער, עשו, ליגט אויף דער מאַמעס קאַרק ווי אַן עקזעקוציע! קראַנק ביסטו צו גיין פאַרדינען, ווי אַלע אָרימע קינדער?" — אַזוי שרייט ער, און יאָסעלע ווייס ניט פאַרוואָס? ווי פאַרדינט מען? די מאַמע, זעט ער, איז אויך שטענדיק פאַרקלעמט און שוואַרץ ווי די ערד, זי הוסט שוין אויך צו צוביסלאַך און כאַפּט זיך אָפּט פאַר'ן האַרצן. אַן אין ח ד ר איז אויך ניט בעסער: דאָ האָט ער, ח ו ץ קלעפּ און שנעלן אין נאָז, אַ צונאָמען באַקומען: „דער ב ע ל - מ ח ש ב ה!" וואָס דאָס איז אַזוינס, ווייס ער נישט,

נאָר דער ר ב י אַלײן רופט אים שױן ניט אַנדערש, און אים װילט זיך נאָך מער װי פריער רײך זײַן.

אײנמאָל האָט שײנדעלע געשיקט מיט׳ן מ ש ר ת אירן אַ גאַנץ טיכל מיט זילבער-געלט. „די באַלעבאָסטע האָט אײַך געשיקט זעקס רובל!“ — האָט דער מ ש ר ת געזאָגט און איז אַרױסגעגאַנגען.

דער ר ב י האָט אָנגעהױבן פאַנאַנדערקלײַבן די מ ט ב ע ו ת. אָבער אין דער ר ג ע האָט ער דערזען דורכ׳ן פענסטער — פּ נ ח ס סטאָליער, דער פאַראַיאָריקער באַלעבאָס זײַנער, בײַ װעמען ער האָט געװאױנט, גײט צו אים, און ער האָט מיט בײדע הענט אַ כאַפּ געטאָן דאָס געלט אין קעשענע אַרײַנשיטן. כאַפּנדיק האָבן זיך עטלאַכע מ ט ב ע ו ת אויף דער ערד אַראָפּגעקײַקלט, און עטלאַכע זײַנען אויך יאָסעלען אויפ׳ן שױס אַרױפגעפאַלן. אַ פּאָר אינגלאַך האָבן געװאָלט אונטער׳ן טיש אַרונטערקריכן אױפקלײַבן די מ ט ב ע ו ת, װאָס האָבן זיך אַראָפּגעקײַקלט. נאָר דער ר ב י האָט אַ װאונק געגעבן, קײנער זאָל זיך ניט אַ ריר טאָן, און יאָסעלע האָט אויך מ ו ר א געהאַט דעם ר ב י׳ן צו דערלאַנגען די, װאָס זײַנען אים אויפ׳ן שױס אַרױפגעפאַלן.

— גוט מאָרגן, ר׳ בערל! — האָט פּ נ ח ס געזאָגט אַרײַנקומענדיק.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר! — האָט דער ר ב י געענטפערט. — זיצט, ר׳ פּ נ ח ס!

— איך בין ניט געקומען זיצן, — ענטפערט פּ נ ח ס, — פּ ט ר׳ט מיך אָפּ און לאָזט מיך גײן. שױן צײַט ר׳ בערל! איבער זעקס רובל, װאָס מיר קומט נאָך ד י ר ה-געלט, לאָזט איר מיך לױפן באַלד אַ יאָר צײַט.

— װאָס דאַרפט איר לױפן? — פרעגט דער ר ב י. — אַז איך װעל האָבן, װעל איך אײַך מיט אַ דאַנק אין שטוב אַרײַנטראָגן.

— הײסט עס, איר ענטפערט מיר איצט אויך דאָסזעלבע, װאָס מיט אַ האַלב יאָר צוריק? נײן, איצט װעל איך ניט אָפּטרעטן.

איצט מוזט איר מיר מײַנס אָפּגעבן! רעדט שוין פּ נ ח ס מיט כ ע ס.

— נו, און אַז איך האָב אָבער ניט? — פרעגט דער ר ב י.

— וואָס הײַסט איר האָט ניט? וואָס איז דאָס מײַן ד א ג ה? גיט איצט וויפיל איר קענט; גיט דרײַ רובל, וועל איך מיט די אַנדערע דרײַ צוואַוואַרטן אַ ח ו ד ש.

— א פ ש ר נאָך ש ב ת, הײַנט האָב איך ניט, ר׳ פּ נ ח ס!

— איך קען אײַך שוין ניט גלויבן, ר׳ בערל! אַלע מאָל ענט-פערט איר מיר, איר האָט ניט. איר ווײַסט גאַנץ גוט, אַז אײַערע באַלעבאַטים זײַנען גוט געלט, ה ל ו ו א י האָב איך ש כ נ י ם אַזעלכע גוטע צאָלער! — ווינשט זיך פּ נ ח ס.

הײַנט האָב איך ב א מ ת ניט, אויף מײַן ה ן - צ ד ק, איך האָב ניט! ווי איר זעט מיך אַ אידן, כאָטש קוילעט מיך פאַר אַ גראָשן! — שווערט ר׳ בערל.

יאָסעלע הערט, ווי דער ר ב י שווערט פאַלש. — טאָר מען שווערן פאַלש? — שרײַט עס בײַ אים אין הערצל, דאָס בלוט הײבט אים אָן צו קאָכן, ער גיט אַ טאַפּ די פּאָר מ ט ב ע ו ת, וואָס ליגן בײַ אים אויפ׳ן שויס, ער ווייס ניט, וואָס ער טוט, נאָר ער באַהאַלט זיי ערגעץ בײַ זיך.

פּ נ ח ס איז אַוועק אָן געלט. דער זייגער האָט געשלאָגן איינס, און דער ר ב י האָט זײַנע ת ל מ י ד י ם געהייסן גיין עסן וואַרמעס.

יאָסעלע איז אַהיים געלאָפן און מיט אַ געמאַכטער ש מ ח ה ווידער אַ געשריי געטאָן: — מאַמע, איך האָב ווידער געפונען געלט!

כיענע איז אַ לעבעדיקע געוואָרן. זי האָט ב א מ ת געגלויבט אַז גאָט טוט נ י ס י ם מיט איר, זי האָט שוין לאַנג געוואַרט, איר קינד זאָל איר די גוטע ב ש ו ר ה אָנזאָגן מיט אַ נײַער מ צ י א ה: אָבער הײַנטיקס מאָל טאַקע מיט אַן א ו צ ר אַ גאַנצן. אַז יאָסעלע איז אַ מ ז ל׳דיק קינד, און גאָט העלפט איר צוליב אים, האָט ער איר שוין

אַ מאָל באַוויזן. פאַרוואָס איר אַ צווייט מאָל נישט באַווייזן, אַז איר קינדם מ ז ל איז שוין טאַקע אויפגעריכט געוואָרן אין גאַנצן? אָבער ווי אומעטיק איז זי געוואָרן, ווען יאָסעלע האָט צוויי צוואַנציק־קאָפּיקעס און איין צען־קאָפּיקעס אַרויסגענומען און איר דערלאַנגט.

— און דאָס איז גאָר? — האָט זי געפרעגט. — ניט כ ד א י געווען מיין ש מ ח ה! — יאָסעלע, זיך פילנדיק שולדיק, האָט מ ו ר א געהאַט די אויגן אויפצוהייבן און איז אַליין אויך אומעטיק און ווי צעמישט געשטאַנען.

— כיענע, עס איז ניט גלאַט! — האָט זיך דער טאַטע אַרויס־געכאַפּט. — דאָס איז ניט אַ גלאַטע מ ע ש ה, פאַרוואָס געפין איך ניט, פאַרוואָס געפינסטו ניט? דו גייסט מער פון אים.

— נאָך ו ו אָ ס וועסטו זאָגן? — האָט זיך כיענע אָפּגערופן.

— ליכטיקערע אייגעלאַך ווי מיינע, ער דערזעט און איך ניט. און פאַרוואָס זאָל ער ניט מ ז ל׳דיקער זיין פון מיר?

— וואו האָסטו געפונען? — האָט ב ר ו ך האַלב געשריען, האַלב געפרעגט.

יאָסעלע האָט געשוויגן.

— וואָס שטייסטו ווי אַ באַגראָבענער? שווייגאַץ, וואו האָסטו דאָס געלט גענומען? — האָט ב ר ו ך מיט׳ן גאַנצן כ ו ח געשריען.

יאָסעלע האָט אָנגעהויבן ציטערן ווי פון ק ד ח ת.

— נאַדיר אַ האַנט, כיענע, ער האָט עס גע׳ג נ ב׳עט. — האָט ב ר ו ך אויסגערעדט און זיך פאַרהוסט פון כ ע ס.

— איך זאָל עס בעסער ניט דערלעבן, ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם! — האָט כיענע ברעכנדיק די הענט געשריען.

— דו האָסט עס געפונען, יאָסעלע? — האָט זי זיך געפּרואווט פרעגן, כאָטש דאָס האַרץ האָט איר שוין געזאָגט, אַז דאָ איז ניט גלאַט.

— געפונען!—האָט יאָסעלע שטיל און ציטערנדיק געענטפערט.

— געפונען? דו האָסט עס ניט געפונען! ווי געפינט מען דאָס

לויזע געלט אין גאַס? — האָט זי אַלץ מיט מער ח ש ד שוין שרייענדיק געפרעגט.

יאָסעלע האָט שוין ניט געענטפערט, נאָר אָנגעהויבן צו וויינען שטילערהייט.

— אַ י מ ח ־ ש מ ו זאָלסטו ווערן! — האָט דער טאַטע אויפשפרינגענדיק אַ געשריי געטאָן. — לאָז מיך, כיענע, איך וועל אים אַ טויט מאַכן! וואו האָסטו עס געפונען? גיכער, קום, ווייז מיר, אַז ניט וועל איך דיך מ מ י ת'ן! — יאָסעלע וויינט און ענטפערט אַ וואָרט ניט.

— וואו האָסטו עס געפונען? — האָט אויך כיענע געשריען. — זאָג, ווייז, ווי צו מיינע יאָרן! דו שווייגסט? געג נ ב'עט? אַ קלאָג צו דער ווּיסטער מאַמען דיינער!

מיט די רייד האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, אים ווי אַ ווילדע גענומען רייסן, קנייפּן און בייסן. אוי, אוי! — האָט זי גע־שריען. — בעסער אַ קליינעם באַגראָבן דיך, איידער אויסהאָדעווען אַ ג נ ב, וואָס זאָל מיר מיין פּ נ י ם פאַרשוואַרצן! פאַרוואָס קומט עס מיר, ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם? האָב איך מיך ווייניק מ ק ר י ב געווען פאַר אים? זיך ווייניק געבלוטיקט? פון זיך דעם ביסן ברויט אַרויסגעריסן און אים אַ העמדל, אַ שוך, אַ ב ג ד'ל געמאַכט!... מיין קינד וועט אַ ל מ ד ן זיין, מיין קינד וועט קענען לערנען! מער ווי דאָס האָב איך דאָך ביי דיר ניט געבעטן, ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם, און דאָס איז מיין טרייסט, די נ ח מ ה מיינע, וואָס איך האָב זי דערלעבט?...

טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן גיסן פון אירע אויגן; זי האָט זיך היסטעריש אַזוי פאַנאַנדערגעוויינט, אַזוי געכליפּעט, ווי יאָסעלע האָט זי אַזוי וויינענדיק נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז שולדיק, ער האָט ערשט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געטאָן, און האָט שטאַרק ח ר ט ה געהאַט, נאָר ווי צו פאַרריכטן

ניט געוואוסט, און ער האָט נאָר געשריען: „מאַמע, ווייַן ניט, איך זועל ניט מער!“

— זאָג שוין, וועמעס געלט איז דאָס? — האָט ב ר ו ך הוסטנדיק געשריען.

— דעם ר ב י׳נס, דעם ר ב י׳נס. — האָט יאָסעלע וויינענדיק זיך מ ו ד ה געווען.

— זעסטו שוין, מאַמע געטרייַע, — האָט ב ר ו ך צו זיַין ווייַב געשריען, — זעסטו שוין, ווער איז אַ מ ב י ן אויף אים, איך אָדער דו? לאָז מיך, איך וועל אים אַ לעבעדיקן ניט לאָזן! — און דאָ האָט ער זיך ערשט גענומען צום עלנדן קינד.

— ב ר ו ך, דו וועסט אים פאַר אַ קאַליקע מאַכן! — האָט כיענע געשריען און האָט דאָס אומגליקלאַכע קינד קוים נאָך אַ לעבעדיקן אַרויסגעריסן פונ׳ם טאַטנס הענט.

— אַ ג נ ב איז ערגער פון אַ קאַליקע! — האָט ער געשריען. — אַ קאַליקע איז נאָר אַ שטראָף פון גאָט, קיין ח ר פּ ה ניט, אַ ג נ ב אָבער איז אַ שטראָף און אַ ח ר פּ ה אי אויף דער וועלט, אי אויף יענער וועלט! ר ח מ נ ו ת איז אַ כ ז ר י ו ת! ווייז, אַז דו ביסט אַ מאַמע, און רעכן זיך אַליין אָפּ מיט אים. איך האָב שוין קיין כ ו ח ניט, דער הוסט דערשטיקט מיך אין גאַנצן... אוי, ער איז מ ק ר ב מיַין מ י ת ה, אַ מ י ת ה - מ ש ו נ ה אויף אים!

— אַ ג נ ב איז מיַין קינד, אַ ג נ ב?! פינסטער איז מיר מיַין וועלט, ביטער איז מיר! — האָט די אומגליקלאַכע מאַמע גע-שריען. — ווער האָט עס אים געלערנט? איז דיַין טאַטע אַ ג נ ב? איז די פינסטערע מאַמע דיַינע אַ ג נ ב׳טע? זאָג, באַגראָבן זאָל איך דיך היַינטיקן טאָג... פון וועמען האָסטו זיך געלערנט זיַין אַ ג נ ב?

— דאָס דאַרף מען ניט לערנען, דאָס ווערט שוין אַזוי געבוירן, אַזאַ בלוט, ר ח מ נ א ל צ ל ן! — האָט ב ר ו ך נאָך הוסטנדיק דערקלערט.

— געבוירן! אַזאַ בלוט?! ווי קומט צו אים אַזאַ בלוט?
— האָט ביענע די הענט ברעכנדיק איבערגעפּרעגט. — האָב איך דען אין מײַן משפּחה גנבים? ער מעג זײַן אַזאַ צדיק און ערלאַכער איד, ווי מײַן טאַטע, עליו השלום, איז געווען, ווי מײַנע ברידער, זאָל צו לענגערע יאָר, זײַנען; סײַדן אין דײַן משפּחה איז ווער געווען, און פון זײַ האָט מיר די קויל געטראָפן, מײַן קינד זאָל אַ גנב זײַן!

— ער מעג געראָטן זײַן אין מײַן משפּחה, — האָט זיך ברוך אָפּגערופן, — און ניט דאָס מײַן איך גאָר!... דו ביסט אַ אידענע, ביענע, און ווי קבלה־ספרים שרײַבן, איז אַ אידענע קיינמאָל ניט זיכער, אַז אירע קינדער זאָלן אין איר אָדער אין איר מאַנס משפּחה געראָטן זײַן. אַמאָל איז שולדיק אַ בייזע באַגעגעניש, אַמאָל אַ שלעכטע מחשבה, אַמאָל מאַכט זיך, הערט זי זיך אָן פון נאַרישע ווײַבער, וואָס האָבן גײַן מאָס רייד, מעשׂות פון גנבים, כל־בו׳ניקעס. און דאָס קינד ווערט שוין געבאָרן מיט אַזאַ בלוט, רחמנא לצלן. פאַרשטייסטו? אָט דאָס מײַן איך...

— אַ קנאַפּע נחמה פאַר מיר, אַז איך פאַרשטיי דאָס. — האָט ביענע געקלאָגט. — גייז, גייז! — האָט זי פלוצלונג אָנגעהויבן שרײַען ווי משוגע. — ער וועט קיין גנב ניט בלײַבן! אַ יונג ביימעלע קען מען נאָך בייגן אַהער און אַהין, און טאָמער האָט ער עס פון אַ בייזער באַגעגעניש אין זײַן בלוט, וועל איך עס אים ביז אַ טראָפּן אויסצאַפּן, אויסזויגן!... מײַנס אַ קינד, ר׳ יאָסעלע מגיד׳ס אַן אייניקל, וועט קיין גנב ניט זײַן.

— קום, דו קליינער וואָרעם, קום צום רבי׳ן דײַנעם, גיב אים אַוועק זײַן געלט, זאָל ער דיר די הויט אַראָפּנעמען. זאָלן אַלע אינגלאַך זען, וועסטו וויסן אויף נאָך אַ מאָל אפשר געהיילט צו ווערן פון דער קליפּה, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דיר! — און זי האָט איר ביז איצט ליב קינד אָנגעכאַפּט פאַר׳ן הענטל, עס

אַ שלעפּ געטאָן אָן ר ח מ נ ו ת און געלאָפן, ווי דער אימפּעט וואָלט זי געטראָגן, ניט געפילט גאָר, אַז זי שלעפּט נאָך זיך אַ שוואַך, הונגעריק, צעשלאָגן און צעביסן קינד, וואָס האָט שוין קיין כּ ו ח און קיין אָטעם ניט כּ מ ע ט נאָכצולויפן נאָך איר.

— גאָט העלף אייך, ר ב י קרוין! — האָט זי קוים אויסגערעדט אַרײַנקומענדיק, און געמוזט אַ פּאָר מינוט אָפּרוען, דעם אָטעם אָפּצוכאַפּן.

— אַ מ ס י ר ה׳לע אַ ו ו ד א י! — האָט ר׳ בערל געוואָלט טרעפן. — איך האָב אַלץ געקלערט, ער איז מיר אין ח ד ר צו שטיל, דערפאַר קערט ער אין דער היים אַ ו ו ד א י די שטוב איבער. א מ ת, יאָסעלע?

— וואָלט ער אַזוי פון קיין אַנדער שלעכטס ניט וויסן, — האָט ביענע מיט טרערן אין די אויגן געענטפערט, — ווי ער ווייס אין דערהיים ניט פון שטיפן. דערפאַר איז דאָך טאַקע מיין קלאָג אַזוי גרויס! אַלע מאָל אַ גוט קינד, אַ שטיל קינד געווען, און פּלוצים איז אַ בייזע ש ע ה אויף אים אָנגעפאַלן און נעמט און ברענגט מיר גאָר געלט!... געפונען געלט, האָט ער געזאָגט; געמיינט אַ ו ו ד א י, ער וועט דער מאַמען אַ ש מ ח ה מאַכן. — אַ קלאָג צו מיר! און איך נאַר, אַ אידענע, וואָס ווייס טאַקע אַ זינדיקע א י ש ה, איך האָב טאַקע געמיינט, ער האָט געפונען. דער מאַן אָבער מיינער — זאָל ער אַזוי געהיילט ווערן פון דער קרענק זיינער, וואָס פּייניקט אים שוין נעבאַך דרײַ יאָר — ווי מיט׳ן ערשטן קוק האָט ער דער־קענט; אַז דאָס איז נישט קיין מ צ י א ה קיין כּ ש ר׳ע! וואָס קלערט איר, איך האָב אים אַ האַלב־טויטן פון זיינע הענט אַרויס־געריסן, און פאַר איטלאַכן קניפּ און ביס, וואָס ער האָט פון מיר געהאַט, מעג מיר גאָט אַ מ ז ל׳דיק יאָר געבן! נאָר וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, די קויל האָט מיך שוין גוט געטראָפן: ער האָט זיך מ ו ד ה געווען, אַז דאָס איז אייער געלט. ווי־אַזוי איז דאָס געקומען צו אים, בין איך אַזוי צעמישט געווען, אַז איך האָב גאָר

פאַרגעסן אים צו פרעגן. נאַט אײַך, ר ב י, איך האָב עס אײַך אָפּגעבראַכט; ס ם זאָל איך בעסער נעמען, אײדער צונעמען געג נ ב׳עט געלט! פריער גאָט, דערנאָך איר, ליבער ר ב י, אַלין אין דער וועלט, קײַן ג נ ב זאָל מײַן קינד ניט זײַן!

— ל א ה! — האָט דער ר ב י אַ געשרײַ געטאָן צו דער ר ב י׳צן — זעסט, מען טאָר אַ מענשן אומזיסט ניט ח ו ש ד זײַן; אָט איז דער האַלבער רובל, וואָס פעלט פון שײַנדעלעס זעקס רובל! און דו האָסט געשריען, אַז נאָר דער מ ש ר ת האָט עס אָראָפּגעג נ ב׳עט, און דערווײַל האָט ער געכאַפּט אַ פּאָר פּעטש פון ר׳ ש ל מ ה׳ן, ער זאָל זיך מ ו ד ה זײַן. זעסט שוין, ווער ס׳איז דער ג נ ב? וואָלסטו גאָר אַמאָל געטראַכט אויף אים? אַזאַ שטילער וואָרעם, אַזאַ שײַגעץ!

— שטיל וואַסער גראָבט טיף, אַ מ פּ ל ה וואָלט איך אויף אים געטראַכט! — האָט זיך די ר ב י׳צן אָפּגערופן, אים מיט איר האַנט די מאָרדעטשקע אויפהײבנדיק. — זאָג, דו קלײנער ג נ ב, ניט געדאַכט זאָלסטו ווערן, וואָס נאָך האָסטו ביז אַהער שוין געג נ ב׳עט, וואָס איך ווײס נאָך ניט?

— ל א ה, האָט קײַן פאַריבל ניט, — האָט זיך כיענע אַרויסגעכאַפּט, — קלערט ניט אַזעלכע זאַכן! עס איז טאַקע מײַן שטראָף, מײַן ח ר פּ ה, אָבער איך שווער אײַך, אַז דאָס איז די ערשטע בײזע ש ע ה אויף אים געוועזן, די ערשטע און די לעצטע, ל א ה קרוין! ער האָט שוין גענוג געהאַט פון טאַטן זײַנעם, פון מיר אויך, און איך בין געקומען בעטן אײַער מאַן, זאָלן אים געזונט זײַן זײַנע הענט, ער זאָל אים אויך גוט באַשטראָפן, מײַן קינד זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן נאָך אַמאָל גאָר אַזאַ שלעכטע ד ע ה צו האָבן.

כיענע האָט גאָר פון דאָס נײַ אָנגעהויבן ביטער צו װײנען.

— װײנט ניט, כיענע, — האָט זי דער ר ב י געטרײסט, — איך בין זיכער, אַז דאָס האָט יאָסעלע ב א מ ת דאָס ערשטע מאָל די נאַרישקײט געטאָן. אַ דאַנק אײַך פאַר דעם האַלבן רובל, וואָס

איר האָט מיר אָפּגעבראַכט; איך האָרעווע מיך געגוג אָן, איידער איך האָרעווע אויס אַ האַלבן רובל... מיך אַרט נאָר איצט, וואָס איך בין צוליב דעם צו אַ מ כ ש ו ל געקומען ח ו ש ד צו זיין דעם מ ש ר ת שיינדעלעס; און ב נ א מ נ ו ת זאָג איך אייך: איך ווייס איצט גאָר ניט, ווי זאָל דאָ זיין? עס פעלט נאָר, אַז שיינדעלע זאָל זיך דערוויסן, אַז אייער יאָסעלע איז דער ג נ ב געוועזן... נו, נו, וועט זי שוין האָבן ט ע נ ו ת, וואָס איך האָב אַזאַ אין ח ד ר אַריינגענומען. איך פאַרגין איר גאָר ניט, אַז זי זאָל מיך נאָך אַמאָל פרעגן, ווער איז גערעכט: זי צי איך? „פון ק ב צ נ י ם באַדאַרף מען זיך צו היטן, ווי פון פייער!“ „כ ל - ב ו איז אין זייערע קינדער!“ — זאָגט זי מיר ת מ י ד, און איך שווער איר אַלץ, אַז עס איז ד ו ו ק א ניט אַזוי, אַז זי האָט אַ ט ע ו ת. פון דער אַנדערער זייט איז אַ י ו ש ר מ פ י י ס צו זיין דעם ב ח ו ר דעם מ ש ר ת, וואָס איך האָב אים ח ו ש ד געווען, און ר׳ ש ל מ ה האָט אים דערווייל מ כ ב ד געווען מיט אַ פּאָר פייערדיקע פּעטש. אָט וואָס איך קלער: דעם ב ח ו ר וועל איך זאָגן, אַז איך האָב דאָס געלט געפונען, שיינדלען גאָר קיין מ ע ש ה ניט דערציילן. אייך, אינגלאַך, זאָג איך אָן, די הויט וועל איך אַראָפּשינדן, טאָקע ניט אויף צו פלייסן, ווער עס וועט עפּעס אויסזאָגן, וואָס איר זעט און וואָס איר הערט דאָ. געדענקט, ש ק צ י ם, וואָס איך זאָג, און שווערט, אַז איר וועט ניט אויסזאָגן? — אַלע אינגלאַך האָבן געשוואָרן.

— און איצט, יאָסעלע, וועל איך זיך נעמען צו דיר. האָט קיין מ ו ר א ניט, כיענע! — האָט ר׳ בערל געזאָגט. — אַ גרויסער כ ו ח ליגט אין דער רוט. און טאָמער האָט ער ב א מ ת אַ מ ח ש ב ה געהאַט צו ווערן אַ ג נ ב און האָט פאַרזוכט דעם ט ע ם פון אַ קליין ג נ ב ה׳לע, וועט ער באַלד וויסן, ווי ביטער און זויער דאָס איז, און וועט שוין אויסשפּייען... נישקשה, עס וועט אים צו ר פ ו א ה זיין!

מיט די ווערטער האָט ר׳ בערל פונ׳ם נייעם בעזים עטלאַכע

גוטע ריטער אַרויסגעצויגן, געגומען יאָסעלען בײַם הענטל, אַלײן די הײזלאַך לויז געמאַכט און אים אויפ׳ן בענקל אַוועקגעלײגט.

— כיענע, אײַער מ צ ו ו ה אים טאַקע פאַר די פיס צו האַלטן!

— האָט די ר ב י׳צן, צו כיענען זיך ווענדנדיק, געזאָגט. — לאָז אַזאַ טאַקע וויסן, אַז די מאַמע אַלײן הײסט און וויל, אַז מ׳זאָל אים שמײַסן פאַר אַזאַ זאַך. גאָט וועט אײַער צ ע ר צוזען און אײַער קינד וועט געראָטעוועט זײַן.

כיענע האָט אירע אַלע כ ו ח ו ת צוזאַמענגענומען דערבײַ צו שטײן, נאָר קוים האָט זי דערזען זײַן צעביסן און צעשלאָגן לײַבעלע פון נײַע און אַלטע קלעפּ און שלעג, האָט זיך אין איר אַ געפיל פון ר ח מ נ ו ת אויפגעכאַפּט, דער קאָפּ האָט איר אָנגעהויבן שווינדלען, אין די אויגן איז איר פינסטער געוואָרן, און זי האָט געפילט, אָט-אָט פאַלט זי ח ל ש ו ת. דער ר ב י האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף איר און האָט דערווײַל געשמיסן ווי ער האָט געקענט. פּלוצים האָט כיענע ווי מיט די לעצטע כ ו ח ו ת אַרויסגעשריען:

— מיט ר ח מ נ ו ת, ר ב י, האָט ר ח מ נ ו ת!... — און איז אין ח ל ש ו ת געפאַלן.

---

## ז.

אַז כיענע איז צו זיך געקומען און האָט מיט איר פאַרטוך אָפּגעווישט דעם פּ נ י ם פונ׳ם קאַלטן וואַסער, וואָס די ר ב י׳צן האָט אויף איר פונ׳ם מויל געשפּריצט, האָט זי יאָסעלען דערזען שטײענדיק לעבן זיך, און ער שרײַט ווי אַ ווילדער: „מאַמע! מאַמע! אוי, מאַמע, ניט שטאַרב!"... זעענדיק, ווי דער ר ב י דריקט די מאַמען זײַנע פאַר דער נאָז; די ר ב י׳צן נעמט אַ שלוק נאָך אַ שלוק וואַסער אין מויל און שפּריצט אויף איר; נאָך אַ איד אַ ש כ ן איז אַרײַנגעלאָפן, איר געקוועטשט די שלײפן, און זי איז בלאַס ווי אַ טויטע,

גיט זיך קײן ריר ניט, קײן קרעכץ ניט אַ פּ י ל ו, — האָט יאָסעלע געמיינט, די מאַמע זײַנע איז שוין געשטאָרבן. און זײַן שרעק און אַנגסט האָט אים אויף אַ װײַלע געלאָזט פאַרגעסן זײַנע אײגענע י ס ו ר י ם און פּײַן. „אוי, מאַמע, ניט שטאַרב, ניט שטאַרב, טײַערע מאַמע מײַנע, איך װעל מער קײנמאָל, קײנמאָל ניט ג נ ב׳ענען!“ האָט ער געשריען און דער מאַמעס נאַסע קאַלטע הענט געקושט.

— דו לעבסט, יאָסעלע? דו שטײסט נאָך אויף דײַנע פיסעלאַך, מײַן אָרים קינד? — האָט כיענע מיט אַ פאַר׳ח ל ש׳ט ק ו ל געפרעגט.

— װאָס רעדט איר עפּעס, כיענע, גאָט איז מיט אײַך! — האָט די ר ב י׳צן מיט גרוים פאַריבל איר אויסגערעדט. — װאָס האָט איר געמיינט, אַ ג ז ל ן איז מײַן מאַן, ער װעט אײַער קינד ביז׳ן טויט ח ל י ל ה פאַרשמײַסן? ער האָט א פ ש ר ניט פאַרדינט נאָך שטאַרקערע שמיץ? אָפּגעשמיסן, װי מען שמײַסט אַלע אינגלאַך, אַביסל ציטעריקערע פון אים אויך!...

— איך רעד, איך װײס דען װאָס איך רעד? — האָט זיך כיענע פאַרענטפערט. — מײַן װײטיק רעדט אין מיר. ניט געפּרואװט זאָל גאָר װערן אַ אידישע מאַמע צו אַזאַ צ ע ר, צו אַזאַ װײטיק... האָט נישט קײן פאַריבל, ר׳ בערל! א ד ר ב ה, געזונט זאָלן זײַן אײַערע הענט, און אַז אײַערע ריטער װעלן אים צו ר פ ו א ה זײַן, ער זאָל שוין מער אַזוינס נישט טאָן, װעל איך מײַן גאַנץ לעבן גאָט בעטן פאַר אײַך און װעל אײַך אײביק דעם ח ס ד נישט פאַרגעסן.

כיענען איז אין האַלז טרוקן געװאָרן.

— גיב, יאָסעלע, אַביסל װאַסער! — האָט כיענע געבעטן, און אַז זי האָט אַ שלוק געגעבן, געפילט זיך אַביסל שטאַרקער, האָט זי זיך װידער צו איר קינד געװענדט:

— זעסט, װאָס דו האָסט פון דײַן מאַמען געמאַכט? נאָך אײן ר ג ע און איך װאָלט שוין א פ ש ר מײַנע אויגן אויף אײביק ניט געעפנט... ניט מיט מ י ר נאָר מיט ד י ר, מיט דײַן קראַנקן טאַטן און מײַנע אָרימע קינדער האָבן די גוטע מענשן ח ס ד געטאָן,

וואָס זײַ האָבן מיך ניט געלאָזט שטאַרבן פאַר דער צײַט. זאָג, יאָסעלע, דו ווילסט, איך זאָל נאָך לעבן, דו און דײַנע שוועסטער און ברידערלאַך זאָלן קײַן פאַרוואָגלטע עלנדע י ת ו מ י ם׳לאַך ניט בלײַבן, זאָלסטו פון היינט אָן ניט טאָן מער אַזאַ נאַרישקײַט, אַזאַ זינד אַ שווערע און אַ ח ר פ ה ווי ג נ ב׳ענען! געדענק, זאָל דיר ניט גלוסטן גאָר יענעמס, פײַנט האָבן ווי ח ז י ר זאָלסטו יענעמס געלט, יענעמס האָב, ווי פײַנט עס האָט עס די מאַמע דײַנע, דער טאַטע דײַנער, און דער גוטער טרײַער ר ב י דײַנער! זאָג עס אים צו, דעם גוטן ר ב י׳ן דײַנעם, גיב אים אַ קוש אין האַנט און שווער אים, אַז דו וועסט ניט מער, וועט ער דיר מ ו ח ל זײַן, וועל איך דיר מ ו ח ל זײַן, וועלן דײַנע ח ב ר י ם דיר מ ו ח ל זײַן, און גאָט וועט שטאַרקן דײַן האַרץ, דו זאָלסט עס מער טאַקע ניט וועלן.

יאָסעלע האָט דעם ר ב י׳ן אַ קוש אין האַנט געטאָן, נאָר שווערן האָט ער שוין ניט געקענט.

— וואָס שווערסטו ניט? — האָט כיענע געפרעגט.

— נעם מיך אַהיים, מאַמע! — האָט יאָסעלע קוים אַרויס-גערעדט. — דער קאָפּ טוט מיר ווײ. אוי, אין שטוב איז אַזוי פינסטער געוואָרן!

— נעמט אים, כיענע, טאַקע אַהיים. — האָט דער ר ב י גערעדט, זעענדיק, ווי דאָס קינד האָט זיך פּלוצים אַזוי פאַרענדערט. — איך בין אים מ ו ח ל, ער וועט מאָרגן אויך צײַט האָבן צו שווערן!

כיענע, שוואַך און דערשלאָגן, האָט מיט די לעצטע כ ו ח ו ת איר געפײַניקט קינד אַהיים אַוועקגעטראָגן און אין איר בעט עס באַלד אַוועקגעלײגט.

— צו ר פ ו א ה! — האָט ב ר ו ך זײַן ווײַב באַגעגנט. — איך זע שוין, עס האָט געמוזט זײַן אַ גוטע באַד. אָט אַזוי ווייס איך, אַז דו ביסט אַ מאַמע! ווי דען, לאָזן אים זײַן אַ ג נ ב?

כיענע האָט א פ י ל ו געוואָלט אויסלאָזן איר האַרץ צו אים, נאָר זי איז אַזוי פאַרקלעמט געווען, אַז זי האָט אַ וואָרט ניט געקענט

אויסרעדן. אַ גאַנצע נאַכט האָט יאָסעלע געברענט ווי אַ פײַער, אומרואיק געשלאָפן און פון שלאָף געקרעכצט. אַ שטראָם ר ח מ נ ו ת האָט דער אָרימער מוטערס האַרץ פאַרטרונקען. זי האָט זיך ערשט דערמאָנט, אַז אַ חוץ אַ שטיקל טרוקן ברויט אין דער פרי האָט יאָסעלע אַ גאַנצן טאָג אין זײַן מויל ניט געהאַט... און אַ הונגעריק קינד האָט זי אַלײן אַזוי פיל געקניפּן און געביסן, האָט דער טאַטע אַזוי פיל געשלאָגן, און דערנאָך — דער ר ב י!... און פאַר אירע אויגן האָט זיך פאָרגעשטעלט זײַן צעריסן לײַבעלע אין דער מינוט, ווען דער ר ב י האָט אים דעם ערשטן שמיץ געגעבן. זי האָט אויפגעהויבן דאָס העמדל און איר איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן: ווי צעשניטן, צעריסן דאָס עלנדע לײַבעלע איז:

— אַלײן מײַן קינד צו דער ע ק ד ה געפירט! — האָט זי מיט אַ געוויין געקלאָגט. — אַלײן מײַן ק ר ב ן צום מ ז ב ח געבראַכט און דעם ש ו ח ט דאָס מעסער דערלאַנגט!... ווי קענסטו עס צוזען, ר י ב ו נ ו - ש ל - ע ו ל ם, און ניט טרייסטן נאָך אַמאָל דאָס געפּײַניקטע קינד און די אָרימע מאַמע זײַנע נ ח ת אַ ס ך צו דערלעבן!? פאַרוואָס, פאַרוועך? פאַר גאָר נישט! באַנאַרישט זיך אַמאָל, דערויף איז ער דאָך אַ קינד. וואָלט זײַן מאַמע שײנדעלע און ניט כיענע געווען, וואָלט ער עס גאָר ניט געטאָן די נאַרישקײַט, און אַז יאָ, וואָלט מען אים ניט אַזוי געפּײַניקט... פאַררעכנט זאָל עס אונז בײדן זײַן, טאַטע געטרײַער, און שיק אים צו די ר פ ו א ה, געזונט צו זײַן און ערלאַך צו זײַן, גאָט אין הימל!

אויף מאָרגן איז יאָסעלע אויפגעשטאַנען, כאָטש שוואַך ווי נאָך אַ קרענק. אָבער אַז די מאַמע האָט אים געפרעגט: „וואָס טוט אים וויי?“ האָט ער געענטפערט: „גאָר ניט, גאָר ניט!“

כיענע האָט געוואָלט אים ניט לאָזן הײַנט גײן אין ח ד ר, נאָר ב ר ו ך האָט געשריען:

— זאָל ער גײן! רעד אים נאָר אײַן, אַז ער איז קראַנק! ער האָט שוין געֹ'ד ר ש נ'ט דער ת נ א ב ר א דײַנער! זי האָט שוין

פאַרגעסן; וואָס נעכטן איז געווען!

און יאָסעלע איז אַוועק אין חדר. ביי דער טיר אָבער איז ער שטיין געבליבן און מורא געהאַט אין חדר אַריינצוגיין, ביז די אינגלאַך האָבן אים דערזען און געזאָגט דעם רביין. ר׳ בער איז אַרויסגעגאַנגען, אים פאַר אַ הענטל אַריינגעפירט, צוגעפירט צום טיש און האָט געעפנט פאַר אים אַ חומש.

— זאָג! — האָט דער רבי געטייטלט אין חומש און אים געהייסן די ווערטער פאַרטייטשן.

— לא תגנוב! זאָלסט ניט גנב׳ענען! — האָט יאָסעלע פאַרטייטשט און טרערן גרויסע זיינען אויף די ווערטער פונ׳ם חומש געפאַלן.

— נאָך אַ מאָל!

— לא תגנוב! זאָלסט ניט גנב׳ענען! — און אַזוי דריי מאָל.

— איצט נעם דאָס חומש אין האַנט און שווער, אַז דו וועסט ניט גנב׳ענען מער קיינמאָל.

יאָסעלע האָט געשוואָרן.

— געדענק, דו האָסט געשוואָרן ביים חומש. — האָט דער רבי ווייטער גערעדט. — זייט עדות אַלע אינגלאַך, אַז טאָמער וועסטו נאָך אַ מאָל עפּעס וואָס גנב׳ענען, וועל איך דיר פריער די הויט אַראָפּשינדן און דערנאָך דיך פון חדר אַרויסטרייבן!

— מיר זיינען עדות! — האָבן די קינדער זיך אָפּגערופן.

— און קיינער זאָל אים מער ניט רופן גנב, איר הערט? — האָט ר׳ בערל אָנגעזאָגט.

— איצט קומט לערנען!

— און דו, שיינער מענש, — האָט די רביצן געזאָגט צו יאָסעלען, — גיי וויג צו דאָס קינד, נאָר נעם דאָרט גאָר נישט צו, דו הערסט? — צו די חדר־אינגלאַך האָט זי געזאָגט שטילערהייט:

— קינדער, איר זאָלט שטענדיק אַכטונג געבן אויף אים, בעת איך

גיי אוועק! ער איז טאַקע אַ גוט אינגל, אַ שטיל קינד אָבער אביסעלע צו לאַנגע הענטלאַך!...

ח ב ר ה האָט עס מער ניט באַדאַרפֿט.

קלײנע קינדער זײַנען צײַטנוויַיז אויך גרויסע ח י ו ת ווילדע; קײן ר ש ע ו ת איז זיי ניט צו קלײַן פון זײער פאַרגעניגן וועגן. באַגעגענען זיי אין קאָמפּאַניע אַמאָל אײנעם, וואָס האָט נאָך זײַן גאַנג און קלײדער דאָס אומגליק זייער אויפֿמערקזאַמקײַט אויף זיך צו ווענדן, איז בײַ זיי רעכט, גאָר אָן אַ שום פאַרוואָס, נאָכצולויפֿן נאָך יענעם מיט אַ געשריי און געפּילדער, מיט בלאָטע און מיט שטײנער; עס העלפֿט קײן גוטע און קײן בייזע רייד ניט, ח ב ר ה באַגלײט דעם גאַסט ווי איר געפֿעלט... און ג ו מ ל מעג יענער בענטשן, ווען ער ווערט אַנטרונען פון זיי אָן אָן אָפּגעריסענעם ב ג ד אָדער נאָך ערגער — אָן אַ לאָך אין קאָפּ.

כאָטש יאָסעלע האָט קיינמאָל קײן אינגל אין ח ד ר נישט פאַרטשעפּעט און אַ פּ י ל ו נישט צוריקגעגעבן אַ אינגל, וואָס האָט אים געטשעפּעט, האָט ער אָלע מאָל מ ו ר א געהאַט. און כאָטש דער ר ב י האָט אָנגעזאָגט, אַז קײנער זאָל אים ניט רופן ג נ ב, האָבן זיך אָבער די קינדער ניט געקענט אָפּזאָגן פון זייער נאַטור, זיך ניט צו רייצן און ניט פאַרגינען זיך יאָסעלען אָלע קרענקונג און י ס ו ר י ם אָנצוטאָן; קוים האָט זיך דער ר ב י אָפּגעקערט, האָט אים באַלד אײנער אָדער עטלאַכע מיט אַמאָל אַ געשריי געטאָן: „ג נ ב!". מ ש ה׳לע מ ז י ק איז אַ ב ע ל ן געווען צו נעמען אַ שטריקל און גיין אויסמעסטן, ווי לאַנג יאָסעלעס הענט זײַנען.

יאָסעלע האָט דערפון שרעקלאַך געליטן, מער ווי פון ר ב י׳נס קאַנטשיק, מער אַ ס ך ווי פון זײַנע ריטער אַ פּ י ל ו. נאָר דאָס איז נאָך ווייניק געווען, און אין ח ד ר האָבן די אינגלאַך אַ לידעלע אָנגעהויבן צו זינגען. ווער עס האָט דאָס לידעלע אויסגעטראַכט, האָט קײנער ניט געוואוסט, נאָר אָלע האָבן געזונגען:

אַ ג נ ב איז יאָסעלע,

געשמיסן אים אין טאָסעלע,
געשמיסן מיט אַ ריטעלע,
אויף אַ ג נ ב ברענט דאָס היטעלע!

דאָס לידעלע האָט יאָסעלען הייסע, ביטערע טרערן געקאָסט. און ווי ער פלעגט אַמאָל גאָט בעטן, זיין מאַמע זאָל רייך זיין ווי שיינדעלע, לייבעלעס מאַמע, ווי א ס ת ר, מ ש ה׳לעס מאַמע; זיין טאַטע זאָל ניט הוסטן, אים ניט שילטן און דער ר ב י זאָל אים אומגערן ניט שלאָגן, — אַזוי האָט איצט אין דער פרי און ביינאַכט, צו יעדן מאָל דאַוונען, זיין הערצל צו גאָט געשריען: „גאָט, זיי מיר מ ו ח ל, איך וועל מער ניט ג נ ב׳ענען, מער קיינמאָל, קיינמאָל ניט ג נ ב׳ענען. נאָר זאָל מיך די ר ב י׳צן ניט היטן, זאָלן מיינע ח ב ר י ם ניט רופן מיך ג נ ב, און זאָלן זיי דאָס לידעלע ניט זינגען!"

אַ פּאָר וואָכן זיינען אַריבער, און די מאַמע האָט ביסלאַכווייז אויפגעהערט צו זאָגן אים איר מ ו ס ר, וואָס פלעגט ביי אים צונעמען דאָס לעצטע ביסל געזונט; אויך דער טאַטע האָט כ מ ע ט זיין ש נ א ה צו אים פאַרגעסן, און סיידן ביי אַ גרויסן כ ע ס פלעגט ער נאָך אַמאָל צו די ווערטער: „פויער, ע ש ו" אויך צולייגן דאָס וואָרט „ג נ ב!". אין ח ד ר אַ פּ י ל ו האָט זיך דאָס לידעלע האַלב צוגעגעסן, נאָר דער קאָנטשיק דעם ר ב י׳נס האָט זיין ט ע ו ת ניט געוואָלט פאַרגעסן, און ת מ י ד, ווי פריער, פלעגט ער איצט א י ם טרעפן, ווען נאָר דער ר ב י האָט זיך געצילט אויף אַן אַנדער אינגל. און כאָטש דער קאָנטשיק איז ניט בעסער און ניט ווייכער געוואָרן און פלעגט יאָסעלען ניט ווייניקער ווי־טאָן ווי פריער, פונדעסטוועגן פלעגט מען פון אים אַ געשריי הערן אָדער אַ כליפּ — זעלטענער, אַ ס ך זעלטענער, ווי פריער.

יאָסעלע האָט אַלצדינג פאַר גוט אָנגענומען, דעם קאָנטשיק, דאָס קינד ניאַנטשען, צום טייך מיט דער ר ב י׳צן מיט׳ן גרעט גיין, אַלץ גוט, אַבי ניט הערן דעם נאָמען „ג נ ב", אַבי ניט הערן דאָס לידעלע, וואָס טוט אים אַ ס ך מער וויי, ווי די אַלע זאַכן. און ער

איז שוין כ מ ע ט צופרידן געווען, אַזוי אַז עס האָט זיך אים שוין אויפגעהערט צו ווילן רײַך זײַן; ווען ער איז געגאַנגען אַהײם, האָבן שוין זײַנע אײגעלאַך מער ניט געזוכט צו געפינען ניט קײן קלײנע, ניט קײן גרויסע מ צ י א ה, און ער האָט ווײַטער געלערנט און האָט געוואָלט לערנען. נאָר אײנמאָל האָט לײבעלע, שײנדעלע דער ב ע ל־טאַקסעטעס ב ן ־ י ח י ד אין ח ד ר געבראַכט אַ מעסערל, אַ קלײן מעסערל מיט אַ שפּאַקטיווע, וואו עס זעט זיך דורך אַ פּיצל גלעזל גאַנץ ק ר י א ת ־ ש מ ע. אַ פעטער זײַנער האָט עס אים אַ מ ת נ ה מיטגעבראַכט פון אויסלאַנד.



דער ר ב י אַלײן איז טשיקאַווע געווען אין שפּאַקטיווע אַרײַנ־צוקוקן און האָט די ח י ד ו ש י ם באַלד דער ר ב י׳צן געוויזן; זי אָבער האָט ב ש ו ם א ו פ ן ניט געקאָנט פאַרשטײן, ווי קען אַזאַ גרויסע ק ר י א ת ־ ש מ ע אין אַזאַ קלײן מעסערל אַרײַנקריכן? דער

ר ב י האָט אַ פּ י ל ו געמאַטערט זיך איר צו געבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז מיט אַזאַ מין שפּאַקטיווע, וואָס ליגט אַ גרויסער ש כ ל דערין, נאָר זי האָט ניט אויפגעהערט צו ט ע נ ה׳ען, אַז איר מ ו ח פֿאַרנעמט עס ניט.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך אַלע אינגלאַך אָנגעשפּילט מיט דעם מעסערל, געקוקט מיט איין אויג און געלייענט די ווערטער, און אַ פּ י ל ו מ נ ש ה מילנערס ביידע ב נ י ם, וואָס אין ס י ד ו ר האָבן זיי מיט מאַטערניש קוים ע ב ר י געזאָגט, האָבן אין דער שפּאַקטיווע כ מ ע ט אַ האַלבע ק ר י א ת - ש מ ע איבערגעלייענט. דאָס מעסערל איז אומגעגאַנגען פֿון איין אינגל צום אַנדערן, ביז דער ר ב י האָט זיך ענדלאַך אָנגעבייזערט און געהייסן ליבעלען דאָס מעסערל באַהאַלטן, און ליבעלע האָט עס באַהאַלטן. יאָסעלען האָט זיך אויך געוואָלט אַ קוק טאָן אין שפּאַקטיווע, און ער האָט זיך געבעטן אים צו ווייזן, וואָס אַלע זעען דאָרט, נאָר מ ש ה׳לע מ ז י ק האָט ניט צוגעלאָזט. „ווייז אים ניט, ליבעלע, ער וועט עס ג נ ב׳ענען! וועסט זען, געדענק, וואָס איך זאָג דיר!" — האָט מ ש ה׳לע געשריען. און ליבעלע האָט אים ניט געוויזן. פֿאַרנאַכט, אַז דער ר ב י האָט שוין מיט די קינדער געבענטשט און ק ר י א ת - ש מ ע געלייענט, האָט ליבעלע אַ טאַפּ געטאָן אין קעשענע און אָנגעהויבן צו וויינען: „דאָס מעסערל איז נישטאָ"... דער ר ב י אַליין האָט געהאָלפֿן זוכן אין ליבעלעס אַלע קעשענעס, — נישטאָ!

איין אינגל האָט אַ געשריי געטאָן: יאָסעלע האָט דאָס מעסערל גע׳ג נ ב׳עט!" — און מ ש ה׳לע מ ז י ק האָט ע ד ו ת געזאָגט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי יאָסעלע האָט זיין האַנט אַריינגעשטעקט אין ליבעלעס קעשענע.

— יאָסעלע! — האָט דער ר ב י אַ געשריי געטאָן.

— איך האָב אים געשיקט אין קרעמל נאָך זאַלץ! — האָט די ר ב י׳צן זיך אָנגערופֿן. — וואָס איז, וואָס דאַרפֿסטו אים?

— איך האָב מ ו ר א, אַז ס׳הייבט זיך אָן אַ נייע ח ת ו נ ה. —

האָט דער ר ב י געענטפערט זײַער אומצופרידן. אין דער מינוט איז יאָסעלע אַרײַנגעקומען מיט אַ לײַמענעם טעפּל מיט זאַלץ און דערלאַנגט דער ר ב י׳ן צוזאַמען מיט דעם רעשט פון אַ צענער.

— יאָסעלע, — האָט דער ר ב י גאָר מיט אַ פרײַנדלאַכער מינע געזאָגט, — קום אַהער, איך וויל דיך וואָס פרעגן.

יאָסעלע איז צוגעגאַנגען, נישט פילנדיק די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך מיט אַ מינוט פריער אָנגעקליבן איבער זײַן אָרים קעפּעלע.

—זאָג, יאָסעלע,—האָט דער ר ב י אים גלעטנדיק געפרעגט,— דו האָסט צוגענומען לײַבעלעס מעסערל? אויף צופלײַסן, מ ס ת מ א, פאַרוואָס לײַבעלע רופט דיך: ג נ ב! זײַער רעכט, גיב אים טאַקע ניט אַוועק, גיב עס מיר, וועל איך שוין קײנמאָל ניט אָפּגעבן. עס וועט ליגן בײַ מיר, ביז לײַבעלע וועט שווערן, אַז ער וועט דיך קײנמאָל ניט שלאָגן, קײנמאָל ניט זינגען דאָס נאַרישע לידעלע זײַנס... א מ ת?

דאָס הערצל האָט דערפילט, אַז דאָ הייבט זיך עפּעס ניט גוט אָן, און מיט טרערן אין די אײגעלאַך האָט ער געענטפערט:

— ר ב י, איך האָב דאָס מעסרל ניט גענומען, ניט געזען אַ פ י ל ו!

דער ר ב י האָט אים שטאַרק אין די אויגן אַרײַנגעקוקט אַ פּאָר מינוט נאָכאַנאַנד. יאָסעלע האָט דעם קוק ניט געקענט אַריבער־טראָגן און האָט אָנגעהויבן צו וויינען.

— אַז דו האָסט דאָס מעסערל ניט גענומען, פאַרוואָס וויינסטו?

— האָט דער ר ב י שוין ערנסטער אָנגעהויבן. — אַז דו וויינסט, איז דאָך טאַקע אַ ס י מ ן, אַז דו ביסט שולדיק, טאָ גיב טאַקע בעסער מיט גוטן אַוועק, אײדער איך נעם די ריטער.

— ווי דאָס איז אַ ס פ ר פון גאָט, איך האָב דאָס מעסערל אַ פ י ל ו ניט געזען! — שווערט זיך דאָס עלנדע קינד בײַם ח ו מ ש און ציטערט שוין מיט אַלע א ב ר י ם.

— ניט געזען? אָבער גענומען האָסטו עס? — לערנט דער ר ב י דעם פ ש ט.

— גענומען אויך ניט!

— האָסטו עס גע׳ג נ ב׳עט!

— גע׳ג נ ב׳עט אויך ניט, ר ב י! מען טאָר ניט ג נ ב׳ענען, איך האָב דריי מאָל ביים ח ו מ ש געשוואָרן: איך וועל מער ניט ג נ ב׳ענען, און וועל קיינמאָל, קיינמאָל מער ניט ג נ ב׳ענען!

— דער וואָס קען ג נ ב׳ענען, קען שווערן פאַלש, פאַרשטייסטו? — גיט דער ר ב י אים צו פאַרשטיין.

— און ווער עס ג נ ב׳עט איינמאָל, ג נ ב׳עט נאָך אַמאָל אויך!

— לייגט צו די ר ב י׳צן. — אַ שאָד אַזאַ שיין מעסערל, ער וועט עס אַוועקגעבן פאַר אַ קאָפּיקע. נאַ דיר אַ האַנט! פאָלג מיך, בערל, טרייסל אים אוים די קעשענעס, וועסטו געפינען!

און ר׳ בערל נעמט, טאַפּט איבער יאָסעלעס שטיקל ב ג ד׳ל, הייסט אים די שיכלאַך און די זעקלאַך אויסטאָן, נעמט אויך זיין היטעלע אַראָפּ פונ׳ם קעפּל, טאַפּט דעם אויבערשלאַג און אונטערשלאַג, נישטאָ... און ר׳ בערל הייבט אָן צו גלויבן, אַז יאָסעלע איז ניט שולדיק. נאָר לייבעלע, וואָס וויינט און קלאָגט אויף זיין טייער מעסערל און מיינט נישט מער, דאָס מעסערל זאָל זיך געפינען, און מ ש ה׳לע מ ז י ק, וואָס האָט גיכער דאָס מעסערל אַליין צוגענומען און ערגעץ באַגראָבן, — שרייען און שווערן, אַז יאָסעלע האָט דאָס מעסערל גע׳ג נ ב׳עט און אין הויף ערגעץ באַגראָבן.

— אַ מ י א ו ס׳ע מ ע ש ה! — שרייט דער ר ב י. — דאָס מעסערל זאָל ווערן, עס מעג מיך מיין לעבן קאָסטן! — און אַזוי שרייענדיק, ציט ער אַרוים עטלאַכע פייכטע ריטער פונ׳ם בעזים און לייגט יאָסעלען אויפ׳ן בענקל.

— זיי זיך מ ו ד ה! — שרייט ר׳ בערל מיט ר צ י ח ה און שמייסט. — זיי זיך מ ו ד ה, זאָג, וואו האָסטו דאָס מעסערל באַהאַלטן?

יאָסעלע שרײַט פון װײַטיק, נאָר אָן װערטער.

— זײַ זיך מ ו ד ה, שײַגאָץ! — הײבט בערל װידער אָן. — װעט אַ פ י ל ו די מאַמע דײַנע דערפון ניט װיסן, זײַ זיך מ ו ד ה, גיבער, װאו האָסטו דאָס מעסערל באַגראָבן?

יאָסעלע רעדט אַלץ ניט, נאָר ער שרײַט נאָך מיט די לעצטע כ ו ח ו ת.

— זאָג, גיבער, דו קלײנער ג נ ב, אַז ניט שלעפּ איך דיך פאַר די אויערן צו דער מאַמען דײַנער, זאָל זי דיך שלאָגן. פאַר איר װעסטו זיך מ ו ד ה זײַן! — פּרואװט דער ר ב י און לאָזט די רימער מיט מער כ ו ח װי פריער.

— אוי ר ב י, איך שטאַרב, ניט שמײַסט מער, איך װעל שױן זאָגן. — שרײַט דאָס געפּײַניקטע קינד.

דער ר ב י הערט אויף צו שמײַסן: „שאַ, עס גײט אויף אַ ד ר ך!“ — זאָגט ער און װאַרט, יאָסעלע זאָל אָנהײבן אויסצוזאָגן. נאָר יאָסעלע װײנט נאָך און זאָגט נישט.

— װאָס זאָגסטו ניט? — פרעגט בערל אומגעדולדיק.

— װאָס זאָל איך זאָגן? — פרעגט יאָסעלע כליפּענדיק.

— װאו דו האָסט דאָס מעסערל באַגראָבן, זאָג!

— איך װײס ניט!

— װידער איך װײס ניט? — קומט דער ר ב י אַרײַן אין ר צ י ח ה און הײבט אים אָן צו טרײסלען װי אַ ל ו ל ב. — װאַרט, דו װעסט באַלד װיסן. צו דער מאַמען קום! זאָל זי שטאַרבן פון מײַנטװעגן, װאָס זי האָט אַזאַ טײַער קינד! שטום האָט זי געמעגט װערן, אײדער איך האָב מיך געלאָזט איבעררעדן פון איר, דיך אין מײַן ח ד ר אַרײַנצונעמען! — האָט ר׳ בערל געשריען װי אַ װילדער. — מײַן נאָמען װעל איך מיר צוליב דעם אײנעם איבערפירן! צו דער מאַמען קום, לאָם איך מײַן כ ע ס אויסלאָזן צו איר. — און ר׳ בערל האָט אָנגעטאָן דאָס היטל, גענומען דעם שטעקן אין אײן האַנט, מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער יאָסעלען אַ כאַפּ געטאָן און אים אַרויס־

געשלעפּט פון ח ד ר און נאָכגעלאָפן נאָכגעשריען: „צו דער מאַמען קום!"

— אוי, ר ב י, פירט מיך ניט צו דער מאַמען! זי וועט שטאַרבן. — האָט יאָסעלע געבעטן.

— טאָ זאָג, וואו האָסטו דאָס מעסערל באַגראָבן?

— אין הויף, אין אַ גריבעלע! — האָט ער געענטפערט, מען זאָל אים נאָר צו דער מאַמען ניט פירן.

— קום, ווײַז וואו?

— איך וועל ווײַזן, ווײַזן, ר ב י! פירט מיך ניט צו דער מאַמען!

און דאָס אָרימע קינד האָט דעם ר ב י׳ן אין הויף געוויזן, וואו ער האָט דאָס מעסערל כ ל ו מ ר׳שט באַגראָבן. געגראָבן מיט ציטערנדיקע הענטעלאַך די ערד, אַליין ניט וויסנדיק, וואָס עס גראָבט, וואָס עס זוכט!

— פאַרוואָס געפינסטו ניט? — האָט בערל ווידער מיט כ ע ס אָנגעהויבן.

— ר ב י גוטער, ר ב י טײַערער! — האָט יאָסעלע פּלוצים אָנגענומען דעם ר ב י׳נס האַנט און האָט אָנגעהויבן קושן און מיט ביטערע טרערן באַגיסן. — איך האָב דאָס מעסערל ניט גענומען, ניט גע׳ג נ ב׳עט, ניט געזען אַ פּ י ל ו און ניט באַגראָבן. אונטער׳ן בלויען הימל שווער איך, און גאָט איז אַן ע ד ו ת, אַז איך האָב דאָס מעסערל ניט גענומען!... שלאָגט מיך ניט, אַז ניט וועט גאָט אײַך שטראָפן! ער איז מײַן ע ד ו ת, און ער וועט זיך אָננעמען פאַר מיר.

יאָסעלע האָט עס אַזוי פײַערלאַך און רירנד אַרויסגערעדט, אַז די עטלאַכע ווערטער זײַנע האָבן אויפ׳ן ר ב י׳ן געווירקט אַ טראַכט צו טאָן: „טאָמער ווײַס דאָס קינד טאַקע פון קיין זאַך ניט, מוז זיך גאָט ב א מ ת אָננעמען פאַר אים!" און ער האָט כ מ ע ט אָנגעהויבן ציטערן פאַר דער שטראָף, וואָס אים קומט דערפאַר.

— טאָ ווער דען האָט דאָס מעסערל גענומען? דאָס מעסערל

איז דאָך געווען, ליבעלע איז פון ח ד ר ניט אַרויס, ווער זשע איז דער ג נ ב?

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, ר ב י! — האָט יאָסעלע געע׳ט ע נ ה׳ט.

ר׳ בערל האָט אָנגעהויבן איבערטראַכטן אַלע קינדער, ווער פון זיי קען פּויאַיק זיין אַזאַ מעסערל צו ג נ ב׳ענען. און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מ ש ה׳לע מ ז י ק האָט די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן עפּעס ניט ווי אַלע מאָל, ניט ווי אַלע קינדער. „עס קען זיין זיין אַרבעט, — האָט ער צו זיך גערעדט, — נאָר גיי טשעפּע זיך מיט אים. טאָמער געפין איך ביי אים ניט, בין איך פּ ש ו ט מיט מיין לעבן ניט זיכער! איטשע שניטקרעמער, דער טאַטע זיינער, קען מיך אין אַסטראָג אַריינזעצן, אָדער קומען אין ח ד ר מיר אַראָפּ-לאָזן אַ פּאָר פּעטש... אַ פ י ל ו איך זאָל ביי אים יאָ געפינען, וועל איך זיך ניט קענען אויסצאָלן... אַזוי איז שלעכט, און ניט אַזוי איז אויך ביטער! וואָלט עס כאָטש געווען אַ פּ ש ו ט מעסערל, וואָלט איך באַדאַי אַ האַלב קערבל פון קעשענע אָנווערן, אָפּקויפן ליבעלען אַזאַ מעסערל און גיי ווארג זיך. דאַרף עס מ ע ש ה - ש ט ן זיין אַ מעסערל מיט אַ שפּאַקטיוועץ; מיט אַ ק ר י א ת - ש מ ע... אויסברעכן זיך האָט געמעגט יענער אויסלענדער די האַנט, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ מעסערל, און מיר זאָל דאָס אומגליק דורך אים טרעפן!“

— קום אַהיים צו דער מאַמען דיינער. — האָט בערל פּלוצלונג געזאָגט צו יאָסעלען גאָר מיט אַן אַנדערן טאָן. — דערציי׳ל איר קיין מ ע ש ו ת ניט, אַז איך האָב דיך געשמיסן, און עס פּאַרדריסט מיך טאַקע, א פ ש ר ביסטו טאַקע ניט שולדיק. איך בין אָבער אויך ניט שולדיק, און אויף מיר וועט פּאָרט ליבעלעס מאַמע שרייען.

— פירט מיך ניט צו דער מאַמען, ר ב י טייערער! — בעט זיך דאָס קינד, — זי וועט שטאַרבן, איך האָב מורא.

— אַז דו האָסט ניט גענומען, — טרייסט אים ר׳ בערל, — דאַרפסטו ניט מורא האָבן, וועט זי דיך ניט שלאָגן, נאַרעלע!

— פאַרוואָס האָט מיך דער רבי געשמיסן און געשלאָגן, כאָטש איך האָב ניט גענומען! — פרעגט דאָס קינד כליפּענדיק.

— איך ווייס דאָך ניט, צי יאָ, צי ניין, — פאַרענטפערט זיך ר׳ בערל.

— פאַרוואָס האָט דער רבי נאָר מיך אַליין געשמיסן? — פרעגט יאָסעלע ווידער. — אפשר האָט אַן אַנדערער דאָס מעסערל גענומען?

— פאַרשטייסט, פאַרוואָס נאָר דיך? — דערקלערט אים דער ר׳ בי. — ווייל דו האָסט שוין געפּרואווט אַמאָל זיין אַ גנב... געדענקסט, אפשר איז דענסטמאָל אויך אַ ליגן געווען? אַ אינגל, וואָס מען האָט שוין געכאַפּט אַמאָל ביי אַ גניבה, דאַרף ניט אין כעס זיין, אַז מען איז אים חושד נאָך אַמאָל, כאָטש אפשר אומזיסט... פאַרשטייסט?

יאָסעלע האָט נישט געענטפערט, נאָר די טרערן זיינע האָבן זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן גיסן, און ניט רעדנדיק מער קיין וואָרט, איז ער ציטערנדיק מיט׳ן רבי׳ן צו זיין היים געקומען.

ביילע איז ווי אַ פאַרשטיינערטע געבליבן זיצן און ניט געקענט אַ וואָרט אויסריידן, אַז זי האָט אויסגעהערט בערלס סיפור וועגן מעסערל. ברוך אָבער האָט זיך באַלד מיט כעס אַ וואָרף געטאָן צו זיין קינד און עס אָנגעהויבן שלאָגן.

— אָן כעס, ר׳ ברוך, מיט בייזן מאַכט מען ערגער! — האָט דער רבי זיך אַריינגעמישט. — נאָר מיט גוטן, און ניט איר וועט ביי אים דערגייין, די מאַמע זיינע מוז אים אויספאָרשן, מיט גוטן, ווי אַ מאַמע קען.

— ווי זאָל מען ניט זיין אין כעס, אַ גנב!? — האָט דער טאַטע געשריען. — איך וועל אים אַ לעבעדיקן ניט לאָזן. אָט שוין

זאָל מיר ווערן דאָס מעסערל! דו הערסט, דו ג נ ב! — און ער האָט זיך ווידער גענומען צו יאָסעלען.

— אָוועק פונ׳ם קינד! — האָט כיענע אַ געשריי געטאָן ניט מיט איר ק ו ל. — מיין ג נ ב! איך וועל פאַר אים ליידן. און דו, וויסטער טאַטע, פרוואו נאָר אַ פינגער אויף אים נאָך אַ מאָל אַרויפ־לייגן, וואָס מיר וועט אין האַנט אַריינפאַלן, וועט פליען דיר אין קאָפּ אַריין!

— זייער שיין, זייער פיין! — האָט דער קראַנקער ש מ ש הוסטנדיק געזאָגט. — זעט איר שוין, ר׳ בערל, אין וועמען דער ג נ ב איז געראָטן? שעמען דאַרפסטו זיך! זאָגט, ר׳ בערל, ציי האָב איך רעכט!

— כ ע ס איז ב כ ל ל אַ מ י א ו ס׳ע מ י ד ה, און וויבאַלד איר זייט אין כ ע ס, איז שוין ניט גוט! — האָט זיך ר׳ בערל אָפּגערופן.— כיענע, איר וועט מיט גוטן דעם גאַנצן א מ ת דערגרייכן, נאָר מיט גוטן, איך בעט אייך, כיענע, נאָר מיט גוטן! פריער, שפּעטער, מוז זיך דער א מ ת באַווייזן. און טאַמער וועט זיך טאַקע אַרויסווייזן, אַז שולדיק איז אַן אַנדער אינגל, ניט יאָסעלע, איז ב א מ ת אַ זינד אַ גרויסע אומזיסט אים צו שלאָגן!

— אַזוי שולדיק זאָל איך קומען פאַר׳ן ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם, ווען מיין ש ע ה וועט קומען! — האָט כיענע געשוואָרן. — אַ מאַמעס האַרץ פילט, ווען איר קינד איז שולדיק און ווען ניט!... איך האָב גיט פאַריבל אויף אייך, ר ב י, וואָס איר זייט מיין קינד ח ו ש ד. וואָס זאָל אַ פרעמדער זאָגן, אַז אַן אייגענער טאַטע רעדט ניט בעסער? נאָר אָפּדאַרן מעג יענעם די הענט, וועד עס האָט דאָס מעסערל גע׳ג נ ב׳עט, און איבער אים האָט מען מיין אָרים קינד אַזוי געפּייניקט!... ר י ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם! באַווייז דיין א מ ת, דיין מ ש פּ ט אויף דער וועלט, אַ ן זאָל מיין ק ל ל ה דאָס איין מאָל אין מיין לעבן יענעם אָנקומען, וועד עס האָט זי כ ש ר פאַרדינט!

— צום ח ד ר האָט עס ניט. — האָט בערל ווי זיך פאַרענט־

פערנדיק געזאָגט. — זאָל יאָסעלע קומען מאָרגן אין ח ד ר. דאָס מעסערל וועט זיך געפינען. איצט גלויב איך אַליין, אַז אַנער קינד ווייס פון דעם ניט. אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוט יאָר! — האָט כיענע געענטפערט. און ר׳ בערל איז אַוועק אַהיים זייער צעטראָגן: וואָס וועל איך ענטפערן שיינדעלען, וואָס וועט מיר אַ וו ד אַ י ניט שווייגן, וואָס ביי מיר אין ח ד ר זאָל מען ביי איר איינציק קינד צו׳ג נ ב׳ענען אַזאַ טייער מעסערל! און נאָך ערגער, ווי דערקלערט מען איר, אַז ד ו ו קא דער, וואָס מען איז אים מער ח ו ש ד, איז ווייניקער שולדיק און א פ ש ר טאַקע גאָר ניט שולדיק? זאָגן איר, אַז מ ש ה׳לע מ ז י ק האָט געקענט דאָס צונעמען? עס פעלט מער ניט! נו, אַן אַנשיקעניש, אַ נ י ס י ו ן אַן א מ ת׳ער!...

קומענדיק אין ח ד ר האָט ער שוין די קינדער ניט געפונען. זיי זיינען זיך אַלע צעלאָפן, און אויך לייבעלע, וואָס האָט אַליין ניט געוואָלט וואַרטן ביז דער ר ב י וועט קומען מיט׳ן מעסערל, איז אַהיים אַוועק מיט פאַרשוואָלענע אויגן פון וויינען. קומענדיק אַהיים, האָט ער באַלד כליפּענדיק דער מאַמען זיינער דערציילט, אַז דאָס טייערע מעסערל האָט יאָסעלע כיענע דער ש מ ש׳טעס אינגל ביי אים צוגע׳ג נ ב׳עט. „יאָסעלע איז אַ ג נ ב, — האָט דאָס ציטעריקע קינד דערציילט, — וואָס האָט ביים ר ב י׳ן אַליין אַמאָל געלט גע־ג נ ב׳עט, די 50 קאָפּיקעס, וואָס ס׳האָט אַמאָל פון דעם געלט געפעלט, ב ע ת דער טאַטע האָט געשלאָגן כאַצקל דעם מ ש ר ת. די ר ב י׳צן זאָגט: „יאָסעלע האָט לאַנגע הענט, און אַז ער ציט אויס זיינע הענט, קען ער פון צען איילן ווייט אַרויסנעמען פון קעשענע!“ — די לעצטע ווערטער האָט דאָס קינד געהערט פון די ח ד ר־אינגלאַך אַ דערקלערונג, וואָס מיינט „לאַנגע הענט“.

— פאַרוואָס האָסטו מיר גאָר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז דער יאָסעלע, אַ מ י ת ה־מ ש ו נ ה אויף אים, איז אַ ג נ ב? — האָט די מאַמע געפרעגט. — וואָלט איך געוואוסט, וואָלט ער שוין לאַנג

אין ח ד ר ניט געווען און וואָלט הײַנט דײַן מעסערל ניט גע׳ג נ ב׳עט.

— דער ר ב י האָט ניט געהייסן אויסזאָגן; אַלע אינגלאַך האָבן געשוואָרן ניט אויסצוזאָגן פונ׳ם ח ד ר. — האָט לייבעלע וויינענדיק דערציילט. — איצט האָט דער ר ב י אים אויך געשמיסן, און ער האָט צוגעזאָגט עס אָפּצוגעבן אין דרהיים ביי אים.

שיינדעלע איז אַן אָנגעצונדענע געוואָרן, אויסהערנדיק איר ציטעריק קינדס ביטערע נײַעס און האָט שוין געוואָלט לויפן זיך אָפּרעכענען מיט בערלען. נאָר דער מאַן האָט זי אָפּגעהאַלטן און האָט געזאָגט:

— האָב צײַט. עס קען זײַן, דער ר ב י וועט עס באַלד אָפּברענגען.

— מיינסט אַ ו ו ד א י, איך וועל זיך פוילן אַריבערצוגיין צו כיענען, דעם ג נ ב׳ס מאַמען? — האָט שיינדעלע געשריען. — זאָל דער ר ב י ניט אָפּברענגען, זי וועט מיר מוזן אָפּגעבן דאָס מעסערל כאָטש קראַנקערהייט! אַזאַ ש פ ל ה, מיט וואָס פאַר ש ב ו ע ו ת און ח ר מ ו ת זי האָט זיך געשוואָרן, אַז איר קינד וועט זיך אַ פ י ל ו ניט צורירן צו מײַן קינדס אַ קאָפּיקע אָדער אַן אָנבײַסן! און איך נאָר האָב מיך געלאָזט אײַנרעדן און געהייסן דעם ר ב י׳ן איר יאָסעלען אין ח ד ר אַרײַננעמען, כ ד י ער זאָל ביי אים אויסנאַרן און אַוועק׳ג נ ב׳ענען אַלץ, וואָס דאָס קינד נעמט מיט, און אַוועקגעבן דער מאַמען זײַנער! הײַנט גיי דערקען אַ מענשן: רעדט, דאַכט זיך, מיט גאָט און לערנט גאָר איר קינד ג נ ב׳ענען ביי די ח ד ר-אינגלאַך און איר ברענגען אין שטוב אַרײַן!

איך האָב דיר לאַנג געזאָגט,—האָט זיך ר׳ ש ל מ ה אָפּגערופן,— אַז אַן אָרימאַן איז אַ ג נ ב! קומט צו דיר אַן אָרימאַן אַרײַן, לאָז אים שטיין בײַם טיר, גיב אים זײַן נ ד ב ה, אַז דו האָסט אַ גוט האַרץ, און לאָז ער גיין געזונט! קומט אַרײַן צו דיר כיענע אָדער אַנדערע אַזעלכע זאָגערנס און וואוילגעלערנטע, רוקט מען איר אין האַנט אַרײַן אַ פּאָר גראָשן און אויס מ ח ו ת נ ת׳טע! דו אָבער

ביסט ניט בעסער פאַר אַלע ווײַבער: קומט אַרײַן אַ כיענע, נעמסטו זי אַרײַן אויבנאָן, האָסט מיט איר ע ס ק י ם, הערסט אויס אירע אויסגעטראַכטע מ ע ש ו ת: זי האָט אַ קינד מיט אַ פײַן קעפּל, וויל אים ת ו ר ה לערנען, גלויבסטו און הײסט דעם ר ב י׳ן פון אונזער אײנציק קינד, ער זאָל אים אין ח ד ר אַרײַננעמען, צו אונזער לײבעלען אַ ח ב ר! נאַ דיר אַ ח ב ר! אָן ע ם ל א ה י ה זײַנען זײ די ווײַבער, און זײ זײַנען נאָך גערעכט!

— נו, נו, איך וועל זיך מיט איר אָפּרעכענען! — האָט שײנ־דעלע זיך אָפּגערופן ווי אויף ל ה כ ע י ם פאַר איר מאַנס מ ו ס ר. — אַ קראַנקע וועט זי מיר דאָס מעסערל אָפּגעבן און איר פוס וועט מער אויף מײַן שוועל ניט אַרויפטרעטן! וואָס האָב איך מ ו ר א פאַר איר? זי וועט מיך שילטן און פלוכן, זי האָט אַ גוט פּיסקל? וועלן אירע ק ל ל ו ת פאַלן אין טיפן י ם און אויסגײן צו אירע הענט און פיס! אומזיסטע ק ל ל ו ת, נ י ש ק ש ה, קומען ניט אָן!

— אָבער וואָס האָסטו דאָס אין גאַנצן באַדאַרפט? — האָט דער מאַן ניט אויפגעהערט צו מ ו ס ר׳ן זי, — ווילסט זײַן אַ גוטע? מען טאָר קײַן גוטער ניט זײַן צו ק ב צ נ י ם! זאָלסט זײ די העמד פון לײַב אַוועקגעבן, וועסטו פאַר זײ ניט י ו צ א זײַן. איז דאָך טאַקע גלײַכער, אַז מען האָט ל כ ת ח י ל ה מיט זײ קײַן מ ג ע ־ ז מ ש א ניט... גוט געוועזן צו כיענען, געגעבן איר, געשטאָפּט, — נאַ דיר איר דאַנק; איצט וועט זי דיר נאָך מאַכן אַ ש ם און נאָך פלוכן אויך... אַ מ צ ו ו ה אויף דיר!

— זאָל זי עס מער ניט האָבן בײַ איר לײַב און נ ש מ ה, וואָס איך האָב איר דײַנס איבערגעגעבן! — האָט שײנדעלע שוין אויף איר מאַן זיך געוואָרפן. — איך ווײס דאָך, אַז דו מײנסט, אַז איך גיב אַזאַ כיענען איבער דײַן באָבעס י ר ו ש ה. פאַרקרענקען מעג איך עס, וואָס זי האָט פון מיר געהאַט ח ו ץ אַ גילדן פאַר פאַראַ־יאָריקן ע ר ב ־ י ו ם ־ כ י פ ו ר׳דיקן ליכט־מאַכן! איך וואָלט גע־

וואוסט, אַזאַ מ פ ל ה אויף איר, וואָלט איך זי מיט שטעקנס געיאָגט פון מײַן שטוב.

און אַזוי האָבן זיך מאַן און ווײַב געקריגט אַ שטיק אין דער נאַכט, ביז לײַבעלע איז אַ ווײַנענדיקער אַנטשלאָפן געוואָרן.

---

## ח.

ר׳ בערל, קומענדיק צוריק פון כיענען, האָט אויך אַ גוטע ש ע ה מ ל ח מ ה געהאַלטן מיט זײַן ווײַב: זי האָט געשריען, אַז ער איז אַ שמאַטע, אַ לײַמענער דישל, און בײַ אים איז רעכט, אַז יאָסעלע האָט דאָס מעסערל ניט גענומען, ווײַל כיענע, מ ס ת מ א, האָט דיך מיט איר געשליפן צינגעלע, זאָל עס איר נאָר אָפּגענומען ווערן, אײַנגערעדט. אַז ניט, גרויסער נאַר מיט דער לאַנגער באָרד, — האָט זי געשריען, — אַז ניט יאָסעלע האָט גענומען, קומט דאָך אויס, אַז איך אָדער דו זײַנען די ג נ ב י ם!

אַז דאָס האָט געקענט צונעמען יעדעם אינגל אין ח ד ר, פונקט אַזוי ווי יאָסעלע, אַז אויף אַזאַ קונציק מעסערל וואָלט א פ ש ר דער גרעסטער צ ד י ק אַ אינגל ניט געקענט בײַשטײַן בײַם נ ס י ו ן, און מער פאַר אַלעמען האָט עס געקענט און טאַקע א פ ש ר געווים צוגענומען מ ש ה׳לע מ ז י ק, ווי אים איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן, האָט ער מ ו ר א געהאַט צו זאָגן: אַ אידענע האָט אַ לאַנגע צונג, האָט ער געטראַכט, און האָט זײַן ח ש ד אויף מ ש ה׳לע מ ז י ק ניט אויסגעזאָגט.

— בײַ אַן אַנדערן מ ל מ ד וואָלט ער זיך מ ו ד ה געווען! — האָט די ר ב י׳צן אַלץ ג ע׳ט ע נ ה׳ט.

— קײַן אַרעסטאַנט וועט מען דאָך ניט שמײַסן, ווי איך האָב אים געשמיסן! — האָט בערל געענטפערט. — ביסט, דאַכט זיך, אַלײַן דערבײַ געשטאַנען און האָסט געזען! און שטעל דיר פאָר, דו נאַרישע

אמ ש ה, ווען דאָס אָרימע קינד איז היינט גראָד ניט שולדיק, מיינסטו, שווייגט גאָט פאַר אַזאַ'ן אומזיסט פייניקן אַן אומשולדיקן?

— וואָס וועסטו אָבער ענטפערן שוינדעלען? ווייסט דען ניט, אַז דו שפּילסט דאָ מיט פייער? — האָט זי אירם גע'ט ע נ ה'ט.

— דערפאַר טאַקע הייבט זיך מיר דער מ ו ח! — האָט בערל געקרעכצט, און האָט טאַקע אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט שלאָפן פון ע ג מ ת - נ פ ש.

גוט און רואיק, כ מ ע ט רואיקער ווי אַבי ווען, האָט כיענע די נאַכט געשלאָפן. זי האָט טאַקע נאָך ר' בערלס אַוועקגיין זיך גענומען צו יאָסעלען אויספרעגן מיט גוטן און מיט בייזן, טאָמער ווייס ער פאָרט כאָטש פון אַ שטיקל ש י י כ ו ת צו דעם מעסערל. און אַז זי האָט זיך איבערצייגט פון אַלע זיינע ת ש ו ב ו ת, אַז ער איז אין גאַנצן, פון אָנהייב ביז'ן ס ו ף, אומשולדיק, האָט זי זיך גוט אויס־געוויינט, קוקנדיק, ווי צעשגיטן זיין געפייניקט לייבעלע איז, אים גוט אָנגעקושט, געדאַנקט גאָט, וואָס איר קינד איז קיין ג נ ב ניט, זיך געלייגט שלאָפן און ביז טאָג אַ פ י ל ו זיך ניט אויפגעכאַפּט. אויף מאָרגן פרי האָט זי יאָסעלען אין ח ד ר געשיקט און אים געזאָגט, ער זאָל ביי זיך גאָר ניט אַראָפּגעפאַלן זיין: גאָט וועט זיין אומזיסט פיין און י ס ו ר י ם צוזען, און דער א מ ת וועט זיך באַווייזן!

דער ר ב י האָט אים אַ וואָרט ניט גערעדט, ניט צו גוטן, ניט צו בייזן, נאָר ל א ה די ר ב י'צן האָט גענומען דיפּלאָמאַטיש און איידל אים אויספרעגן, טאָמער וועט איר געראָטן מיט רייד, וואָס איר מאַן איז ניט געראָטן מיט ריטער און קלעפּ.

— זאָג, דו ג נ ב, אַ כ פ ר ה זאָלסטו ווערן, דו וועסט טאַקע ניט אַוועקגעבן דאָס מעסערל? געבן זאָל דיר גאָט י ס ו ר י ם פאַר אַלע אידן!

יאָסעלע האָט זי נאָר אָנגעקוקט, אָבער ניט געענטפערט.

— וואָס שטומסטו, שטום זאָלסטו ווערן? איך פרעג דיך דאָך!

—איך האָב ניט גע׳ג נ ב׳עט דאָס מעסערל, ניט געזען אַ פּ י ל ו! האָט יאָסעלע געענטפערט קורץ און שאַרף.

— זאָלסטו שוין אַזוי ניט זען ליכט אין דײַנע אויגן, ווי דו האָסט שוין דאָס מעסערל יאָ געזען! וואַרט, דו ג נ ב קלײנער, איך וועל זיך ערשט נעמען צו דיר. דײַן ר ב י איז ניט ווערט, וואָס ער גײט אויף דער וועלט, וואָס ער האַלט אַזאַ ג נ ב אין ח ד ר!

יאָסעלע האָט נאָר אָנגעקוקט די נאַרישע אידענע, וועלכע ער האָט אַלע מאָל געפּאָלגט אין פײַער און אין וואַסער, און ער האָט זי אין דער ר ג ע פײַנטער געהאַט פאַר אירע רײד, ווי דעם ר ב י׳ן פאַר זײַנע שמיץ. פּלוצלונג האָט זיך ברײט די טיר פאַנאַנדערגע־עפנט און שײנדעלע מיט איר ב ן ־ י ח י ד זײַנען אַרײַן.

שײנדעלע, אַ דיקע אידענע מיט אַ דרײַ־עטאַזשנעם גוידער, מיט אַ האַלז פּערל גרויסע, אין גאַנצן רויט ווי פײַער, האָט פאַר־געסן פון כ ע ס אַ פּ י ל ו „גוט־מאָרגן!" צו זאָגן. ר׳ בערל האָט איר פריער געזאָגט: גוט מאָרגן!

— נו, ר ב י, שוין האָב איך אויסגעפירט. אָט דאָס קומט מיר פאַר אַלעם גוטן, וואָס איך האָב געטאָן פאַר אײַך, איר זאָלט צו מײַן קינד אַ ח ב ר אַ ג נ ב צוזעצן, אַ ק ב צ נ׳יש קינד, אַ שלעפּער ערגעץ, זאָל עס ניט אויסגערעדט זײַן, און ער זאָל אים טאָג־טעגלאַך באַ׳ג נ ב׳ענען פון קאָפּ ביז די פיס!?... וואו איז דער ר ב י? איך מײן; וואו זײַט איר, ר׳ בערל? וואו איז אײַער ה ש ג ח ה, אײַער ה ד ר כ ה, פאַר וואָס איר נעמט ש כ ר ־ ל י מ ו ד? אַ שײנע ה ד ר כ ה קען שוין זײַן, אַז בײַם ר ב י׳ן איז רעכט אַרײַנצוגעמען אַ ג נ ב, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן, די קינדער זאָלן זיך פון אים אויס־לערנען כ ל ־ ב ו!

— זעצט זיך, שײנדעלע, רוט אָפּ אַביסל! — האָט דער ר ב י געבעטן, צורוקנדיק צו איר אַ בענקל, וואָס ער האָט פון דעם מיט זײַן פּאָלע די שטויב אָפּגעווישט.

— איך בין ניט געקומען זיצן בײַ אײַך, — האָט שײנדעלע

ווייטער אָנגעהויבן, — איך בין געקומען דאָס מעסערל אָפּנעמען. עס מעג מיר אַ האַלב לעבן קאָסטן. עס גייט מיר ניט אַזוי וועגן ע צ ם מעסערל, כאָטש אַ טייער אויסלענדיש מעסערל, אויף וואָס איר זייט גאָר קיין מ ב י ן ניט; ווי קומט איר דאַרויף גאָר אַ מ ב י ן צו זיין? איר זייט דען אַמאָל געווען אין אויסלאַנד, זינט איר לעבט? נאָר אַ כ פּ ר ה דאָס מעסערל פאַר מיין ליבעלעם מינדסט נעגעלע, איך וואָלט פאַר זיין ווינען און קלאָגן אַ גאַנצע נאַכט מ י - י ו ד ע וואָס ניט גענומען. אָפּגענומען זאָל ווערן כיענעם אינגל דעם ג נ ב דאָס לעבן, ווי עס איז מיין איינציק קינד אָפּגענומען געוואָרן אַ שטיק געזונט! צו וואָס האָב איך עס באַדאַרפט? צו וואָס האָט עס מיר געטויגט, איר זאָלט אַזעלכן אין ח ד ר האָבן? איר, ר ב י, זייט שולדיק! איך בין אַ אידענע, וואָס האָב איך געוואוסט? איך האָב געמיינט, אַז איר נעמט אים אַרײַן אין ח ד ר, מ ס ת מ א ווייסט איר דאָך, אַז עס איז אַן ערלאַך קינד. היינט נאָט אייך זיין ערלאַכקייט! נאָר וואָס רעד איך, וואָס עפּעס היינט? שוין דריי וואָכן, אַז איר ווייסט, אַז ער איז אַ ג נ ב אַ ווייסל פון אויג; ביי אייך אַליין האָט ער געלט געג׳ג נ ב׳עט, אַלע קינדער ווייסן עס און רופן אים ג נ ב, נאָר איר האָט זיך פאַרשוואָרן ניט אויסצוזאָגן. און דאָס וועל איך אייך קיינמאָל ניט מ ו ח ל זיין! אַ שיינע מ ע ש ה כ׳לעבן: ניט אויסזאָגן הייסט מען אַ קינד, אַז אַ ר ב י גיט אַמאָל אַ שמיץ, אַ קלאַפּ. אָבער ניט אויסזאָגן, אַז אין ח ד ר איז דאָ אַ אינגל אַ ג נ ב, און נאָך וואָס פאַר אַ ג נ ב! אַ שלעפּער ערגעץ! ניין, ר ב י, דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָר נישט, סיידן... נאָר גלייכער אַז מען שווייגט.

— שיינדעלע, באַרואיקט זיך, — האָט ר׳ בערל מיט ה כ נ ע ה געבעטן, — איר זייט טאַקע גערעכט, ווי איך בין אַ איד, גערעכט! אָבער איך בין אויך ניט שולדיק. אַ קינד, האָב איך גערעכנט, טוט אַמאָל אַ נאַרישקייט, האָב איך אים גאַנץ גוט אָפּגעשמיסן פאַר זיין כאַמען אין די אויגן און האָב עס גאָר ניט גענומען פאַר אַ ג נ ב ה. אַ שטיל קינד, פרעגט אַלע אינגלאַך, צי האָט ער אַמאָל וועמען

אַ פּ י ל ו אַ האָר געקרימט? מיט דעם מעסערל איצט איז טאַקע אַ מ י א ו ס׳ע מ ע ש ה, אָבער איך ווייס נאָך ניט, צי האָט ער גע־ג נ ב׳עט, צי האָט מען עס ב כ ל ל גע׳ג נ ב׳עט. א פ ש ר האָט עס לייבעלע פאַרלאָרן ערגעץ?

— אַלע בייזע ח ל ו מ ו ת צו מײַנע ש ו נ א י מ׳ס קעפּ! — האָט שיינדעלע אַ שפּײַ געטאָן און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפ׳ן ר ב י׳ן.

— וואָס מיינט איר עפּעס, ר ב י, איך בין אַ קליין מיידעלע, וואָס איר ווילט פון מיר ח ו ז ק מאַכן? איך ווייס ניט, מיינט איר, אַז ער האָט זיך מ ו ד ה געווען, אַז ער האָט עס זײַן מאַמען אַוועק־געגעבן? געגעבן זאָל צו איר ווערן אַלע קרענק און י ס ו ר י ם, וואָס האָט געזאָלט זײַן מיר, מײַן מאַן און מײַן איינציק קינד! נאַ דיר גאָר אַ נײַעס! איך האָב געמיינט, אַז דאָס מעסערל האָט איר שוין לאַנג אָפּגעגומען, און לייבעלע האָט אויך אַנדערש ניט געמיינט, אַז דער ר ב י וועט אים באַלד, ווי ער וועט אין ח ד ר אַרײַנגיין, עס אָפּגעבן, איך בין נאָר געקומען אײַך אויסריידן די ע ו ל ה, וואָס איר האָט אַ ג נ ב ביז יעצט אין ח ד ר געהאַלטן, און טאַקע זען, אַז פאַר מײַנע אויגן טרײַבט איר אים אַרויס. ערשט איצט הער איך גאָר, אַז דער ר ב י אַליין מאַכט גאָר ח ו ז ק דערפון... פון וואַנען ווייס איך, זאָגט איר, צי דער ג נ ב האָט גע׳ג נ ב׳עט? — אַז עס טרעפט זיך אַ ג נ ב ה, קומט אויס נאָך אײַערע רייד, דאַרף מען פריער זיך נעמען צום ר ב, דערנאָך ערשט צום בעדער? פריער מ ס ת מ א איז מײַן לייבעלע דער ג נ ב און נאָך אַזעלכע באַלע־באַטישע קינדער, און דערנאָך וועט איר אַ קלער טאָן: עס קען א פ ש ר זײַן, אַז כיענעס ג נ ב האָט געקענט צונעמען דאָס מעסערל!... פע, שעמען זיך דאַרפט איר, ר ב י! ער האָט זיך מ ו ד ה געווען. וואָס ווילט איר מיך אײַנרעדן, אַז איר ווייסט נאָך ניט, צי ער האָט עס גע׳ג נ ב׳עט?

— אַז איך האָב אים געשמיסן, האָט ער זיך כ ל ו מ ר׳שט מ ו ד ה געווען. — האָט דער ר ב י איר געוואָלט דערקלערן. — אָבער

ב א מ ת האָט ער אַלײן ניט געוואוסט, וואָס ער איז זיך מ ו ד ה.

— אַזאַ שמײַסן איז דאָס מ ס ת מ א געווען! — האָט שײַנדעלע מיט אַ ביטערן געלעכטערל געזאָגט. — וואָס קומט אַרויס פון די רײד? איך זע דאָך, אַז איר האַלט פאַר אים שטאָל און אײַזן. איר מײנט: ער וועט נאָך בלײַבן בײַ אײַך אין ח ד ר? זאָג איך אײַך, אַז דאָס זאָלט איר זיך גאָר ניט אײַנרײדן, סײַדן איר ווילט, מײַן לײבעלע זאָל נאָך הײַנט פון אײַער ח ד ר אַרויס; און מיט גאָטעס הילף, וואָס שײנדעלע וועט טאָן, וועט אויך טאָן א ס ת ר׳ל און ש ר ה׳לע און ח ו ה׳לע, און ניט אײן רעכטע מאַמע וועט איר קינד צו אײַך אין ח ד ר לאָזן גײן. איר ווילט אים האַלטן? געזונטערהײט! האָט אײַך אַ ח ד ר פון גאַלע ג נ ב י ם און כ ל ־ ב ו׳ניקעס, וועט עס אײַך א פ ש ר מער לוינען, ווי צו זײַן אַ מ ל מ ד פון באַלעבאַ-טישע, אָרנטלאַכע, ערלאַכע קינדער... נאָר צום מעסערל האָט עס ניט; דאָס מעסערל זאָל מיר ווערן, עס מעג זיך די גאַנצע וועלט איבערקערן. דאָס מעסערל זאָל איך שוין האָבן! וואו איז דער ג נ ב! ווײַזט מיר אים, איך וועל אײַך ווײַזן אַ קונץ, אַז מיר וועט ער עס אָוועקגעבן.

יאָסעלע, — האָט דער ר ב י אַ געשרײ געטאָן, — קום אַהער!

יאָסעלע איז צוגעגאַנגען, אין מויל האָבן אים די צײנדלאַך גע-ציטערט פאַר שרעק.

— אָט דאָס איז ער? — האָט שײנדעלע אים אָנקוקנדיק געזאָגט און אַ שפּײַ געטאָן. — אָט מיט דעם קלײנעם שלעפּער וועל איך ניט אויספירן? איבער דעם פאַרזעעניש האָט מײַן לײבעלע אַ גאַנצע נאַכט געוויינט? מיר וועלן זען, צי וועל איך אויספירן צי ניט! בײַ מיר האָט זיך אַ סאָלדאַט אַ ג נ ב מ ו ד ה געווען, אַז איך האָב אים אַ פּאַטש נאָך אַ פּאַטש אַראָפּגעלאָזן, און מײַן ג נ ב ה מיר אין שטוב אַרײַנגעטראָגן, וועט דער קלײנער ג נ ב זיך ניט מ ו ד ה זײַן?

— דאָס מעסערל גיב אַהער, דו ג נ ב! — האָט פּלוצלונג שײַנדעלע אַ געשרײ געגעבן צו יאָסעלען און אים מיט דער פולער

האַנט אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש איבער זײַן גאַנץ פּ נ י מ׳ל. — דאָס מעסערל גיב אַוועק, אַז ניט וועלן זיך דאָ דײַנע ט ר פ׳ענע בײַנדלאַך צעשיטן אונטער מײַנע הענט! — און ניט קוקנדיק, וואָס ס׳האָט זיך אָנגעהויבן גיסן בײַם קינד בלוט פון נעזל, האָט זי עס ווײַטער געשלאָגן, געריסן און געשריען: „דאָס מעסערל גיב אַוועק, איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן, ביז איך וועל דאָס מעסערל האָבן!“ — ר׳ בערל האָט ב א מ ת מ ו ר א געהאַט, זי זאָל דאָס קינד דאָ בײַ אים אין ח ד ר ניט טײַטן, און האָט געבעטן:

— שײַנדעלע, איך בעט אײַך, לאָזט אים אָפּ, וויפיל איז ווערט אַזאַ מעסערל? אַ האַלבן רובל? אַ רובל? רעכנט מיר אַראָפּ פון ש כ ר ־ ל י מ ו ד; אים טרײַב איך אַרויס פון ח ד ר, ווי איר זאָגט, נאָר שלאָגט ניט אַ פרעמד קינד, ער איז שוין גענוג געשלאָגן און געפּײַניקט געוואָרן.

— טאָ טרײַבט אים שוין אַרויס! די מינוט זאָל זײַן פוס דאָ ניט זײַן! — און ניט וואַרטנדיק, ביז דער ר ב י וועט עס טאָן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דאָס צעבלוטיקטע קינד און עם אַרויסגעשטויסן פון טיר.

— וואָן, אַרויס! דײַן פוס זאָל דאָ ניט זײַן, דו ג נ ב! — האָט זי געשריען.

— ל א ה, — האָט דער ר ב י געהײַסן, — גײַ נעם אים אַרײַן אין הויף און וואַש אים אַרום דאָס בלוט.

— וואָס האָט איר מ ו ר א? — האָט שײַנדעלע געשריען. — איך וויל נאָר מײַנע הענט ניט פּאַטשקען: איך וואָלט זײַן מאַמען אַלײַן דאָס פּ נ י ם אויספּראַסקען. וואָס נעמט זי צו ג נ ב ו ת בײַ איר קינד! דאָס איז דאָך איר גאַנצע כ ו ו נ ה געווען, וואָס זי האָט אים צו אײַך אין ח ד ר געשיקט! ת ו ר ה דאַרף ער לערנען... אויך מיר אַ מענש אויף דער וועלט! ג נ ב׳ענען דאַרף ער, און זי האָט קײַן בעסערן אָרט ניט געפונען, ווי דאָ בײַ אײַך!! קום, לײַבעלע, אתיים. הײַנט וועסטו ניט לערנען. איך וועל דיר קויפן אַ שענער

מעסערל, און דאָס מעסערל זאָלן זײַ האָבן צו שטעכן זיך, ר י ב ו נ ו־ ש ל־ע ו ל ם, פאַר מײַן קינדס צ ע ר און טרערן נעבאך!

---

## ט.

יאָסעלע איז אהיים געקומען אַ צעבלוטיקטער, אַ צעבײַלטער. די מוטער האָט אים קוים דערקענט.

— ווידער דער ר ב י? — האָט זי אַ דערשראָקענע געפרעגט.— ווער האָט דיך אַזוי צעשלאָגן? אײַנגעשלאָגן זאָל יענער ווערן פון גאָט!

— ניט דער ר ב י, מאַמע! — האָט דאָס קינד געענטפערט. — ליִבעלעס מאַמע האָט מיך געשלאָגן, גע׳ה ר ג׳עט, איך זאָל דאָס מעסערל אָפּגעבן, דאָס מעסערל, וואָס איך האָב ניט געזען אַ פּ י ל ו.

— און דער גוטער ר ב י דײַנער האָט געלאָזן שלאָגן דיך בײַ אים אין ח ד ר?

— ער האָט ניט געוואָלט לאָזן, נאָר זי האָט מיך געשלאָגן און פון ח ד ר אַרויסגעטריבן! — האָט דאָס קינד מיט נאָך מער געוויין דערציילט. — אוי, מאַמע, פאַרוואָס לאָזט גאָט מיך אַזוי אומזיסט שלאָגן? ער ווייס דאָך, אַז איך בין ניט קיין ג נ ב, אַז איך האָב דאָס מעסערל ניט געזען אַ פּ י ל ו!

כיענע האָט געציטערט פון כ ע ס. דאָס געזיכט איז איר בלאָס געוואָרן, זי האָט די ליפּן מיט די ציינער פאַרביסן און ניט ענטפערנדיק איר צעבלוטיקט קינד אויף זײַן פראַגע, האָט זי עס אַ כאַפּ געטאָן פאַר׳ן הענטל און געזאָגט:

— קום, מײַן אָרים קינד! קום אָט אַזוי צעשלאָגן און צעבלוטיקט צו שווינדעלען. זאָל די גאַנצע וועלט זען, ווי מען שלאָגט אַן אָרים, פרעמד קינד אומזיסט און אומנישט! קום! וואָס איך האָב אויף מײַן פאַרקלעמט, ביטער האַרץ, וועל איך אויסלאָזן צו איר קאָפּ! זאָל זי וויסן, אַז אַן אָרים קינד האָט אויך אַ מאַמען און איז ניט

ה פ ק ר, יעדער זאָל עס מעגן שלאָגן און בלוטיקן, ווי אים זײַן ווילד, שלעכט האַרץ געלוסט. זי ווערט מײַן קינד אַרויסטרײַבן פון ח ד ר? אַרויסטרײַבן זאָל גאָט די נ ש מ ה אירע פון איר גראָבן גוף!

— און איך זאָג דיר, גיי ניט, כיענע! — האָט זיך ב ר ו ך אַרײַנגעמישט. — גיי ניט, טשעפּע זיך ניט מיט די ג ב י ר י ם! זיי האָבן נישט קײַן גאָט אין האַרצן... און וואָס קען אַ ק ב צ ן קעגן אַ ג ב י ר אויספירן?

— איך האָב ניט וואָס אָנצואווערן! — האָט כיענע געענטפערט. וואָס איך האָב פון שײַנדעלען, זאָל זי עס האָבן פון גאָט! איך מוז איר ווײַזן, אַז מײַן קינד איז ניט קײַן געפונענס; כאָטש אויסקילן מײַן האַרץ אויף איר, אַז איך האָב קײַן אַנדערן קלאָגער און ריכטער ניט.

און כיענע איז אַוועק צו שײַנדעלען מיט'ן צעבלוטיקטן קינד.

שײַנדעלע און איר מאַן זײַנען בײַם טיש געזעסן און געגעסן פרישטיק, ווען כיענע איז אין שטוב אַרײַן. שײַנדעלע האָט גאָר אַנדערש ניט געמיינט, ווי זי האָט כיענען דערזען, אַז דאָס האָט זי אָפּגעבערענגט דאָס מעסערל, און האָט מיט ש מ ח ה אַ געשריי געטאָן:

— ווער איז געגרעכט? איך האָב געזאָגט, מען ווערט דאָס מעסערל אין שטוב אַרײַנטראָגן. איך האָב אַלע מאָל געזאָגט: כיענע איז אַן ערלאַכע און ווערט ניט ווערן, איר קינד זאָל זײַן אַ ג נ ב!

— מײַן קינד איז קײַן ג נ ב ניט, שײַנדעלע! — האָט כיענע' זיך אָנגערופן, און דאָס האַרץ איז איר אַזוי פאַרקלעמט געווען, אַז זי האָט כ מ ע ט ניט געקענט ווײַטער אַ וואָרט אויסרעדן, כאָטש וואָס צו רעדן האָט זי גענוג געהאַט.

— פאַרוואָס האָט איר, שײַנדעלע, מײַן אָרים קינד געשלאָגן?— האָט כיענע אין אַ ווײַלע אַרום ווידער גערעדט. — זאָלן אידן זען, ווי אַ אידענע האָט אַ האַרץ אַ פרעמד אָרים קינד צו שלאָגן און צע־בלוטיקן... פאַר וואָס, פאַר ווען? וואָס האָט ער אײַך געטאָן? וואָס האָט ער אײַער קינד געטאָן? ווי האָט מען עס קײַן גאָט אין האַרצן

ניט, צו מיינען, אַז אַ מאַמע קען עס צוזען און זיך ניט מאַכן ווייסנדיק, ווייל איר זייט שיינדעלע, אַ ג ב י ר ה, און ווייסט ניט פון די פיין און י ס ו ר י ם, וואָס אַן אָרימע מאַמע טראָגט אין איר האַרצן!

— זאָל ער ניט זיין קיין ג נ ב! נאָך ניט אַזוי האָב איך אים באַדאַרפט שלאָגן; אַ לעבעדיקן האָב איך אים ניט באַדאַרפט אַרויס-לאָזן פון מיינע הענט. זאָל ער נאָר דאָס מעסערל אָפּגעבן, געגעבן זאָל צו אים ווערן קרענק און י ס ו ר י ם!

— קיינער איז פון י ס ו ר י ם ניט פאַרזיכערט, שיינדעלע! מיינט ניט, אַז איר זייט די ג ב י ר ה און איך — די ק ב צ נ'טע, האָב איך עפּעס מ ו ר א פאַר אייך. איך האָב ניט אַזאַ ג ז ל נ'יש האַרץ אין מיר, איך זאָל אייער קינד שלאָגן אָדער שילטן אַ פ י ל ו, ווי איר האָט מיין קינד געשלאָגן און געשאָלטן. נאָר ביי גאָט בעט איך — ער זאָל אייך באַצאָלן, אייך, ניט אייער קינד, זאָלן די הענט אָפּדאַרן, איר זאָלט געשלאָגן ווערן פון גאָט, אַז קיין דאָקטער און קיין ר ו פ א זאָל אייך ניט קענען העלפן. אייער בלוט זאָל זיך אַזוי גיסן פון האַרצן און פון האַלז, ווי מיין אָרים קינדס בלוט האָט זיך געגאָסן פן אייערע הענט!

— שטיל, הולטייקע! — האָט ר' ש ל מ ה דער ב ע ל-טאַקסע אַ געשריי געטאָן. — כאַצקל! — האָט ער אַ רוף געטאָן דעם מ ש ר ת. — נעם זי אָן די ח צ ו פ ה פאַר די האָר און וואַרף זי אַרויס ווי אַ הונט הינטער'ן טיר!

— כאַצקל! — האָט זיך אויך שיינדעלע אַרויסגעכאַפּט. — אָט איבער דעם קליינעם ג נ ב האָסטו פון באַלעבאָס צוויי פּעטש געליזט: ער, אָט דער ג נ ב, האָט דעמאָלט דעם האַלבן רובל גע'ג נ ב'עט ביים ר ב י'ן, און דיך האָט מען ח ו ש ד געווען און געשלאָגן אומזיסט. גיי, רעכן זיך כאָטש אָפּ פאַר דיינע ב ז י ו נ ו ת! דאָס וואָס זי שילט מיך, זאָל עס מיך גאָר אַרן. זיך צוהערן וואָס אַ ווערעמדיקע צויג בילט? צו איר קאָפּ, צו איר לייב און לעבן! אַ ה ע ז ה אַ ביסל פון אַזאַ ש פ ל ה, זי איז נאָך גערעכט?...

— כאַצקל, אַ רובל אַ פּאַטש! — האָט ר׳ ש ל מ ה געבאָטן.— צוויי רובל באַקומסטו מ ז ו מ ן פאַר די צוויי פּעטש, וואָס איך האָב דיר דאַמאָלסט איבער אָט דעם ג נ ב געגעבן, נאָר לערן אָן די ק ב צ ־נ׳טע פאַר דער ה ע ז ה, ביי מיר אין שטוב מיין ווייב צו שילטן פאַר דעם, וואָס מען איז אידן און מען וויל זי מיט איר ג נ ב אין ג ו י׳אישע הענט ניט אַרייננגעבן.

— ש ק ר, באַוויי‍ז ייד! — האָט כאַצקל אַ געשריי געטאָן. — זעט איר, באַלעבאָס, אַז ס ו ף ג נ ב ל ת ל י ה? אָט וועל איך אים מ כ ב ד זיין פאַר מיינע ב ז י ו נ ו ת און אומזיסטע קלעפּ! מיט די־



רייד האָט ער זיך געוואָלט אַ וואָרף טאָן אויף יאָסעלען און אויף זיין מאַמען. נאָר כיענע האָט געכאַפּט אַ לייכטער, וואָס איז איר ביי דער האַנט געשטאַנען און אַ וואָרף געטאָן אים אַנטקעגן. כאַצקל האָט דעם קאָפּ איינגעבויגן, דער לייכטער איז געפלויגן אין שפּיגל, וועלכער

איז אין שטיקלאַך צעפאַלן. כאַצקל איז ווילד געוואָרן, און איידער כיענע האָט צײַט געהאַט נאָך עפּעס צו כאַפּן, מיט וואָס זיך אָפּצו־באָרען פון אים, האָט ער זי שוין אין זײַנע געזונטע הענט געהאַלטן, געשלאָגן מיט די פויסטן אין רוקן, אין האַרצן און וואו ער האָט גע־טראָפן. כיענע האָט זיך מיט די ציינער אײַנגעשטשעמעט אין אים, און דאָס האָט כאַצקלען נאָך ווילדער געמאַכט. ר׳ ש ל מ ה האָט אַ פענסטער געעפנט, דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט און געשריען: „גאָר־דאַוואָי, ראַזבאָי!“ — שיינדעלע האָט שפּאַזמען באַקומען און גע־שלוקערצט. לייבעלע האָט געשריען פון שרעק. אידן זײַנען פון גאַס אַרײַנגעלאָפן: מען האָט כאַצקלען אָפּגעריסן פון כיענען, און זײַן ערשטע זאַך איז געווען אַ פּאַטש אַראָפּצולאָזן דעם פאַרצוויפלטן יאָסעלען.

— נאַ, ווייס אויך, וואָס פאַר אַ ט ע ם עס האָט דער כ י ב ו ד, וואָס איך האָב דײַן מאַמען מ כ ב ד געווען! — האָט ער געזאָגט. עס איז אַרײַנגעקומען אַ גאָרדאַוואָי, געפונען אַ פולע שטוב מיט אידן, מאַנסלײַט און ווײַבער, קליין און גרויס, צעבלוטיקטע, צעשלאָגענע מענשן, אַ צעבראָכענעם שפּיגל און איבערגעקערטע שטולן; אַלע רעדן, אַלע שרײַען, און עס איז שווער אַ וואָרט צו פאַרשטיין. באַלד איז אויך אַ קוואַרטאַלנע געקומען; אידן האָבן די היטלען אַראָפּגע־כאַפּט, אויף אַ ווײַלע איז שטיל געוואָרן, און ר׳ ש ל מ ה האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע, דאָס הייסט: ווי דאָס קליינע יאָסעלע איז אַ באַוואוסטער ג נ ב פון אַלע מאָל; ער האָט איצט אויך גע־ג נ ב ע׳ט אַ מעסערל. נו, איז זײַן מאַמע, וואָס איז ניט בעסער פאַר אים און לערנט אים אָן ג נ ב ע׳נען, געקומען צו מיר אין שטוב, געמאַכט אַזאַ סקאַנדאַל, צעבראָכן אַ טײַערן שפּיגל, איבערגעשראָקן די גאַנצע פאַמיליע, צעביסן, צעבלוטיקט כאַצקלען, פאַרוואָס — ווייס איך אַליין נישט! —

דער קוואַרטאַלנע האָט געבעטן טינט און פעדער, האָט אויפ־געשריבן אַ פּראָטאָקאָל, געפרעגט כיענען, ווער זי איז? ווי זי הייסט?

וואָס איז איר פּ ר נ ס ה? געפרעגט אויך יאָסעלען, ער זאָל אים זאָגן, ווי לאַנג באַשעפטיקט ער זיך שוין מיט ג נ ב ו ת?... כיענע האָט אויף אַלע זײַנע ש א ל ו ת נישט געענטפערט. יאָסעלע האָט גלאַט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט אים. דער קוואַרטאַלנע האָט דעם פּראָטאָקאָל איבערגעלייענט, ר׳ ש ל מ ה האָט אונטערגעשריבן, און דער גאָרדאַוואָי האָט די מאַמען מיט איר קינד אַוועקגעפירט אין צירקל. שיינדעלע האָט נאָך אַלץ שפּאַזמירט, ביז אַ דאָקטער איז געקומען, האָט באַלד אין אַפּטייק געשיקט, און שיינדעלע האָט זיך באַרואיקט, אַוועקגעלייגט קראַנק אין בעט מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ. דערנאָך האָט דער דאָקטער אויך כאַצקל דעם מ ש ר ת פאַרבונדן זײַן צעביסענע האַנט און אים אַ צײַגעניש אַרויסגעגעבן, אַז ביז די וואונד וועט זיך אין גאַנצן ניט פאַרהיילן, איז ער ניט פיייִק צו קיין שום אַרבעט.

אידן זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען דערציילן די ניט געוויינלאַכע נײַעס, וואָס זיי האָבן מיט זייערע אויגן געזען און מיט זייערע אויערן געהערט. אין שטאָט האָט געקאָכט און געקלונגען.

אַז יאָסעלע כיענעס קען זײַן אַ ג נ ב, האָט מען נאָך געקענט גלויבן; נאָר אַז כיענע זאָל האָבן אַזאַ ה ע ז ה — ש ל מ ה׳ן און זײַן ווײַב קומען שילטן בײַ אים אין שטוב און נאָך מער — באַווײַזן אַזאַ ג ב ו ר ה צו צעברעכן אַ טײַערן שפּיגל פון הונדערט רובל און צעקאַלעטשען כאַצקל דעם מ ש ר ת, וואָס האָט אַ ג ב ו ר ה דעם געזינטסטן ק צ ב פון שטוב אַרויסצווואַרפן, — דאָס איז אַלעמען געווען אַ ח י ד ו ש נ פ ל א. און ווען מען דערציילט ניט, אַז מען האָט עס מיט די אייגענע אויגן געזען, וואָלט א פ ש ר קיינער ניט געגלויבט. ו ה א ר א י ה, אַז עס איז א מ ת, מען האָט כיענען אַרײַנגעזעצט, און זי זיצט.

עס האָבן זיך אַ פ י ל ו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן כיענען גערעכט געגעבן, ניט ווײַל זיי האָבן געוואוסט פאַרוואָס, נאָר גלאַט אַזוי, ווײַל זיי האָבן ת כ ל י ת ש נ א ה פײַנט געהאַט ר׳ ש ל מ ה׳ן

און נאָך מער שײַנדעלען; און די האָבן בײַנאַכט צו מעריב אין בית־המדרש, געמאַכט אַ גאַנץ געשפּרעך דערפון.

— הערט איר, אידן, — האָט יונה וואַסערטרעגער געזאָגט, — מילא כיענע מיט איר אינגל זײַנען פאַרפאַלענע; זײ זיצן פעסט, אָבער אויף ר׳ ברוך שמש מיט זײַן צווילינג איז אַן עלנד. איך האָב הײַנט אַן עמער וואַסער אַרײַנגעטראָגן און האָב געזען, ווי ער ניאַנטשעט זיך נעבאַך מיט די קינדער. ער האָט מיר געשוואָרן, אַז ער האָט נאָך אין זײַן מויל ניט געהאַט, ניט ער, ניט דאָס צווילינג. ער האָט אַפילו ניט געוואוסט, אַז זײַן ווײַב זיצט. איך האָב עס אים דערצײלט, און איך האָב געמײנט, אַז אָט ענדיקט ער זיך, אַזוי האָט ער זיך פאַרהוסט. אַז ער איז צו זיך געקומען, האָט ער נאָר געשריען: „איך האָב איר געזאָגט, זי זאָל זיך ניט גײן קריגן מיט אַ גבירה!“ און ער איז אַפילו מצדיק את הדין אויף איר, נאָר אַ רחמנות איז אַ גרויסער.

— אידן, — האָט זיך אָפּגערופן ר׳ שואל דער שוחט, זײער אַ חשוב׳ער איד אין בית־המדרש, — מען טאָר אײן צד ניט אויסהערן! איר ווײסט דאָך: איך קום דאָך אַרײַן צו אונזער בעל־טאַקסע כמעט אַלע טאָג און קען אײַך זאָגן, אַז מעשה שהיה כך היה: כיענעס אינגל האָט געלערנט בײַ ר׳ בערלען, שײַנדעלעס אינגל לערנט אויך בײַ ר׳ בערלען. פאַרשטײט איר מיך, האָט שלמה׳ס אינגל געבראַכט אין חדר אַ מעסערל; האָט כיענעס אינגל, זאָגט מען, גע׳גנב׳עט דאָס מעסערל; האָט שײַנדעלע כיענעס אינגל צעבלוטיקט; האָט כיענע שײַנדעלען אָנגעשאָלטן פאַר דעם; האָט זיך שלמה אײַנגעשטעלט פאַר זײַן ווײַב און געהײסן כאַצקלען, ער זאָל זי שלאָגן; האָט כאַצקל זי געשלאָגן, האָט כיענע צעבראָכן אַ שפּיגל. עד שנתגלגל הדבר און כיענע זיצט! אָט דאָס איז דער גוף־הענין, און דער טײַטש איז: ברוך מיט זײַן צווילינג, וואָס זײַנען לכל־הדעות ניט שולדיק, גײען אויס פשוט פון הונגער. און אַזוי ווי פדיון־שבויים איז גלאַט

אַ מ צ ו ו ה אַ גרויסע, ב פ ר ט אַז די געפֿאַנגענע איז אַ ווײַב פֿון אַ קראַנקן מאַן, אַ מאַמע פֿון קלײנע ע ו פ ה׳לאַך, איז טאַקע אַ גרויסע זינד, מען זאָל זײ לאָזן שטאַרבן פֿאַר הונגער; ע ל כ ן איז אַ י ו ש ר ־ ג ד ו ל, אַז אידן, וואָס קענען רעדן מיט אַ פ ר י ץ, זאָלן טאַקע באַלד גײן צום פּריסטאַוו, דערצײלן אים דעם ג ו ף ־ ה ע נ י ן, גאָר אָן פ ר ו ש י ם, אַזוי ווי איך דערצײל אײַך, און טאָמער דאַרף עס קאָסטן אַ פּאָר קערבלאַך, ער זאָל כיענען באַפֿרײַען, איז אַ מ צ ו ו ה ג ד ו ל ה, אַז יעדער זאָל געבן וויפֿיל ער קען. איך גיב אַ גילדן.

— אויף ל ה כ ע י ס שײנדעלען, אַ מ פ ל ה אויף איר, — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַ ק צ ב, — גיב איך צוויי גילדן. זאָלן אידן געבן כאָטש צו גילדן, וועט זיך צוזאַמענעמען עטלאַכע רובל.

אידן האָבן געגעבן, וויפֿיל אײנער האָט געקענט, עס האָבן זיך געפֿונען אַ פּאָר, וואָס האָבן זיך אָנגענומען צו רעדן מיט׳ן פּריסטאַוו, און מען איז אַוועק אין צירקל. דאָ האָבן זײ זיך דערוואוסט, אַז נאָך מיט אַ ש ע ה פֿריער האָט דער פּריסטאַוו שוין אַרויסגעלאָזט כיענען מיט איר אינגל. פֿאַרוואָס, ווײס מען אַ פ י ל ו ניט, נאָר מען דער־קלערט, אַז דער פּריסטאַוו, כאָטש זײער אַ שטרענגער פ ר י ץ האָט פֿונדעסטוועגן קײן האַרץ ניט געהאַט צו האַלטן אַן אָרימע אידענע נעבאַך, מיט איר צעשלאָגן, צעבלוטיקט קינד אײַנגעשפּאַרט, ב פ ר ט, אַז ער האָט דערזען, אַז זי שפּײַט מיט בלוט און איז טויט־קראַנק פֿון די קלעפּ, וואָס זי האָט בײַ ש ל מ ה׳ען געכאַפּט.

---

## י.

די עטלאַכע רובל, וואָס מען האָט אין יענעם צו מ ע ר י ב בײַם ע ו ל ם אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש צוזאַמענגעקליבן, זײַנען שטאַרק צונוץ געקומען. כיענע האָט אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם צוגעקרענקט און האָט ניט געקאָנט אין גאַנצן אַרויסגײן עפּעס פֿאַרדינען; מיט די

עטלאַכע רובל האָט איר עלטער מיידל, אַ קינד פון צוועלף יאָר, וואָס זי האָט געהאַט מיט אַ יאָר פריער אַוועקגעגעבן צו אַ דאַמסקן שניידער, דאָס גאַנצע געזינדל ביים לעבן דערהאַלטן.

ש כ נ י ם פון אַרום פלעגן אַריינקומען זיך נאָכפרעגן אויף כיענעס געזונט, אַמאָל עפּעס אַריינברענגען פאַר די הונגעריקע קינדער, נאָר יעדעס מאָל זאָגן יאָסעלען מ ו ס ר, ווייזן אים, ווי די מאַמע איז איבער אים קראַנק, ווי עס וואָלט צו קיין אומגליק ניט געקומען, ווען ער, יאָסעלע, וואָלט ניט קיין ג נ ב געווען.

— מיין קינד איז ניט קיין ג נ ב! — פלעגט כיענע יעדעס מאָל זאָגן. — איך בעט אייך, מאַכט אים קיין שלעכטן נאָמען ניט. וואָלט ער ב א מ ת אַ ג נ ב געווען, וואָלט איך אַ ד ר ב ה דערצו ניט געקומען! — ביי די ווערטער פלעגן שטענדיק אירע טרערן זיך ווי וואַסער גיסן.

עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן כיענען געראָטן, זי זאָל זיך מ ש פ ט'ן מיט שוינדעלען, מיט ר' ש ל מ ה'ן; רופן אַ דאָקטער און ער זאָל אויפווייזן, אַז זי איז קראַנק און שפּייט מיט בלוט, ווייל מען האָט זי אין שטוב אַזוי געשלאָגן. און פאַר אַזאַ זאַך קענען זיי גיין אין סיביר. נאָר כיענע האָט געענטפערט: „זאָל זיי גאָט מ ש פ ט'ן; ביי מענשן וועל איך גאָר נישט געווינען!"

אַז כיענע איז פון בעט אַראָפּ, צום ערשטן מאָל אויפ'ן גאַס אַרויס, איז איר ערשטע זאַך געווען, צו גיין זוכן אַ נייעם ר ב י'ן פאַר יאָסעלען. אומזיסט האָט זי יעדן מ ל מ ד געהייסן פרעגן ר' בערלען, צי האָט זי אים ניט ביז אַ קאָפּיקע אָפּגעצאָלט? און זאָל ער זאָגן, צי איז טאַקע יאָסעלע אַזאַ ג נ ב, ווי דער נאָמען זיינער, וואָס נאָר שוינדעלע האָט אים אין שטאָט געמאַכט. עס האָט איר בעטן ניט געהאָלפן; וועגן ש כ ר - ל י מ ו ד, האָט בערל אָפן געזאָגט, אַז כיענע האָט אים א פ ש ר נאָך מיט מער כ ב ו ד, ווי די רייכע, באַצאָלט; נאָר וועגן דעם, צי איז יאָסעלע אַ ג נ ב, האָט ער געענטפערט: „גלייכער, אַז מען שווייגט... אַ שאָד, עס האָט געקענט

פון אַזאַ קינד אַרויס אַ כ ל י, אַ אינגל." — כאַטש בערל האָט מיט זײַן ווערטל: „גלײַכער, אַז מען שווײַגט" א פ ש ר גאָר דעם ה י פ ו ך געמײנט, פונדעסטוועגן האָט קיין מ ל מ ד אַ פ י ל ו אַ ס פ ק - ג נ ב ניט געוואָלט אין ח ד ר אַרײַננעמען, ב פ ר ט, אַז אַלע ח ד ר-אינגלאַך האָבן שוין יאָסעלען געקענט, און וואו זיי פלעגן אים נאָר באַגעגענען, פלעגן זיי שרײַען: „יאָסעלע ג נ ב! אָט גייט דער מעסערל-ג נ ב!".

בײַ כיענען האָט דאָס צוגענומען דאָס לעצטע ביסל ח י ו ת.

לאָזן יאָסעלען אָנקומען צוריק צום טאַטן, ער זאָל מיט אים לערנען ווי אַמאָל, האָט זי ניט געקענט. ב ר ו ך, וואָס איז פריער צו יאָסעלען נישט מער געווען ווי אַ שטרענגער, בייזער פאָטער, איז איצט אים טאַקע אַ ש ו נ א אין לעבן געוואָרן: „איבער אים, איבער דעם פויער, איבער דעם ג נ ב וועלן מיר אַלע אין דער ערד אַרײַן אָן אַ צײַט!" — פלעגט ער וואָרטשען גאַנצע טעג. און כיענע פלעגט מוזן יאָסעלען מיטנעמען מיט זיך וואוהין זי גייט, אים ניט צו לאָזן אַליין מיט'ן טאַטן, וואָס האָט אַזאַ אומזיסטע ש נ א ה אויף אים. קריגן זיך אָדער אויס'ט ע נ ה'ן זיך מיט איר מאַן ווי אַמאָל האָט זי שוין קיין כ ו ח ניט געהאַט: דאָס רעדן איז איר שווער אָנגעקומען, און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז יעדעס קריגן און אויפרעגן זיך איז איצט פאַר איר אַ גרויסע ס כ נ ה.

נאָר ווי אַזוי האָט זי געקענט ניט אויפגערעגט זײַן? אויפ'ן גאַס פלעגן איר, צוליב איר קינד, נאָכלויפן קליינע ח ד ר-אינגלאַך און שרײַען: „אָט גייט יאָסעלע ג נ ב, יאָסעלע מעסערל-ג נ ב!" און אַמאָל ניט זשאַלעווען זי מיט איר קינד צו באַוואַרפן מיט בלאָטע, מיט שטיינער. און איינמאָל האָט איר אַ גאַנץ שיינע באַלעבאָסטע, בײַ וועלכער כיענע פלעגט ד ו ו ק אַ אָפט פאַרדינען עטלאַכע גילדן, אָפן געזאָגט, אַז זי האָט אויף איר שטאַרק פאַריבל, וואָס זי קומט צו איר מיט איר יאָסעלען.

— איר זײַט טאַקע ניט שולדיק, כיענע קרוין, — האָט יענע זי געטרייסט, — נאָר וועלכע מאַמע קען ע ר ב זײַן פאַר איר קינד?

קוים האָט עס שוין אַזאַ נאַטור, איז פאַרפאַלן! אַ גרויסער קען זיך אָפּהאַלטן אַמאָל, זאָגט מײַן מאַן, אַ קלײַן קינד קען עס ניט, און מאַכט זיך אים וואָס צוצונעמען, ווערט עס צונעמען, מעגן טויזנט מאַמעס זײַן דערבײַ.

כיענע איז אַזוי פאַרקלעמט געוואָרן פון די רייד, אַז זי האָט ב א מ ת ניט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן; זי האָט נאָר די אויגן פול פון טרערן צום הימל אויפגעהויבן און דאָס האַרץ אירס האָט געשריען: „ענטפער, גאָט, מײַן אָרים, עלנד קינד; דו ווייסט דאָך דעם א מ ת!“

איינמאָל אין דער פרי האָט דער דעסיאַטניק כיענען אַרײַנגעטראָגן אַ פּאָוויעסטקע: „מען רופט זי מיט איר יאָסעלען אין געריכט“ — האָט דער גאַרדאַוואָי געזאָגט און האָט פאַרלאַנגט, כיענע זאָל אונטערשרײַבן די אַנדערע העלפט פון דער פּאָוויעסטקע.

כיענע האָט די פּאָוויעסטקע אַרײַנגעטראָגן צום ש כ ן, וועלכער האָט זיך פאַר איר אונטערגעשריבן און איר דערקלערט, אַז מען באַשולדיקט זי, וואָס זי האָט אַ סקאַנדאַל געמאַכט בײַ ש ל מ ה אײַזנהערץ אין שטוב, צעבראָכן אַ שפּיגל און צעקאַליעטשעט דעם מ ש ר ת; ח ו ץ דעם באַשולדיקט מען זי מיט איר אינגל יאָסעלע פאַר פאַרשידענע ג נ ב ו ת.

כיענע איז א פ י ל ו בלאַס און דערשראָקן געוואָרן, נאָר באַלד האָט זי מוט געפונען און געזאָגט:

— זאָל זײַן אַזוי! וואָס ווערט מיר דער ריכטער טאָן? צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט, און איינמאָל קען מען ניט אויסמײַדן!... מײַן טויט, ווי איך זע, איז שוין אַ בלויז ניט ווײַט; איך האָב שוין קײַן האַרץ ניט, קײַן לונגען ניט, איך פיל יעדע מינוט, ווי איך גיי אויס ווי אַ ליכט. און וואָס זאָל איך מיך קימערן וועגן זיך? מ ס ת מ א איז מיר דאָך אַזוי באַשערט!... זאָל מײַן מ ל א ך - ה מ ו ת שוינדעלע זײַן... זאָל זי די מ צ ו ו ה האָבן אָפּצונעמען אַ ווײַב פון אַ קראַנקן מאַן, אַ מאַמען פון קליינע ע ו פ ה'לאַך נעבאַך פאַר דער צײַט! איך פאַרגין איר גערן די מ צ ו ו ה, און זאָל זי איר בײַשטיין

צו דעם קומענדיקן יום־הדין, צום ונתנה־תוקף, ריבונו־של־עולם!

עס האָבן זיך געפונען מענשן, וואָס האָבן כיענען שטאַרק צוגערעדט, זי זאָל גיין צו ר׳ שלמה׳ן, צו שיינדעלען, צופאַלן מיט טרערן און בעטן, זיי זאָלן רחמנות האָבן, איר מוחל זיין, עס זאָל צו אַ געריכט ניט אָנקומען. נאָר כיענע האָט געענטפערט: „פאַר גאָט דעם לעבעדיקן פאַל איך אַלע מינוט מיט אַ צעבראָכענעם האַרצן און אַנידערגעשלאָגן, ער זאָל מיר מוחל זיין מיינע זינד און דערלענגערן מיינע יאָרן, איך זאָל נאָך קענען מיינע קינדער אַ מאַמע זיין, כאָטש ביז איך וועל זיי אויף די פיסלאַך שטעלן; צו אים שרייט מיין האַרץ, ער זאָל מיין יאָסעלען באַשיצן פון אַלדאָס שלעכטס, און נאָך מער פון שלעכטע מענשן, וואָס האָבן אים אַזאַ שלעכטן שם געמאַכט. און אַז ער ענטפערט מיר ניט, וואָס קען מיר די זינדיקע גראָבע שיינדעלע ענטפערן? ערגער ווי שלעכט קען מיר שוין ניט ווערן, זאָל איך כאָטש פאַר מיין טויט וויסן, אַז איך האָב זיך פאַר דער עבודה־זרה ניט געבוקט...“

עס האָבן זיך אַפילו געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן אויף זיך די מצווה גענומען ר׳ שלמה׳ן אַליין צו בעטן פאַר דער קראַנקער אָרימער כיענען, ער זאָל איר מוחל זיין, אָדער אַזוי ביים רב איר אַ פּסק אַרויסגעבן און ניט צולאָזן, מען זאָל זי דורכ׳ן געריכט באַשטראָפן, אים דערמאָנט, אַז זי איז פאָרט אַ בת־טובים, ר׳ יאָסעלע מגיד׳ס אַ טאָכטער, אַלע מאָל אַ פרומע, גוטע און ערלאַכע אשה געווען; אים דערציילט, אַז פון יענעם טאָג אָן שפּייט זי מיט בלוט: כאַצקל האָט איר די לונגען אָפּגעשלאָגן, און זי האָט שוין פאַר איר העזה כפל כפלים געהאַט. נאָר ר׳ שלמה האָט געענטפערט: „יעדער איז אַ בעל־דעם אַנדערן צו הייסן זיין אַ גוטער! שטעלט אייך אָבער פאָר, ווען כיענע וואָלט עס אייך געטאָן און ניט מיר, וואָלט איר דען ניט נאָך טויזנט מאָל ערגער געוועזן געגן איר ווי איך? אַ העזה אַ ביסל צו קומען צו

מיר אין שטוב אַרײַן שילטן מײַן װײַב מיט טויטע ק ל ל ו ת פאַר מיר אין די אויגן! פאַרװאָס? װאָס איר אינגל איז אַ ג נ ב! און נאָך װײַניק אירע ק ל ל ו ת, כאַפּט זי אַ לײַכטער און צעברעכט מיר אַ טײַערן שפּיגל, מאַכט מיר אָן אַ ה ז י ק איבער הונדערט רובל, און איך זאָל, װילט איר, איר נאָך זאָגן: אַ דאַנק, כיענע, איר האָט שײַן ג ע'ד ר ש'נט? נײַן, אָנלערנען מוז מען אַזעלכע ק ב צ נ י ם, זײַ זאָלן װיסן, װי ד ר ך ־ א ר ץ צו האָבן פאַר אַ באַלעבאָס; ת ר ב ו ת דאַרף מען זײַ לערנען, די הינט: הײַנט שענקען כיענען, װעט מאָרגן קומען זעליקל שוסטער, פּיניע שנײַדער און איציקל שמיד און מיר אויפ'ן קאָפּ אַרױפקריכן... זאָלן, אַ ד ר ב ה, די ק ב צ נ י ם, די הינט, זען, אַז איך האָב קײַן ר ח מ נ ו ת ניט אַ פ י ל ו אויף אַן א ש ה, אַז איך קוק ניט אַ פ י ל ו, װאָס זי איז אַ ב ת ־ ט ו ב י ם, און זאָלן זײַ װיסן, אַז מען טאָר קײַן שײַגאָץ ניט זײַן געגן אַ אידן אַ נ ג י ד!"

כיענע האָט זיך צום געריכט צוגעגרײַט: ניט ט ע נ ו ת האָט זי צוגעגרײַט, ניט אַדװאָקאַטן האָט זי געדונגען, נאָר דאָס עלטערע מײדל אירס האָט זי פונ'ם שנײַדער אָפּגענומען, זאָל זי כאָטש האָבן, װער עס זאָל פאַר איר מאַן און די אָרימע קינדער אַ מאָל אָפּקאָכן אַ װאַרמעס, אַז עס װעט זײַן פון װאָס צו קאָכן. פאַר זיך האָט זי אין געריכט גײענדיק נישט מער מיטגענומען, װי איר „ק ר ב ן ־ מ נ ח ה", אַ ס ל י ח ה און ת ח י נ ו ת אַ גאַנצן פּאַק.

— זײַט געזונט אַלע, — האָט זי װײנענדיק זיך געזעגנט מיט איר פאַמיליע, — איך גײ אַ װ ד א י זיצן; אַ ברײטע טיר אַרײַן, אַ שמאָלע אַרויס! גאָט װײס, צי װעל איך דערלעבן נאָך אַמאָל צו מײַן הײם צו קומען? אין זײַנע הענט גיב איך אײַך איבער, זאָל ער אויך אײַער מוטער זײַן, װי ער איז דער אײנציקער פאָטער פון אַלע י ת ו מ י ם! איר זײַט אַלע, אַ פ י ל ו דער קראַנקער טאַטע אײַערער, לעבעדיקע י ת ו מ י ם! ער װעט אויף אײַך זיך דערבאַרימען; האָב איך געגן אים געזינדיקט, זאָל ער מיך אַלײן שטראָפן; איך װעל

ניט זאָגן, אַז זײַן מ ש פּ ט איז אומגערעכט ח ל י ל ה. נאָר אײַך, עלנדע לעבעדיקע י ת ו מ י ם, זאָל ער ניט פאַרלאָזן, פון אײַך זײַן ח ס ד און ר ח מ י ם ניט אָראָפּנעמען... זײַט אײַך אַלע געזונט!

און נאָכדעם ווי זי האָט זיך איבער אירע קינדערס וויגעלע אויסגעוויינט, די קינדער גוט אָנגעקושט, דער עלטערער מיידל אָנגעזאָגט און זי אָנגעבעטן, זי זאָל אויפפּאַסן דעם טאַטן, היטן די קינדער, האָט זי גענומען יאָסעלען פאַר'ן האַנט, אַ קוש געטאָן די מ ז ו ז ה, און איז אַוועק אין סוד. גאַנצע דרײַ ש ע ה איז כיענע געזעסן און געוואַרט, ביז מען האָט זי אַרויסגערופן. ניט ש ל מ ה, ניט זײַן ווײַב האָבן זיך דאָ געזען; נאָר ר' בערל דעם מ ל מ ד, זײַן ווײַב, און נאָך אַנדערע אידן האָט דאָ כיענע באַמערקט, און זי האָט זיך נאָר געוואונדערט, וואָס שוינדעלע איז ניטאָ. ענדלאַך האָט דער ריכטער אָנגעהויבן לייענען דעם פּראָטאָקאָל פון קוואַרטאַלנעם און ש ל מ ה דעם ב ע ל - טאַקסעס זשאַלאָבע. כיענע האָט זיך גוט צוגעהערט.

— זײַט איר זיך מ ו ד ה אין דעם, וואָס מען באַשולדיקט אײַך? — האָט דער ריכטער געפרעגט, אַז ער האָט געענדיקט דאָס לייענען.

— איך בין מ ו ד ה, — האָט זי געענטפערט, — אַז איך האָב שוינדעלען געשאָלטן בײַ איר אין שטוב, פאַרוואָס זי האָט מײַן אָרים קינד געשלאָגן און צעבלוטיקט. איך בין אַ מאַמע, הער ריכטער, און זאָל מען מיר ווײַזן ערגעץ אַ מאַמען, וואָס וועט לאָזן איר קינד אַזוי שלאָגן און צעבלוטיקן און ניט טאָן דאָס אײגענע. וואָס איך האָב געטאָן, וועל איך איר אַ שפּײַ טאָן אין פּ נ י ם און זאָגן: „דו ביסט קיין מאַמע ניט!"

— און דעם שפּיגל האָט איר צעבראָכן? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— ניט דעם שפּיגל האָב איך געוואָלט צעברעכן. עס טוט מיר טאַקע ווי דאָס האַרץ אויף אַזאַ שאָדן! — האָט זי געענטפערט. —

צעברעכן האָב איך געוואָלט כאַצקל מ ש ר ת זײַן קאָפּ, וואָס ער האָט זיך ווי אַ בייזער הונט אויף מיר און אויף מײַן קינד געוואָרפן, ווײַל זײַן שײַנער באַלעבאָס, האָט אים אַזוי געהייסן.

— ווייסט איר דען ניט, אַז מען טאָר ניט יענעם אַ קאָפּ צע־שלאָגן? — האָט ווידער דער ריכטער געפרעגט.

— פאַרוואָס זאָל איך עס ניט וויסן? איך ווייס גאַנץ גוט, — האָט זי מיט פײַער אָנגעהויבן רעדן, — איך ווייס, אַז מען טאָר אויף קיינעם אַ האַנט אַ פּ י ל ו ניט אויפהייבן. און זאָל די גאַנצע וועלט זאָגן, צי האָב איך, זינט איך לעב, אויף וועמען עס איז אַמאָל אַ האַנט אויפגעהויבן? זאָגט, אידן, — האָט זי זיך צום פּובליקום גע־ווענדט, — וואָס שווײַגט איר? איר האָט טאַקע אַלע מ ו ר א פאַר שיינדעלען? — דער ריכטער האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז זי מוז נאָר מיט א י ם רעדן, און דאָס פּובליקום האָט קיין רעכט ניט צו ענטפערן, כ ל - ז מ ן ער פרעגט ניט.

— זאָל זײַן אַזוי! — האָט זי צוגעגעבן. — אָבער זאָל מיר דער הער ריכטער זאָגן: וואָס וואָלט דער הער ריכטער טאָן, אַז אויף אים וואָלט זיך גאָר ניט געריכט אַרויפוואַרפן אַ בייזער הונט אַ גרויסער, וואָס קען אים אויף שטיקער צערײַסן?

— אָבער אויף אײַך איז ניט אַ הונט אָנגעפאַלן, נאָר אַ מענש!

— האָט דער ריכטער געענטפערט.

— אַ מענש... א מ ת אַ מענש! — האָט כיענע ביטער איבער־געריסן. — מענשן אָבער זענען דאָ, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר מײַנע רייד, אַ ס ך בייזערע און ערגערע פאַר הינט!... און אַז איך בעט גאָט אַלע טאָג אין דער פרי: ער זאָל מיך אָפּהיטן פון אַ שלעכטער באַגעגעניש, בעט איך אים ניט, מיך מ צ י ל צו זײַן פון אַ בייזן הונט, נאָר פון אַ שלעכטן ש כ ן, פון אַ שלעכטן ח ב ר און פון אַ שלעכטן מענשן. הער ריכטער! בעסער וואָלטן מיך באַ־געגנט בײַ שיינדעלען אין שטוב צען בייזע הינט, אײדער איין כאַצקל... און דער כאַצקל איז אויך אַ מענש? אים טאָר מען אויך ניט וואַרפן

אַ לײַכטער אין קאָפּ, װען ער פֿאַלט אָן אויף אַן אומגליקלאַכער, אָרימער שװאַכער פֿרוי, װאָס האָט קײנמאָל אַ װאָרט מיט אים ניט אויסגערעדט?

דער ריכטער האָט געשװיגן, נאָר געשריבן, עטלאַכע מינוט כּסדר געשריבן.

— ח ו ץ דעם שפּיגל, װאָס איר האָט צעבראָכן, און דעם סקאַנדאַל, װאָס איר האָט געמאַכט, — האָט דער ריכטער געזאָגט װײַטער, — באַשולדיקט זיך אײַער צװעלף־יעריק אינגל אין עטלאַכע ג נ ב ו ת. אײנמאָל האָט מען אים פֿאַר׳ן האַנט געכאַפּט בײַ זײַן ר ב י׳ן בערל שאַץ געלט ג נ ב׳ענענדיק; נאָך עטלאַכע מאָל — בײַ זײַן װײַב פֿאַרשידענע שטוביקע זאַכן, און דערנאָך — בײַ ש ל מ ה אײַזנהערצם אַ קלײן אינגל פֿון זיבן יאָר אַ מעסערל אַ טײַערס און בײַ נאָך אַנדערע — פֿאַרשידענע געגנשטאַנדן. און איר באַשולדיקט זיך, װאָס איר האָט געװאוסט פֿון די אַלע ג נ ב ו ת און האָט זיך בײַ אײַער אינגל צוגענומען און די ג נ ב ו ת באַהאַלטן. זײַט איר זיך אויף דעם אויך מ ו ד ה?

— הער ריכטער, — האָט כיענע מיט פֿײַער געענטפֿערט, — װאָס איך האָב געטאָן, האָב איך ניט געלײקנט און אויך געזאָגט, פֿאַר װאָס איך האָב אַזוי געטאָן. פֿון ג נ ב ה װײס איך ניט, און מײַן קינד אויך ניט. דאָס איז אַ ליגן! אַ ר א י ה, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז די ש ו נ א י ם מײַנע האָבן אײַך געשריבן, אַז מײַן יאָסעלע איז שוין צװעלף יאָר. זאָל דער הער ריכטער אַלײן זען זײער א מ ת. אָט איז מײַן קינד, צי איז אים מער װי זיבן יאָר? א מ ת איז, אַז ניט װיסנדיק װאָס ער טוט, האָט ער זײַן הונגעריקער אָרימער מאַמען אַמאָל געבראַכט פֿון ח ד ר פּופּציק קאָפּיקעס און האָט געזאָגט, ער האָט דאָס געפֿונען. מײַן מאַן האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז ניט געפֿונענע, און װען איך רײס אים ניט אַרויס פֿונ׳ם טאַטנס הענט, װאָלט ער שוין פֿאַרשפּאַרט דאָ צו זײַן!... איך אַלײן האָב מײַן ליב קינד אויך געשלאָגן, געביסן, געריסן! איך בין װילד און מ ש ו ג ע

געוואָרן אין יענער ר ג ע פון דער מ ח ש ב ה, אז מײַן קינד איז אַ ג נ ב. איך האָב אים אין ח ד ר אװעקגעשלעפּט, דעם ר ב י׳ן זײַן געלט אין האַנט אָפּגעגעבן און אַלײן אים פאַר די פּיסלאַך גע־האַלטן, ב ע ת דער ר ב י האָט אים פאַר זײַן נאַרישקײַט געשמיסן ערגער, װי מען שמײַסט אַן אַרעסטאַנט, ביז איך בין אין ח ל ש ו ת געפאַלן. זאָל אַ ד ר ב ה, זײַן ר ב י זאָגן, צי זאָג איך אַ פ י ל ו אײן װאָרט ליגן? װאו איז ער? איך האָב אים דאָ ערשט געזען. ר׳ בערל, — האָט זי זיך װידער צום פּובליקום געקערט, — פאַרװאָס זאָגט איר ניט דעם אמת?

— ער װעט באַלד זאָגן, — האָט זי דער ריכטער באַרואיקט,

— איך װעל אים באַלד פרעגן. נו, און פון אַנדערע ג נ ב ו ת?

—פון קײַן שום אַנדערע ג נ ב ו ת װײס איך ניט, הער ריכטער, איך זאָל אַזוי פון מײַן אָרימקײַט און װײטיק אין האַרצן ניט װיסן!

דער ריכטער האָט געהײסן אַרײַנרופן אײנעם פון די ע ד ו ת, דאָס איז די קרעמערן געװען, צו װעלכער די ר ב י׳צן פלעגט יאָסעלען שטענדיק שיקן קויפן. און זי האָט דערצײלט, אַז בײַ איר אין קרעמל פלעגט מען שטענדיק ג נ ב׳ענען: אַמאָל קאָנפעקטלאַך, אַמאָל טײַערע ס ח ו ר ו ת, און אַ פ י ל ו פון טישקעסטל פלעגט זײער אָפט געלט פעלן. נאָר זי האָט קײנמאָל ניט געקלערט, אַז דאָס קען דער יאָסעלע ג נ ב׳ענען, װײַל ער פלעגט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ נעבאַכל, װאָס קען קײַן צװײ ניט צײלן. נאָר זינט זי האָט זיך דערװאוסט, אַז ער האָט בײַ זײַן ר ב י׳ן אַלײן געקענט געלט ג נ ב׳־ענען, איז איר רעכט געװאָרן, און זי האָט אים געהיט, װי מען היט זיך פאַר פײַער! קען מען זיך אָבער פון אַ ג נ ב אײַנהיטן? — האָט די קרעמערן ב ת מ י מ ו ת געפרעגט. — מען ג נ ב׳עט װײַטער, און עס פעלט מיר נאָך איצט מער און גרעסערע זאַכן. און דאָס איז אַלץ זײַן אַרבעט.

— געכאַפּט פאַר׳ן האַנט מיט עפּעס אַ ג נ ב ה האָסטו אים אַמאָל? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— אַז איך וואָלט אים פאַר׳ן האַנט געכאַפּט, וואָלט ער שוין, דאַכט זיך, פאַרשפּאָרט נאָך אַמאָל צו ג נ ב׳ענען! — האָט די קרעמערן געענטפערט. — דערפאַר טאַקע בין איך דאָך אין כ ע ס אויף אים, וואָס איך קען אים ניט כאַפּן!

— איר מעגט זיך זעצן. — האָט דער ריכטער צו דער קרעמערן געזאָגט און האָט די איבעריקע ע ד ו ת געהייסן אַרײַנרופן.

די איבעריקע ע ד ו ת האָבן געזאָגט, אַז די גאַנצע שטאָט ווייס שוין פון לאַנג, אַז יאָסעלע איז אַ ג נ ב, רײַסט פון די הענט, און אַז ער גייט אין גאַס, לויפן אים נאָך אינגלאַך און שרײַען: „יאָסעלע ג נ ב!". אַ פּאָר האָבן נאָך דערציילט, אַז בײַ זיי אַליין האָט מען אַ פּאָר מאָל קליינינקײַטן גע׳ג נ ב׳עט. זיי האָבן דעם ג נ ב געכאַפּט, אים אָנגעשלאָגן, און דאַכט זיך, דאָס איז געווען יאָסעלע, אַקוראַט געדענקען זיי אָבער ניט. דער ריכטער האָט געפרעגט: ווען? וואָס? ווי אַזוי? און פון זייער שטאַמלען, פאַראיקן זיך א״ן די ריד, האָט מען אַרויסגעזען, אַז דאָס זײַנען גלאַט אָנגעשטעלטע ע ד ו ת דרײַ פאַר אַ רובל, און ער האָט זיי געהייסן זיך זעצן.

ענדלאַך האָט מען אַרײַנגערופן ר׳ בערלען. בײַ כיענען האָבן זיך די אויגן אָנגעצונדן. נ י כ ר געווען, אַז אויף זײַנע עדות האָט זי איר גאַנצע האָפנונג געהאַט. נאָר ר׳ בערל האָט זיך אָפּגעקערט פון איר, זי זאָל אים אַזוי שאַרף אין די אויגן ניט אַרײַנקוקן, און האָט דערציילט, אַז כאָטש ער האָט יאָסעלען ח ו ץ יענע 50 קאָפּיקעס קיינמאָל מיט אַ ג נ ב ה אין האַנט ניט געכאַפּט, קען ער פונדעסט־וועגן ניט זאָגן, אַז ער איז ניט קיין ג נ ב. וואָרים ער האָט זיך אַליין מ ו ד ה געווען, אַז ער האָט גע׳ג נ ב׳עט דאָס מעסערל און ערגעץ באַהאַלטן; און נאָכדעם, אַז ער האָט אים פון ח ד ר אַרויסגעטריבן, האָט זיך זײַן ווײַב ערשט אַרומגעקוקט, אַז איר פעלט אַ ס ך שטוביקע זאַכן. נאָר ער איז אויף אים מ ל מ ד ז כ ו ת, ווײַל ער ווייס, אַז דאָס קינד איז כ מ ע ט אַלע מאָל אַ הונגעריקער גאַנצע טעג אין ח ד ר געזעסן, און הונגער קען ברענגען צו אַלץ.

— ר׳ בערל!—האָט כיענע אַ געשריי געטאָן ניט מיט איר ק ו ל, און מען האָט געזען, ווי אַלע אירע גלידער האָבן אַ ציטער געטאָן. — איר האָט מ ו ר א פאַר שיינדעלען צו זאָגן דעם א מ ת, וואָס איר ווייסט, זי זאָל אייך ניט מאַכן אויס מ ל מ ד, פאַרוואָס האָט איר קיין מ ו ר א ניט פאַר גאָט אַזאַ ליגן צו זאָגן? פאַר גאָט, ר׳ בערל, וואָס ווייס דעם א מ ת און וואָס קען אייך מאַכן פאַר אויס „ר׳ בערל״? דערמאָנט אייך נאָר, אַז איר באַגראָבט איצט אַן אָרים אומשולדיק קינד! אַז עס גייט אַ י ו ם - ה ד י ן, אַז אָט באַלד וועט איר שטיין פאַר דעם, וואָס זעט, וואָס טוט זיך איצט אין הארצן אייערן... זאָגט דעם א מ ת!

ר׳ בערל האָט געשוויגן.

— איר שווייגט? גוט, איר האָט מיך און מיין קינד באַגראָבן.— האָט כיענע ווידער אָנגעהויבן. — א י ר וועט אייך פון דאַנען אַהיים אַוועקגיין, צו אייער ווייב, צו אייערע קינדער, און א י ך מיט מיין אומשולדיק קינד — ווי די ג נ ב י ם גלייך אין אַסטראָג. נאָר עס הערט גאָט און זאָל דער גאַנצער ע ו ל ם דאָס הערן, אַז מיט אַ ס ך אַ רייגערן הארצן גייען מיר אין אַסטראָג אַריין, ווי איר — אין אייער היים!...

נאָך ערגער פאַר בערלען האָט זיין ווייב געזאָגט. מיט ניין מאָס רייד האָט זי אויסדערציילט, וואָס פאַר אַ טייערע פרוי שיינדעלע איז: אַז זי האָט אַ גוט הארץ און קען אַ פ י ל ו ניט זען, ווי אַ קינד מאַכט אַ קרומע מינע פאַר איר. און ב א מ ת האָט שיינדעלע יאָסעלען נישט מער ווי אַ גלעט געטאָן. אַי אים האָט אָנגעהויבן גיין בלוט פון נעזל, ווייס זי אַליין ניט, ווער ס׳איז שולדיק אין דעם. איר איז אַ ד ר ב ה אַ גרויסער ח י ד ו ש געווען, — האָט די ר ב י׳צן ווייטער דערציילט, — ווי איינגעהאַלטן שיינדעלע איז, אַז כאָטש יאָסעלע האָט געג נ ב׳עט דאָס מעסערל (וואָס זי האָט אַליין געהערט, ווי ער האָט זיך מ ו ד ה געווען), זי זאָל אַזוי הערן ב ש ו ר ו ת גוטע אויף איר און אויף כ ל ל י ש ר א ל; און אַ ג נ ב איז ער, וואָס

ריַיסט פּ ש ו ט פון די הענט אַרויס! פונדעסטוועגן האָט אים שיַינ־דעלע מער ווי אַ גלעט נישט געטאָן און נאָר געבעטן: מען זאָל אים מער אין ח ד ר נישט האַלטן.

דער ריכטער האָט זי אַ פּאָר מאָל דערמאָנט, אַז זי זאָל רעדן צו דער זאַך און ניט דערציילן קיין מ ע ש י ו ת, וואָס געהערן ניט גליַיך צום מ ש פּ ט; נאָר די ר ב י'צן האָט אירס געטאָן און וויַיטער־דערציילט, ווי אַזוי זי ווייס, אַז יאָסעלע איז אַ ג נ ב, אַ וויַיסל פון אויג. כיענע האָט עס רואיק געהערט, אָבער אַ פּ י ל ו אַ וואָרט נישט געענטפערט.

— האָט איר נאָך אַ פּ ש ר וואָס צו באַמערקן? — האָט דער ריכטער כיענען געפרעגט.

— צו באַמערקן האָב איך, הער ריכטער, אַז ערשט דאָ אין געריכט האָב איך איַינגעזען, ווי נידעריק, ווי פאַלש מענשן קענען זיַין; ערשט דאָ האָב איך דערקענט, אַז אַן אָרימע פרוי איז נאָך שוואַכער ווי אַ פליג, מיט אַזאַ ג ב י ר ה ווי שיַינדעלע זיך צו מ ש פּ ט'ן. מער צו רעדן האָב איך ניט.

— טאָמער ווילט איר זיך ווי עס איז אויסגליַיכן צווישן זיך און ש ל ו ם מאַכן פאַר דעם סקאַנדאַל און צעבראָכענעם שפּיגל? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— איך פאַרשטיי ניט ווי אַזוי? — האָט כיענע איבערגעפרעגט.

— מ ח י ל ה בעטן, ל מ ש ל, ש ל מ ה'ן מיט זיַין וויַיב, אָדער אַזוי ווי עס איז דורכקומען.—האָט דער ריכטער געדולדיק דערקלערט.

— איך זאָל נאָך שיַינדעלען מ ח י ל ה בעטן? מ ח י ל ה בעטן, פאַר וואָס זי האָט מיַין אָרים קינד געשלאָגן, צעבלוטיקט און איבער'ן גאַנצן שטאָט אים אַזאַ שלעכטן ש ם געמאַכט, אַז קיין מ ל מ ד וויל אים אין ח ד ר ניט אַריַיננעמען? מ ח י ל ה בעטן ר' ש ל מ ה'ן, וואָס ער האָט אָנגעריַיצט אויף מיר זיַין ווילדן מ ש ר ת, און ער האָט מיך געבראַכט דעם שפּיגל צו צעברעכן און האָט מיר דערנאָך די לונגען אָפּגעשלאָגן? ניין, הער ריכטער, וואָס מיט מ י ר

וועט געשעהן, אַרט מיך ניט אַזוי שטאַרק; אָבער דעם צ ע ר פון מײַנע קלײַנע עלנדע קינדער, ווען איך וועל שטאַרבן צוליב דעם פאַר דער צײַט, דאָס איז מײַן גאַנצע ד א ג ה; און די ד א ג ה וויל איך פאַר גאָט דעם ד י ן א מ ת ברענגען, ווען מײַן ש ע ה וועט קומען... ווי זאָל איך פאַר א י ם, וואָס זעט מײַן האַרץ, אַזוי פאַלש זײַן און בעטן, כ ל ו מ ר׳שט, מ ח י ל ה מײַנע ר ו צ ח י ם און די ר ו צ ח י ם פון מײַן גאַנצער פאַמיליע דער אומגליקלאַכער? איך בעט אײַך, הער ריכטער, מ ש פ ט מיך! באַשטראָפט מיך, ווען איר דערקענט, אַז איך בין שולדיק! — און אויפ׳ן הימל מיט איר האַנט ווײַזנדיק, האָט זי ווײַטער געזאָגט: — אָבער דאָרטן אויבן, בײַ גאָט דעם לעבעדיקן, איז אויך דאָ אַ מ ש פ ט!... און אויף זײַן מ ש פ ט האָף איך איצט מער ווי אַלע מאָל!...

— און וואָס זאָגט איר? — האָט דער ריכטער געפרעגט דעם אַדוואָקאַט שײַנדעלעס.

— איך בין באַפאָלמעכטיקט נאָר אַ מ ש פ ט צו בעטן. אַזעלכע נידעריקע פרויען, וואָס האָבן אַ ה ע ז ה, דעם געערטסטן מענשן אין שטאָט אַזאַ סקאַנדאַל צו מאַכן, אַזאַ׳ן ערגסווירדיקע פרוי ווי שײַנדעלע אַזוי נידעריק צו זידלען און שילטן בײַ איר אין שטוב — אַזעלכע פאַרדינען אין קײַן פאַל קײַן ר ח מ נ ו ת; און איך בעט וואָס שטרענגער זי צו באַשטראָפן.

כיענע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט אומרואיק אַלץ געוואַרט, שײַנדעלע זאָל נאָך קומען דאָ געגן איר ט ע נ ה׳ן, האָט זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט, אַז דער, וואָס שטייט דאָ רעכטס לעבן שטענדער, מישט זיך אַרײַן, פרעגט איבער די ע ד ו ת און פאַרריכט, וואָס זיי דערזאָגן ניט, איז אַן אַדוואָקאַט פון שײַנדעלעס זײַט. זי האָט געמיינט — דאָס איז אויך אַזאַ מין ריכטער. נאָר איצט, אַז זי האָט דערהערט, ווי ער שטעלט זיך אַזוי אײַן פאַר שײַנדעלעס כ ב ו ד, האָט זי אַ געשריי געטאָן: „הער ריכטער! ווער איז דער? אים זע איך דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. וואָס וויל ער פון מיר!“

דער ריכטער האָט איר גערולדיק דערקלערט דעם אַדוואָקאַטס ראָלע דאָ.

— אַזוי? — האָט כיענע איבערגערעדט. — האָב איך ביז איצט נאָר אין ט ע ו ת געלעבט. איך האָב געהערט רעדנדיק פון אַדוואָקאַטן, וועלכע ט ע נ ה'ן פאַר דעם, וואָס מען ברויך פאַר'מ ש פ ט'ן, און זײַנען פאַר אים אַ מ ל י ץ - י ו ש ר אין געריכט. ערשט איצט זע איך, אַז אַן אַדוואָקאַט קען אויך זײַן אַהער און אַהין... באַצאָלט אים אײנער פון ט ר ף כ ש ר מאַכן, מאַכט ער פון ט ר ף כ ש ר, באַצאָלט אים אַן אַנדערער פון כ ש ר ט ר ף מאַכן, איז אויך רעכט... אַזוי ווײַזט דאָך דאָס אויס!...

דאָס פובליקום האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, דער ריכטער האָט זיך אָנגעבײזערט.

— א ו ו ד א י איז גרינגער מיט פרעמדע הענט צו באַגראָבן, אײדער זיך אַלײן פּאַטשקען בײַ דער ק ב ו ר ה פון אַן אָרימער פרוי מיט איר געזינדל! — האָט כיענע מיט אַ ביטערן געלעכטערל ווידער אָנגעהויבן. — דער נ ג י ד קען זיך אַלץ פאַרגינען: האָט ר' ש ל מ ה געוואָלט מיך גוט אָנשלאָגן, האָט ער געהײסן זײַן מ ש ר ת כאַצקל, ער זאָל מיך פון אַלע טרעפּ אַראָפּוואַרפן. וויל ער איצט מיך קוילן, האָט ער זײַן אַדוואָקאַט... צו וואָס ברויך ער זײַנע כ ש ר'ע הענט מיט מײַן בלוט אײַנריכטן, אַז פאַר געלט באַקומט מען אַ ש ו ח ט אויף ט ר ף ווי, אויף כ ש ר?! דאָס פאַרשטײ איך גאַנץ גוט, הער אַדוואָקאַט. נאָר דאָס פאַרשטײ איך ניט: ווי קענט איר, וואָס איר קענט מיך ניט און ווײסט מיך ניט; וואָס אין אײַער לעבנס־טאָג האָט איר קײנמאָל אין מײַן פינסטער שטיבעלע ניט אַרײַנגעקוקט, ניט געזען, אין וועלכער אָרימקײַט און ד ח ק ו ת איך לעב מיט מײַן אָרים געזינדל; ווי קענט איר, וואָס איר האָט ניט געזען און ווײסט ניט, ווי די קויל איז געפלויגן און ניט וועמען זי האָט געטראָפן, און ווער עס טראָגט די וואונד פון איר; ווי קענט איר, ווי גאָר אַ זײַטיקער מענטש, וואָס איז אַ פ י ל ו דערבײַ ניט געווען, — זיך אָננעמען אַ

שטן מקטרג צו זײַן אויף מיר, מיך באַגראָבן און באַשיטן, ווײַל דער גביר שלמה מיט זײַן ווײַב הײַסן אײַך? מען באַצאָלט אײַך דערפאַר? אָבער כאַצקל דעם משרת האָט זײַן באַלעבאָס אויך צוגעזאָגט אַ רובל פאַר יעדן פּאַטש, וואָס ער וועט מיר געבן; טאָ מיט וואָס זײַט איר בעסער פאַר דעם גראָבן יונג כאַצקל, הער אַדוואָקאַט?

דאָס פּובליקום האָט געלאַכט, דער ריכטער אַלײן האָט אויך צוגעשמײכלט.

— איך בעט דעם הערן ריכטער, — האָט דער אַדוואָקאַט זיך צום ריכטער געווענדעט, — הײסן דער פרעכער פרוי פאַרמאַכן איר מויל.

דער ריכטער האָט כיענען דערקלערט, אַז ניט דאָ איז דער אָרט זיך אויס׳ט ענה׳ן מיט׳ן אַדוואָקאַט איבער פראַגן, וואָס געהערן ניט דירעקט צום פּראָצעס, און געהײסן דעם אַדוואָקאַט רעדן.

ערשט איצט האָט דער אַדוואָקאַט אָנגעהויבן, און אין אַ לאַנגער רעדע אַ שעה צײַט האָט ער, פריער פון די עדות׳ס רײד אויפגעוויזן, אַז כיענע מיט איר אינגל זײַנען באַקאַנטע גנבים, און אים איז אַ וואונדער, וואָס זי שטײט ערשט פאַר׳ן געריכט צום ערשטן מאָל. דערנאָך האָט ער זיך געמיט צו באַווײַזן, אַז עס זײַנען דאָ פיל אַזעלכע מאַמעס, וואָס אונטער דעם אויסרײד: זי שיקן זײערע קינדער אין חדר, פירן זי אוים גרויסע און קלײנע גנבות טאָקע דורך דיזעלבע קינדער. אַזוי ווי כיענע די באַשולדיקטע דאָ האָט געטאָן. אַז כיענע האָט קײן אַנדער כוונה ניט געהאַט, נאָר איר אינגל זאָל באַ״גנב׳ענען די רײַכע קינדער און דורך די רײַכע קינדער אָן אײַנגאַנג צו מאַכן איר קלײנעם גנב צו די רײַכע מאַמעס פון זײַנע חברים צו קענען דאָרט שפּעטער באַ״גנב׳ענען, באַווײַזט שוין דער פאַקט, וואָס אַזאַ אָרימע אידענע האָט איר קינד דווקא צו בערלען אין חדר אַוועקגעגעבן, וואו עס געפינט זיך נאָר רײַכע קינדער; און אַז מען זאָל אין אַכט נעמען, אַז פאַר אַלע

אָרימע קינדער איז דאָ ביי אידן אַ תּלמוד־תּורה, וואו אָרימע עלטערן דאַרפן איין קאָפּיקע ניט צאָלן פאַר לערנען זייערע קינדער, און באַטראַכטנדיק, אַז אידן זיינען בכלל אַ פאָלק, וואָס לעבט מיט אַ רעכענונג, קיין איבעריקן גראָשן אָן אַ צוועק ניט אויסצוגעבן, זעט מען באַשיינפערלאַך, אַז דער גאַנצער צוועק כיענעם איז געווען: איר קינד זאָל איר נאָר גנבות איבערטראָגן דורך דעם חדר. באַטראַכטנדיק ווידער כיענען אַליין, ווי זי האָט זיך דאָ אין געריכט געהאַלטן, דאַרף מען אַ גאַנץ קליינער מבין זיין, האָט דער אַדוואָקאַט וויי̇טער דערוויזן, וואָס פאַר אַ מין פרוי זי איז, און אַז אַ געריכט איז ביי איר אַ שפּילכל. איבערהויפּט דאַרף דער הער ריכטער וויסן, אַז ביי אידן זיינען דאָ אַ קלאַס ווייבער אונטער דעם נאָמען: זאָגערנס, גאָטספּאָרכטיקע און וואוילגעלערנטע, וואָס דער רוב פון זיי באַנוצט די פּראָפעסיע נאָר צו האָבן איינגאַנג אין רייכע הייזער, צו קענען גנב׳ענען און אַרויסטראָגן אַלץ, וואָס זיי קומט צו דער האַנט, וואָס דורך דעם קומט אָפט פאָר דאָ אין געריכט אַזוי פיל משפטים, וואָס אידישע ווירטנס באַשולדיקן זייערע שטוביקע באַדינטע אין פאַרשידענע גנבות, וואָס באמת איז די שולדיקע גאָר צו זוכן צווישן הייליקע זאָגערנס און וואוילגעלערנטע. און מען קען זיכער זאָגן, אַז נאָר איבער אַזעלכע ווייבער ליידט אַזוי פיל די אומשולדיקע דינערשאַפט ביי אידן, ווי דער פאַל האָט געטראָפן מיט דעם משרת כאַצקל, וועלכער איז אומזיסט שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן און שלעג באַקומען איבער דעם קליינעם גנב׳ל, ביי דער געשיכטע מיט דעם האַלבן רובל, וואָס ער האָט ביי זיין רבי׳ן גע׳גנב׳עט. על־כן, כדי אמת׳ע גערעכטיקייט געשען צו לאָזן, דאַרף מען איינמאָל פאַר אַלע מאָל כיענען, וואָס איז געווים אַן אָנפירערן פון אַ גאַנצער אָרגאַניזירטער באַנדע גנב׳ישע ווייבער אונטער דער מאַסקע זאָגערנס, שטרענג באַשטראָפן, זי זאָל פאַר אַ משל דינען אַנדערע! איך בעט דעם הער ריכטער אין אַכט נעמען איר באַגיין זיך ביי דעם באַפולמאַכטער מיינעם אין הויז און

דערמאָנען זיך, אַז ש ל מ ה שמערעלאָוויץ אײַזנהערץ איז דער רײַכ־
סטער ס ו ח ר אין שטאָט, אַ מענש, וואָס פאַרדינט מיט רעכט
אַכטונג פון יעדן, און די פרוי זײַנע, וואָס איז אַ פרידלאַכע פרוי־
ענצימער, וואָס טוט נאָר ח ס ד און ר ח מ י ם פאַר אָרימע און
האָט קײַן האַרץ ניט שלעכטס צו טאָן אַ פ י ל ו אַזאַ ג נ ב, וואָס
האָט בײַ איר אײַנציק קינד שטענדיק דעם לעצטן ביסן אויסגענאַרט,
ווי עס האָבן דאָ דערציילט אייניקע פון די ע ד ו ת און באַזונדערס—
ל א ה שאָץ, דעם מ ל מ ד בערלס ווײַב. באַטראַכטנדיק די ה ע ז ה
פון אַזאַ כיעגען אַרײַנצופאַלן אין אַ שטיל, פרידלאַך הויז אין מיטן
טאָג, שילטן און זידלען ערנהאַפטע מענשן, צעברעכן שפּיגלען און
מעבל אין שטוב, וואָס פון שרעק אַליין איז די ערנסווירדיקע פרוי
אײַזנהערץ קראַנק געלעגן אַ פּאָר טעג, אין וואָס די באַשולדיקטע
אַליין לייקנט ניט, — דאָס אַלעס צוזאַמען גיט מיר דאָס רעכט צו
פאַרלאַנגען די שטרענגסטע שטראָף פאַר דער באַשולדיקטער, אין
וואָס איך צווייפל גאָר ניט.

האָט איר נאָך וואָס צו זאָגן? — האָט דער ריכטער כיענען
געפרעגט, ווי דער אַדוואָקאַט האָט זײַן לאַנגע רעדע געענדיקט.

— איך האָב נאָר דאָס צו זאָגן, — האָט כיענע געענטפערט, —
אַז ניט איך, ניט מײַן קינד זײַנען קײַן ג נ ב י ם! אַז פון אַלץ וואָס דער
געדונגענער ש ט ן מ ק ט ר ג האָט דאָ אָנגערעדט, ווייס איך ניט.
וואָס איך האָב געטאָן, האָב איך ניט פאַרלייקנט; און געפינט דער
הער ריכטער מיך פאַר שולדיק, זאָל ער די גאַנצע שטראָף אויף מיר
אַליין אויסגיסן; איך וועל אַלץ פאַר גוט אָננעמען. נאָר מײַן אָרים
קינד ניט ווי אַ ג נ ב פאַר׳מ ש פ ט׳ן! מיר, אַן עלטערער, קען אײַער
שטראָף קײַן גרויסע שלעכטס ניט טאָן. מײַן טרייסט איז: גאָט ווייס
דאָך דעם א מ ת! אַ קליין קינד אָבער, וואָס דאַרף ערשט צו לעבן
אָנהייבן, וואָס וועט באַלד א פ ש ר קײַן מאַמען אויך ניט האָבן און
וועט מוזן אָנקומען צו לײַטישע ח ס ד י ם, קען אײַער שטראָף זייער
פיל שלעכטס טאָן... ח ס ד פאַר מײַן קינד. הער ריכטער! גע

רעכטיקייט און ר ח מ י ם פאַר אַן אומשולדיקן בעט די עלנדע מאַמע זײַנע! מער האָב איך קיין כ ו ח, קיין ט ע נ ו ת און קיין ווערטער ניט!

דער ריכטער האָט געשריבן און געשריבן; ענדלאַך האָט זיך דאָס פובליקום אויפגעשטעלט און דער ריכטער האָט דעם אורטייל געלייענט:

— פאַר׳ן סקאַנדאַל און אומרו אין ש ל מ ה שמערלאָוויץ אײַזנ־הערצס הויז פאַראורטייל איך כיענען זיצן צען טעג. די באַשולדיקונג אויף איר אינגל, יאָסל באָרוכאָוויץ ש מ ש, אין פאַרשידענע קליינע און גרעסערע ג נ ב ו ת, אַזוי ווי די באַשולדיקונג פון דער מוטער זײַנער, כיענען, אין באַהאַלטן אַן פאַרבאָרגן אַט די ג נ ב ו ת, רעכנט דאָס געריכט פאַר ניט דערוויזן און דערקענט זיי פאַר אומשולדיק.

דער ריכטער האָט געגעבן אונטערשרײַבן פריער דעם אַדוואָ־קאַט, דערנאָך כיענען.

— איך דאַנק אײַך, הער ריכטער! — האָט כיענע געזאָגט. — איך בין מיט אײַער מ ש פ ט צופרידן, אַבי מײַן קינד איז ניט פאַר׳מ ש פ ט געוואָרן ווי אַ ג נ ב. נאָר איין ב ק ש ה האָב איך נאָך: זאָל מען מיך באַלד, טאַקע פון דאַנען אַוועקפירן אַהין, וואוהין איך דאַרף זיצן. איך וויל נאָך אויף ר א ש ־ ה ש נ ה, צו אַ געזונטע צי אַ קראַנקע, נאָר אַ לויזע, קומען צו מײַן מאַן און אָרימע קינדער!

דער ריכטער האָט געהייסן דעם גאָרדאָוואָי כיענען אָפּפירן אין פּאָליציע.

— גיי, מײַן קינד, אַהיים, — האָט כיענע יאָסעלען אָנקושנדיק געזאָגט, — זאָג דעם טאַטן, דאָס געריכט אַליין זאָגט, אַז דו ביסט ניט קיין ג נ ב! זאָג אים, אַז איך בעט אים, ער זאָל דיך אומזיסט ניט שלאָגן, וועט מיר מײַן ת פ י ס ה גרינגער זײַן. און דיך בעט איך, געוויין זיך, מײַן קינד, אויסצוקומען אָן דער מאַמען; ווער ווייס, א פ ש ר וועט דיר דאָס באַלד צונוץ קומען. זײַ נאָר ערלאַך,

פרום און גוט צו אַלעמען, וועט גאָט ב ר ו ך ־ ה ו א אויך דײַן צ ע ר צוזען!

---

### יא.

אַ פּאָר טעג פאַר ר א ש ־ ה ש נ ה איז כיענע באַפרײַט געוואָרן. די וואָס האָבן איר מוטער געקענט, האָבן געשוואָרן, אַז זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס גייט ר ח ל׳ע די מ ג י ד׳יכע, אַן איינגעבויגענע, קראַנקע אידענע, און ניט איר טאָכטער כיענע, וואָס איז אַלע מאָל אַזאַ לעבעדיקע, אַזאַ ב ר י ה געוועזן! ב ס ך ־ ה כ ל צען טעג איז כיענע געזעסן, און מער ווי מיט צען יאָר איז זי געעלטערט געוואָרן. גייענדיק פון פּאָליציע אַהיים, האָט זי זיך אַ ו ו ד א י צען מאָל אַנידערגעזעצט אָפּרוען, מיט קיינעם אַ וואָרט ניט גערעדט. זי איז נאָר ווי אַ שאָטן פון דער אַמאָליקער כיענען, — האָט מען גערעדט, — און עס זעט אויס, אַז זי קוקט שוין אין ק ב ר אַרײַן!

ר א ש ־ ה ש נ ה אין שול איז כיענע ווי אַ פאַרשטיינערטע געזעסן, ניט געזאָגט, ניט געלייענט, אַ פ י ל ו ניט געוויינט!... געזעסן איז זי אויך ניט אויף איר אָרט, נאָר בײַם טיר ערגעץ, נענטער צו דער לופט.

דערפאַר י ו ם ־ כ י פ ו ר — דערציילן ווײַבער — האָט כיענע די וועלט אײַנגעלייגט מיט איר וויינען און יאָמערן, און וועמען איז אין קאָפּ געלעגן זיך צוצוהערן צו דעם ח ז ן מיט זײַנע העלפער? די וואָס האָבן כיענען געהערט, אירע ת פ י ל ו ת צו גאָט, איר ר ח מ י ם בעטן פאַר איר מאַן און קינדער, האָט ערשט זיך דערוואוסט, וואָס הייסט י ו ם ־ כ י פ ו ר און וואָס הייסט בעטן גאָט מיט אַ צעבראָכענעם האַרצן!

און ניט אומזיסט האָט זי אַזוי די שול אײַנגעלייגט: דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט אַ פ נ י ם, — דערציילן ווײַבער, — אַז דאָס איז

איר לעצטער י ו ם - כ י פּ ו ר... זי האָט זיך טאַקע מיט אַלע אַרומיקע ווײַבער געזעגנט, זײַ מ ח י ל ה געבעטן, טאָמער האָט זי וועמען פֿון זײַ ניט ווילנדיק אַמאָל פּ ו ג ע - ב כ ב ו ד געווען; געבעטן ניט פֿאַרלאָזן אירע קלײנע קינדער. און אַז ווײַבער האָבן זי געטרײסט: זי וועט איר צ ע ר אין פֿרײדן אַמאָל דערצײלן, האָט זי געענטפֿערט: מײַנע קינדער סײַדן; איך וועל זײער עלנד באַלד דעם לעבעדיקן גאָט דערצײלן, אויב איך וועל נאָר ווערט זײַן צו זײַן הײליקן כ ס א - ה כ ב ו ד צוצוטרעטן.

צו נ ע י ל ה פֿונקט איז זי פֿלוצלונג שוואַרץ געוואָרן ווי די ערד, פֿון האַלז האָט זיך איר אַ גאָס געטאָן אַ טײַך בלוט, עס האָט קײַן וואַסער, קײַן געשרײַ און געוואַלד ניט געהאָלפֿן. מען האָט זי נאָך פֿאַר מ ע ר י ב, האַלב געטראָגן האַלב געפֿירט, צו איר הײם געבראַכט, און ביז טאָג איז זי שוין געלעגן אויף דער ערד, איבער־געדעקט מיט דעם שוואַרצן געוואַנט, וואָס אַ ש מ ש האָט געבראַכט. צווײ ליכטלאַך האָבן אין אירע בענשלײַכטער געברענט איר צוקאָפּנס, און לעבן אירע פֿיס האָבן זיך אויף דער ערד געוואַלגערט, שוין אָן כ ו ח פֿון ווײנען און קלאָגן, איר קראַנקער מאַן און איר עלטער מײדל. דאָס אַנדערע מײדל האָט אײנעם פּונ׳ם צווילינג אויף דער האַנט געהאַלטן און געווײנט; דאָס אַנדערע קינד האָט אַ ש כ נ ה אַרײַנ־גענומען צו זיך. נאָר מער פֿון אַלעמען האָט יאָסעלע געווײנט, זיך געריסן די האָר און געשלאָגן דאָס קעפּל אָן וואַנט.

— אוי, מאַמע, מאַמע! — האָט דאָס אָרימע קינד געשריען. — שטאַרב ניט, טײַערע מאַמע מײַנע! שטײ אויף, שטײ אויף, בעסער וועל איך שטאַרבן, אוי מאַמע, מאַמע מײַנע!

די וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען, האָבן געווײנט, הערנדיק, ווי דאָס פֿאַרצווײפֿלטע אינגל האָט זײַן גוטע מאַמען באַקלאָגט.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, דער אָ ר ו ן איז געקומען, ח ב ר ה׳שע ווײַבער האָבן כיענען איר רעכט געטאָן, און אַ ל ו ו י ה האָט זי געהאַט ניט ווי אַבי אַ ק ב צ נ׳טע ערגעץ... אין איר

גאַנצן לעבן האָט מען פון כיענען אַזוי פיל אין שטאָט ניט גערעדט, ווי אין די לעצטע וואָכן, ב פ ר ט פון איר מ ש פ ט האָט מען דערציילט ביז דעם טאָג פון איר טויט. דעריבער, אַז מען האָט דער־הערט, אַז אָט האָט זי גענומען און איז גאָר אַוועקגעשטאָרבן, איז יעדער אַ ב ע ל ן געווען צו זען, ווי עס שטאַרבט אַזאַ ריידערקע, ווי באַגראָבט מען אַזאַ כיענען! און צוליב דעם האָט זי געהאַט אַ ל ו ו י ה, אַ גאַנץ שיינע ל ו ו י ה. אַז מען האָט זי אין ק ב ר אַריינגעלייגט און נאָך דער דריטער לאָפּעטע ערד, ווען די ק ב ר נ י ם האָבן זי מ ח י ל ה געבעטן, אַז אַלץ וואָס זיי טוען איר, איז דאָס נאָר פאַר איר כ ב ו ד וועגן, האָבן ב ר ו ך און די קינדער אַזאַ קלאָג און געוויין אויפגעהויבן, אַז מען האָט ניט געהערט און ניט באַמערקט, ווי איין ש מ ש׳טע האָט זיך איבער דעם נאָך האַלב אָפֿענעם ק ב ר איינגעבויגן און האָט אַריינגעשריען: „כיענע, שיינדעלע בעט אייך מ ח י ל ה און בעט, איר זאָלט אַ גוטע בעטערן זיין פאַר איר, פאַר איר מאַן און פאַר זייער איינציק קינד!“

יאָסעלע האָט וויינענדיק ק ד י ש געזאָגט, אויסנווייניק און קלאָר יעדעס וואָרט אַרויסגערעדט און די טרערן זיינע האָבן ניט אויפגעהערט צו גיסן זיך.

— כיענע האָט ניט אומזיסט אַזוי די וועלט איינגעלייגט פאַר איר יאָסעלען! — האָבן ווייבער, צוריקגייענדיק פון גוטן אָרט, גערעדט. — אַזאַ ק ד י ש איז אַלץ ווערט, טאַקע איר מי זאָל אָנגעלייגט זיין, גאָט אין הימל, און איר ק ד י ש זאָל שוין קיין ג נ ב אויך ניט זיין מער!

מאַנסלייט האָבן געשמועסט, וואָס טוט מען איצט מיט ב ר ו ך דעם ש מ ש, מיט זיינע צוויי פּיצלאַך קינדער. ערשט א פ ש ר אַ האַלב יאָר, אַז די ערשטע געשטאָרבענע מאַמע זייערע האָט זיי אַנטוואוינט. וואָלט זיך געפינען עפּעס אַ רייכער ח ש ו ך ־ ב נ י ם, וואָס זאָל די קינדער צונעמען, זיי אויסהאָדעווען פאַר אייגענע, וואָלט געווען אַן א מ ת׳ע י ש ו ע ה. צום אומגליק איז אונזער

שטעטל געבענשט פון גאָט און קיין בעזדיעטניקעס זיינען גאָר נישטאָ.

מען האָט גערעדט און גערעדט און מען איז צו דעם תכלית געקומען, אַז ברוך מיט זיינע צוויי פּיצלאַך קינדער זיינען אַן אמת׳ע אָנשיקעניש אויף דער שטאָט און מען ווייס פּשוט ניט, ווי זיך אַן עצה געבן.

די פּאָר טעג שבעה, וואָס ר׳ ברוך איז געזעסן, האָט אים און זיינע קינדער קיין ברויט ניט געפעלט. אידן זיינען נישט קאַרג, אַ וואָלוועלע מצוה צו קויפן, און אַרומיקע שכנים האָבן צו דער סעודת־הבראה אַריינגעטראָגן בייגל מיט אייער, וואָס איז גענוג געווען פאַר אים און זיין געזינדל אויף היינט און אויף מאָרגן. לייט האָבן נאָך מקנא געווען ברוכ׳ס גליק, וואָס ער דאַרף בסך־הכל ניט מער ווי דריי טאָג שבעה זיצן, ווייל „דער יום־טוב נעמט אויף זיך!“

אַלטע באַלעבאַטים, וואָס האָבן קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז ברוך איז זייער שמש געווען, האָבן דאָס מאָל זיך דערמאָנט פון דעם רגל־געלט דעם נייעם שמש פאַר ברוכ׳ן פיל ווייניק אַראָפּצונעמען. אַנדערע האָבן אויך חלה, פלייש און קאַרטאָפל אַריינגעשיקט, ברוך מיט זיין געזינד זאָלן קיין פאַרשטערטן יום־טוב ניט האָבן.

יאָסעלע איז יעדן טאָג אין דער פרי און ביינאַכט געגאַנגען אין בית־המדרש קדיש זאָגן; און כל־זמן ער איז נאָך ביים עמוד אַ ניי יתומ׳ל געווען, די וואונד אין זיין הערצל איז נאָך פריש, און זיין קול׳כל ווי די אייגלאַך זיינע זיינען פול טרערן געווען, איז קיינעם אויפ׳ן זינען ניט אַרויפגעקומען, צו דער־מאָנען אים, אַז ער איז אַ גנב. קוים אָבער איז דער יום־טוב אַריבער, דער עולם איז צו זיין קדיש צוגעוואוינט געוואָרן, און ווער עס זאָל זיך אָננעמען פאַר אים, האָט ער שוין ניט געהאַט, האָבן די עלטערע קדיש־זאָגער אים אָנגעהויבן פון עמוד אַוועק־

צוטרײַבן און ער האָט אָפּט ווידער אָנגעהויבן הערן די ווערטער:
„ג נ ב! יאָסעלע ג נ ב, גיי אין גערוכט זאָגן ק ד י ש!"

אין דערהײַים האָט אויך אָנגעהויבן וואָס אַ טאָג אַלץ ערגער ווערן. פון די פינף גילדן אַ וואָך, וואָס ב ר ו ך האָט נאָך פון אַמאָליקע ש כ י ר ו ת באַקומען, האָט דאָס עלטערע מיידל ניט געקענט אַלײנען זאַט מאַכן. מען האָט שוין פאַרקויפט ש כ נ י ם אַ פּאָר קישנס איבעריקע, דאָס אַלץ האָט דאָס געזינדל אויפגעגעסן. דער באַלעבאָס פון׳ם שטיבעלע, וואו ב ר ו ך האָט געוואוינט, האָט די ד י ר ה אָפּגעזאָגט, און אַז ב ר ו ך האָט דערפילט דאָס גאַנצע פּעקל צ ר ו ת, וואָס זיין ווײַב האָט אים געלאָזן, האָט ער זיין כ ע ס אויסגעלאָזן צו יאָסעלען, וועלכן ער האָט שולדיק געמאַכט אין אַלע אומגליקן, וואָס איז אויף אים געקומען. און דעם אָרימען קינד האָט ח ו ץ הונגער אויך ק ל ל ו ת און קלעפּ ניט געפעלט.

איין י ו נ ה וואַסערטרעגער האָט זיין ח ס ד ניט אַראָפּגענומען פון ב ר ו כ׳ן מיט זיין געזינדל, און ח ו ץ די עמער וואַסער, וואָס ער האָט פון כיענעם טויט אָן אָנגעהויבן אַרײַנטראָגן כ ס ד ר יעדן טאָג אומזיסט, האָט ער כ ו ח ו ת אַוועקגעלייגט צו מאַכן אַ טאָלק מיט דער אָרימער פאַמיליע, מען זאָל זיי ח ל י ל ה אין איין טאָג טויטע ניט געפינען, אויסגעגאַנגענע פון הונגער נעבאַך. און איינמאָל, שוין שפּעט אין אָוונט, איז י ו נ ה אַרײַנגעקומען צו ב ר ו כ׳ן זייער מיד, און נאָכדעם ווי ער האָט מיט אַ ברעג פאָלע דעם שווייס אָפּגעווישט, האָט ער געזאָגט:

— לעבן זאָלן אידן! אידן זיינען טאַקע אַ פאָלק, און גאָט מעג טאַקע אידן העלפן! א מ ת, עס האָט מיר געזונט געקאָסט, ביז איך האָב עס געפּ׳ו ע ל׳ט; אָבער דערויף בין איך י ו נ ה, איך האָב אַמאָל אַ ח י ת ו ך - ה ד י ב ו ר, אַז מען דאַרף מיט אַ נ ג י ד אַ ד ב ר טאָן, אַז עס זאָל אים ביים ד ו פ ק אָננעמען! איך האָב גע׳ד ב ר׳ט מ י ט דעם ג ב א י פון ב י ק ו ר - ח ו ל י ם, ביז מיך האָט אַ נויט-שווייס אָפּגעגאָסן; אָבער איך האָב פאָרט געפּ׳ו ע ל׳ט,

און איך האָב שוין אַ פ י ל ו אײַער בעטל געזען, ה ל ו ו א י האָב איך אין דער הײַם געזונטערהײַט קײַן ערגערס ניט! עסן גיט מען, אַ דאָקטאָר מיט ר פ ו א ו ת זײַנען אויך דאָ, און אַז גאָט ב ר ו ך-ה ו א וועט וועלן, וועט איר נאָך דאָרט גענעזן ווערן פון אײַער הוסט. מיט אײַערע טעכטער האָב איך גאָר קײַן ד א ג ה ניט; געצל שנײַדער וויל אײַער ש ר ה׳לען צונעמען און נאָך צאָלן איר אויף אַ שוך, אַ קלײַדל אויך. פאַר אײַער ר ח ל׳ען וועל איך אויך געפינען אַן אָרט; ביז וואָס ווען, מעג זי זײַן בײַ מיר. מײַן ווײַב האָט אָנגענומען אַפּוד פעדערן צו פליקן פאַר אַ רײַכער כ ל ה, וועט זי איר צוהעלפן און איר ברויט כ ש ר בײַ מיר פאַרדינען. יאָסעלען גיב איך אַוועק אין ת ל מ ו ד-ת ו ר ה און איך וועל אים באַשטעלן טעג; וועט ער וועלן לערנען, וועט אים גוט זײַן, א ל א ניט, — קען איך אים מײַן קאָפּ אויף זײַנע פלײצעס ניט אַרויפזעצן! מיט אַ אינגל איז קײנמאָל קײַן ד א ג ה ניט: איז ניט דאָס, איז יענעם! אין ערגסטן א ו פ ן, וועל איך אים אַוועקגעבן צו אַ ב ע ל-מ ל א כ ה. ניט אַזוי, ר׳ ב ר ו ך? אַ ב ע ל-מ ל א כ ה, אַבי אַן ערלאַכער איד! די גרעסטע ד א ג ה מײַנע איז געווען וועגן אײַער צווילינג, די בײדע אינגלאַך זאָלן לעבן. פאַלט מיר אײַן אַ פּלאַן, אַז ש מ ח ה פאַכטער דער ח ש ו ך-ב נ י ם, דאַרף די טעג האָבן יאָר-צײַט. פאַרוואָס טאַקע זאָל אַזאַ איד, אַ נ ג י ד, ניט צונעמען די אָרימע י ת ו מ י מ׳לאַך און זײ אויסהאָדעווען ק ד י ש י ם פאַר זיך? געזאָגט און געטאָן! ש מ ח ה איז טאַקע געקומען, געדאַוונט, ק ד י ש געזאָגט, אידן אַ שײנע נ ד ב ה געגעבן פאַר אַ פּ ר ק מ ש נ י ו ת, וואָס זײ האָבן געלערנט נאָך זײַן פאָטער. טאַקע גאַנץ שײן, אַז גאָט העלפט, פאַר וואָס ניט? ר׳ ש מ ח ה, — מאַך איך צו אים פאַר׳ן גאַנצן ע ו ל ם, — איר זײַט מ ק י י ם כ י ב ו ד-אָ ב ע ל-צ ד-ה י ו ת ר-ט ו ב! גאָט זאָל אײַך טאַקע דערפאַר מ א ר י ך-י מ י ם זײַן. אָבער אַ לעבעדיקער מענש, זאָג איך, דאַרף אַ טראַכט טאָן: וואָס וועט זײַן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט

מיר? ווער וועט נאָך מיר קדיש זאָגן? נאָך מיר לערנען אַ פּרק־משניות? אַיאָ, רבותי, — זאָג איך, — מײַן שאלה איז אַ שאלה? — שמחה האָט טאַקע אַ ביטערן זיפץ געטאָן, ווי אײַנער זאָגט: „וואָס בין איך שולדיק, אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט?“

— זיפצט ניט, ר׳ שמחה! — האָב איך אים געטרײַסט. — איר זײַט טאַקע ניט שולדיק, נאָר גאָט ברוך־הוא האָט אײַך געהאָלפן, איר קענט קינדער האָדעווען, אין חדר געבן, זיי פאַר אידן מאַכן, זיי זאָלן גאָטס תורה לערנען, נאָר ער האָט אײַך קיין אייגענע קינדער ניט געגעבן; אַנטקעגן דעם, זאָג איך, האָט גאָט אײַנעם געשטראָפט, ער האָט אים דווקא קינדער געגעבן, שײנע קינדער, בריליאַנטענע קינדער, נאָר ער האָט די מאַמען זײערע, זאָג איך, צוגענומען, אײדער זי האָט נאָך צײַט געהאַט זיי אויף זײערע פיסלאַך צו שטעלן. און דער טאַטע זײערער איז קראַנק, לא־עליכם, זאָג איך, קען זײַן אײגענע נשמה אין גוף קוים דערהאַלטן און דאַנקט גאָט פאַר׳ן חסד, וואָס מען נעמט אים צו אין הקדש אַרײַן... נו, זאָג איך, פרעג איך אײַך, רבותי, און טאַקע אײַך אויך, ר׳ שמחה, דאַרפט איר זיפצן איבער דעם, וואָס איר האָט ניט קיין קינדער קיין אײגענע, בעת דאָ וואַלגערן זיך אַזעלכע טײַערע צוויי אינגלאַך און קענען חלילה איטלאַכע מינוט פאַר הונגער אויסגײן? איז ניט גלײַכער, פרעג איך, אַז איר זאָלט זיי צונעמען, אָט די דאָזיקע קינדער, אויסהאָדעווען פאַר אײגענע, זיי אין חדר געבן, און זיי זאָלן נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר נאָך אײַך קדיש זאָגן און אַ פּרק משניות לערנען?

אַלע האָבן געשוויגן.

— וואָס שווײַגט איר, אידן? — האָב איך אַ געשרײ געטאָן. — איך האָב מײַנס אָפּגערעדט, איצט רעדט איר! רעדן קאָסט דאָך קײן געלט ניט, זאָג איך, וואָס שווײַגט איר?

אַוודאַי האָבן אידן גערעדט און גערעדט, און שמחה איז מרוצה געוואָרן צוצונעמען אײן קינד. „דאָס גראַד ניט! — האָב

איך זיך אָפּגערופן. — דער גאָט וואָס העלפט אויף זאַלץ, וועט העלפן אויף פעפער אויך! דער גאָט, וואָס האָט אײַך געהאָלפן אויף אײן י ת ו ם צוצונעמען, וועט אײַך העלפן דעם אַנדערן אויך מ ג ד ל זײַן ל ת ו ר ה ו ל ח ו פּ ה ו ל מ ע ש י ם - ט ו ב י ם! ווילט איר בײדע צונעמען, איז רעכט; אַז ניט, איז גלײַכער גאָר נישט." ב ק י צ ו ר, איך האָב גע׳פּ ו ע ל׳ט. מאָרגן קומט ש מ ח ה מיט זײַן ווײַב, און אַז דער ר י ב ו נ ו - ש ל - ע ו ל ם וועט נאָר וועלן, וועלן אײַערע קינדער בײַ אים אויסוואַקסן אין כ ל - ט ו ב! נו, ר׳ ב ר ו ך, בין איך גערעכט, אַז איך זאָג, אַז לעבן זאָל מען נאָר צווישן אידן? און אידן זײַנען טאַקע אַ פאָלק, מיר אַזאַ יאָר!

די צווײ עלטערע מײדלאַך האָבן זיך שטילערהײט אויסגעווײנט אויף דעם ת כ ל י ת, וואָס י ו נ ה האָט פון דער מאַמעס געזינדל געמאַכט; נאָר וואָס האָבן זײ פון בעסערס געוואוסט?

אויף מאָרגן איז טאַקע געקומען ש מ ח ה מיט פערעלע זײַן ווײַב, אַ דיקע אידענע אין י ו ם - ט ו ב׳דיקע קלײדער. י ו נ ה האָט זײ אַרײַנגעפירט צו ב ר ו כ׳ן, זײ האָבן די קינדער באַטראַכט: כאָטש אויסגעדאַרטע, מאָגערע, אָבער פאָרט שײנע, ליכטיקע קינדער. פערעלע האָט געווײנט, קוקנדיק אויף זײ, אויף זײער אָרים ווײגעלע און נאָך אָרימערע בעט-געוואַנט. זי האָט זײ אָנגעקושט און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אײנעם דעם מאַן דערלאַנגט און אײנעם האָט זי אַלײן אויפ׳ן האַנט גענומען און געזאָגט: „אײַער פרומע מאַמע, וואָס איז ניט ז ו כ ה געווען פון אײַך נ ח ת צו דערלעבן, זאָל אין איר הײליקער רו זײַן אַ גוטע בעטערן פאַר מיר און פאַר מײַן מאַן, מיר זאָלן אײַך קענען אויסהאָדעווען צו תורה און ח ו פּ ה און מ ע ש י ם-ט ו ב י ם! זאָל זי דאָרט אויסבעטן, אַז אײַער אַ מ ת׳ער טאַטע, שוועסטער און ברידער זאָלן מיט מיר און מיט מײַן מאַן צוגלײַך פיל נ ח ת און ג ד ו ל ה נאָך פון אײַך דערלעבן!"

ש כ נ י ם, מאַנסלײַט און ווײַבער, האָבן ש מ ח ה׳ן מיט זײַן ווײַב „מ ז ל - ט ו ב!" געזאָגט, אָנגעוואונשן אַלדאָס גוטס. ש מ ח ה

האָט דאָ אַ לעקאַך און בראַנפן געמאַכט, פערעלע האָט יאָסעלען און זײַנע שוועסטער קעז און פוטער געגעבן, און ברוכ'ן אַ פאָר רובל געלאָזן און זײַנען מיט'ן צווילינג אַוועקגעפאָרן. יונה האָט פון שמחה אַ כוס'ע געמאַכט, און טראָגנדיק זײַן קאַראָמישל מיט צוויי עמער וואַסער, האָט ער אַ גאַנצן טאָג געשריען: „אידן זײַנען טאַקע אַ פאָלק, און גאָט מעג טאַקע אידן העלפן!“

---

## יב.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז שוין ברוך אין הקדש אויף זײַן בעטל געלעגן, ווי יונה זאָגט, ווי אַ מאָנאַרך! שרה'לע איז צוריק צו געצל דעם דאַמסקן שנײַדער אָנגעקומען. רחל'ע איז דערווײַל בײַ יונה'ן געזעסן, געהאָלפן זײַן ווײַב פעדערן פליקן; און נאָר מיט אײן יאָסעלען איז נאָך קײַן טאָלק ניט געוואָרן. אין תלמוד-תורה וואָלט מען אים צוגענומען, נאָר וואָס טוט מען מיט עסן?

אומזיסט איז יונה וואַסערטרעגער אומגעלאָפן בעטן זײַנע באַלעבאַטים, ווען ער טראָגט וואַסער, זיי זאָלן יאָסעלען צו אײן טאָג אין וואָך עסן געבן. קײנער אָבער איז דאַרויף ניט מרוצה געוואָרן. „כיענעם אינגל האָט אַזאַ שלעכטן שם, — האָבן זיי געענטפערט, — איבער אים איז די מאַמע זײַנע אין אַסטראָג געזעסן, איבער אים איז זי געשטאָרבן און עס איז געוואָרן אַ תל פון איר געזינדל, און לויט מען דערציילט, איז ער טאַקע אַ גנב, וואָס רײַסט פשוט פון די הענט. ווי קען מען אַזאַ אין אַ שטוב אַרײַנלאָזן, אָדער אין אַ קיך אַ פילו, וואו עס איז ניט מעגלאַך אים אײַנצוהיטן, ער זאָל ניט גנב'ענען!“

אומזיסט האָט יונה געשוואָרן, אַז דאָס איז אַלץ אַ ליגן, אויסגעפויקט איבער'ן שטאָט פון שײנדעלע דער בעל-טאַקסעטע,

י מ ח ש מ ו! יאָסעלע איז אַן ערלאַך קינד, קאָן לערנען און וויל לערנען; און ע ו ל ם - ה ב א וועט מען זיך קויפן, אַז מען וועט אים געבן אַ טאָג אין וואָך אָפּעסן.

— שווערט ניט, י ו נ ה, — האָט מען אים געענטפערט, — מען קאָן אין היינטיקע ציַיטן פאַר איַיגענע קינדער ניט שווערן, ב פ ר ט פאַר אַ פרעמד קינד, וואָס איז שוין אין געריכט געשטאַנען!... אַ כ ל ל, אַז מען קלינגט, איז אַ ח ג א!...

י ו נ ה האָט געזען, ער האָט קיין ב ר י ר ה ניט, איז ער אַוועק צו הערשל שוסטער. כאָטש אַ שוסטער, נאָר אַ גאַנץ פרומער איד און אַ גוטער ב ע ל - מ ל א כ ה. אָבער הערשל האָט פאַרלאַנגט אַ כ ת ב מאַכן, אַז ביז פופצן יאָר זאָל יאָסעלע זיַין ביַי אים אומזיסט, און דערנאָך זאָל ער ביַי אים דינען דריַי יאָר, פאַר פופציק רובל אַ יאָר געהאַלט. אַזאַ כ ת ב אָבער האָט ב ר ו ך ב ש ו ם א ו פ ן ניט געוואָלט אונטערשריַיבן.

— איר וויַיסט דאָך, ר׳ י ו נ ה, אַז דער גאַנצער ר צ ו ן כיענעס, ע ל י ה ה ש ל ו ם, — האָט ב ר ו ך דערקלערט, — איז געוועזן, יאָסעלע זאָל זיַין אַ ל מ ד ן. און וואָס זאָל איך איַיך ליגן זאָגן, מיַין ר צ ו ן איז עס אויך געוועזן אַלע מאָל, כאָטש איך האָב שטענדיק איר, ע ל י ה ה ש ל ו ם, געהיַיסן אויף ל ה כ ע י ס, — זאָל זי מיר עס מ ו ח ל זיַין, — אים אַוועקגעבן צו אַ שוסטער. געמיַינט האָב איך עס ניט, וויַיל איך וויַיס, אַז יאָסעלע האָט אַ פיַיעריק קעפּל צום לערנען, האָט אַן איַיזערנעם ז י כ ר ו ן און אַ שאַרפע ת פ י ס ה, אַן ע י ן - ה ר ע. אין גוטע הענט, קאָן ער אַרויס אַ מ ו פ ל ג. ע ל - כ ן, זאָל שוין איַיער מ צ ו ו ה אין גאַנצן זיַין, גיט אים דערוויַיל אַוועק צו אַבי אַ ב ע ל - מ ל א כ ה, ער זאָל נאָר האָבן, וואו איבערצואווינטערן. פאַרשטיַיט איר, אויף זומער, א ם - י ר צ ה - ה ש ם, קאָן גאָט העלפן אים אַוועקצושיקן אין ווילנע, וואו עס וואוינט אַ פעטער זיַינער, כיענעס אַ ליַיבלאַכער ברודער, אַ מ ו פ ל ג ג ד ו ל; זאָל ער מיט אים לערנען.

און י ו נ ה׳ן איז דער פּלאַן געפעלן, און ער האָט ווידער גע־רעדט מיט ב ע ל י ־ מ ל א כ ה׳ס צונעמען יאָסעלען אַזוי, אַן אַ כ ת ב. נאָר אַ רעכטער האָט עס ניט געוואָלט, און י ו נ ה האָט אים אָוועקגעגעבן צו זעליקלען פּײַנער־יונג, אַ שוסטער, אַ לופּטיקע זאַך, וואָס האָט צײַטנווײַז ליב דעם טרונק. י ו נ ה האָט עס אַ פ י ל ו געוואוסט, נאָר וואָס איז עס ש י י ך צו יאָסעלען? זאָל ער טרינקען, וויפיל זײַן האַרץ געלוסט, האָט י ו נ ה געזאָגט, אַבי יאָסעלע זאָל האָבן וואו אַ קאָפּ צוצולייגן ביז זומער און זאָל זיך ניט אומטרײַבן אין די גאַסן.

ניט אַזוי גרינג איז י ו נ ה׳ן אָנגעקומען אײַנצורעדן יאָסעלען, ער זאָל גיין צו זעליקלען ווערן אַ שוסטער. — „די מאַמע וועט מיך קומען ווערגן! — האָט דאָס קינד געקלאָגט און געוויינט — איך וויל בעסער לערנען, גיט מיך אין ח ד ר, איך וועל ניט וויינען אַ פ י ל ו, אַז דער ר ב י וועט מיך שלאָגן, נאָר גיט מיך ניט אָוועק צו אַ שוסטער!"

עס האָט אים אָבער זײַן קלאָגן און וויינען ניט געהאָלפן. י ו נ ה איז אַליין אַ מ ט ו פ ל מיט קליינע קינדער געוועזן און אַ גרויסער א ב י ו ן דערצו, און יאָסעלע האָט קיין ב ר י ר ה ניט געהאַט און איז אָנגעקומען צו זעליקלען.

צוויי וואָכן האָט דאָס אָרימע קינד זיך געוואַלגערט ווי אַ הונט בײַ זײַן מײַסטער דעם פּײַנעם יונג. כ ל ע ב ו ד ת ־ פ ר ך בײַ אים געטאָן, וואַסער און האָלץ געטראָגן, שטיוול געפּוצט, שפּענער גע־קליבן פאַר׳ן באַלעבאָס אין פרעמדע הויפן, אַ נ כ נ ע געוועזן יעדן פ ו ע ל און קיינמאָל זײַן נאָמען „יאָסעלע" ניט געהערט.

— ג נ ב, ג נ ב׳עץ, אַ ר ו ח אין דײַן טאַטן אַרײַן! — קיין אַנדערע נעמען האָט ער ב כ ל ל בײַ זעליקלען ניט געהאַט.

„ג נ ב׳עץ, גיי, נעם אַרײַן פּאָר אַ גילדן בראָנפן!" — פלעגט אים דער באַלעבאָס אַליין זאָגן. — „ג נ ב, פּאָר אַ זעקסער פּעך!"

„ג נ ב, דערלאַנג די צוועקלאַך!" „ג נ ב׳עץ, די דראַטווע, אַ מ כ ה דיר אין קאָפּ!"...

אײנמאָל האָט מען יאָסעלען געכאַפּט, ווי ער האָט אַ קײַשל מיט שפּענער אַרויסגעטראָגן פון אַ פרעמדן הויף, וואו זעליקל האָט אים געשיקט. מען האָט די שפּענער בײַ אים צוגענומען און נאָך גוט אָנגעבראָכן די בײנער.

יאָסעלע איז געקומען אַ צעשלאָגענער, מיט אַ לײדיקן קײַשל צוריק. דערפאַר האָט אים זעליקל נאָך צוגעלײגט עטלאַכע קלעפּ און געשריען: „ג נ ב, ווער האָט דיך געהײסן ג נ ב׳ענען? קלײַבן האָב איך דיר אָנגעזאָגט!

— איך האָב געקליבן, — האָט יאָסעלע געזאָגט, — געקליבן ווי אַלע טאָג.

— אַ ליגן, דו האָסט גע׳ג נ ב׳עט! — האָט זעליקל געשריען.— קלײַבן איז ניט ג נ ב׳ענען.

יאָסעלע האָט דעם אונטערשײד צווישן קלײַבן און ג נ ב׳ענען ניט געוואוסט, און אַז אויף מאָרגן האָט אים דער מײַסטער געשיקט נאָך אַמאָל מיט׳ן קײַשל קלײַבן, האָט ער געענטפערט: „קלײַבן איז אויך ג נ ב׳ענען, איך וויל קײן ג נ ב ניט זײַן!" דערפאַר האָט אים דער מײַסטער געשלאָגן, גע׳ה ר ג׳עט און אַ גאַנצן טאָג קײן עסן ניט געגעבן.

אײנמאָל, ווען יאָסעלע איז פון מ ע ר י ב געקומען, האָט אים דער מײַסטער צוגערופן עפּעס אַזוי גוט, אַזוי פרײַנדלאַך, אַז דעם פאַרשטויסענעם קינד האָט זיך ניט געגלויבט, צי מען מײנט עם אים.

— יאָסעלע,— מאַכט דער מײַסטער, — דו ווילסט אַ זויערע אוגערקע?

יאָסעלע האָט מ ו ר א געהאַט צו ענטפערן. אַ פּאָר מאָל האָט מען אים שוין אָפּגענאַרט מיט אַזאַ ש א ל ה, און אַז ער האָט געענטפערט: „יאָ", האָט מען אים געזאָגט אַ גראָב וואָרט, און דער מײַסטער מיט די פּ ו ע ל י ם האָבן געהאַט צו לאַכן.

— אויף נ א מ נ ו ת, אַן אוגערקע אַ זויערע! — שווערט זיך דער מײַסטער. — איך מײַן ניט אָפּצונאַרן היינטיקס מאָל; נאָר טאַקע ב א מ ת אַן אוגערקע; זאָג זשע, דו ווילסט?

— איך וויל! — האָט יאָסעלע געענטפערט צוליב צו טאָן דעם מײַסטער.

— טאָ נעם דאָס טעפּל, קריך אַריין דורכ׳ן פענסטערל אין קעלער, דאָרט אין ווינקל רעכטס שטייט אַ פאַס מיט אוגערקעס... נעם אָן אַ פול טעפּל, איך וועל ביים פענסטער שטיין, וועסטו מיר דערלאַנגען! באַוויי‍ז אַ ד ר ב ה דיין האַנט־מ ל א כ ה און מאַך עס אָפּ אַ ג י ל ו א ש מ ח, קיילאַכדיק און שפּיציק. עפּעס טויגסטו זיך אויף פינגער־מ ל א כ ה!

— מען טאָר ניט ג נ ב׳ענען! — האָט יאָסעלע געענטפערט.

— ג נ ב׳ען! ווען זאָגסטו דאָס? — האָט זעליקל אַ געשריי געטאָן. — און געלט ביים ר ב י׳ן מעג מען ג נ ב׳ענען? אַ מעסערל אין ח ד ר—שטייט דיר אָן? אַ לעפל ביי שוינדעלען אין קיך—איז כ ש ר? אַן איינבראָך אויף דיר! מיינסט, איך ווייס ניט, ווער דו ביסט?

יאָסעלע האָט מ ו ר א צו ענטפערן און שווייגט.

— דו גייסט, צו ניט? — פרעגט זעליקל. — וואָס שטייט דיר ניט אָן?

— איך וויל קיין אוגערקע ניט. — פּרוּווט זיך יאָסעלע אָפּ־זאָגן. זעליקל האָט אים אַ בריק געטאָן מיט׳ן פוס: „און דאָס ווילסטו? און מ כ ו ת פון דער דאַזיקער נאַכט פון פ ס ח, ווילסטו? אַזאַ ג נ ב׳עץ, אָ ס ו ר, אויב מען טאָר אים האַלטן אין אַ אידישער שטוב!“— עס האָט זיך אויסגערופן אַן אַנדער אינגל, און אין עטלאַכע מינוט שפּעטער האָט דער מײַסטער מיט אַלע פ ו ע ל י ם געגעסן זויערע אוגערקעס מיט ברויט. יאָסעלען, פאַר זיינע ע ק ש נ ו ת, האָט מען אַ פ י ל ו קיין טרוקן ברויט אויך ניט געגעבן.

פון יענעם טאָג פלעגט זיך די געשיכטע מיט׳ן קעלער אַלע

נאַכט ווידערהאָלן. אַלע נאַכט פלעגט מען קניפלאַך ציען, ווער עס זאָל אין קעלער אַריינקריכן, און מען פלעגט עס אַזוי מאַכן, אַז דאָס קניפל האָט אַלע מאָל יאָסעלע געמוזט אַרויסציען. יאָסעלע האָט אָבער אַלע טאָג געשריען, ער וויל קיין אוגערקעס ניט, און דער מייסטער האָט געהייסן דעם אַנדער אינגל, וואָס האָט באַדאַרפט גיין אַנשטאָט יאָסעלען, אים אַראָפּלאָזן דריי פּעטש, וואָס יענער אינגל פלעגט עס באַלד מ ק י י ם זיין מיט א ה ו ם פ ה פון איינגענעם י ו ש ר. און ניט אוגערקעס אַליין האָט מען פון קעלער געשלעפּט: אויך זויערע קוואַס-עפּל, ציבעלע, קאַרטאָפל און אַלץ, וואָס אַ יוסטע באַלעבאָסטע גרייט אָן אויף אַ גאַנץ ווינטער. יאָסעלען האָט מען קיינמאָל צו פאַרזוכן ניט געגעבן. און איינמאָל האָט דער מייסטער ג ו ז ר געווען:

—אויב דער ג נ ב וועט מאָרגן ניט גיין אָננעמען אין קעלער אַ קיישל קאַרטאָפל מיט אַלע זיבן זאַכן, אָט הערט איר אַלע, ווי איך שווער ביי מיין אידישקייט, אַז איך טרייב אים אַרויס ווי אַ הונט, נאָך מיט עטלאַכע פּעטש צוגאָב! איך האָב פיינט אַ ב ע ל - ג א ו ו ה! אַז עס שטייט אונז אַלעמען אָן, מוז אַזאַ ג נ ב׳עץ אויך אָנשטיין! אַ מ פ ל ה וואָלט איך אויף אים געקלערט... דאָס איז דאָך נאָר אָן ע ק ש נ ו ת! זיי זשע וויסן, ג נ ב׳עץ, אַז מען מעג ג נ ב׳ענען פאַר אַ מאַמען, מעג מען פאַר אַ מייסטער א ו ו ד א י... אַ ג נ ב ביסטו דאָך סיי ווי, נאָר דו ווילסט מיך ניט פאָלגן, וואוהין איך שיק דיך, טאָ וואָס זשע טויגסטו מיר? געדענק, ג נ ב׳עץ, מאָרגן וועט דיין י ו ם - ה ד י ן זיין! אי אַרויסטרייבן וועל איך דיך, אי אַ ג נ ב וועסטו בלייבן!

אַ גאַנצע נאַכט, נאָך אַזאַ מ ו ס ר, האָט זיך יאָסעלען געח ל ו מ׳ט: ער זעט די מאַמען זיינע, זי איז בלאַס, אַזוי אויסגעמאָגערט, און עס טוט אים ווי דאָס הערצל, קוקנדיק אויף איר. „זע, מיין טייער קינד, בעט זי אים, זיי ניט קיין ג נ ב, ג נ ב׳ע ניט קיין אוגערקעס, קוק אויף מיר און זע, ווי איך בין געוואָרן איבער

דיר: אין אַסטראָג געזעסן און אַזוי קראַנק בין איך!... וויל בעסער לערנען, יאָסעלע, די ת ו ר ה וועט דיך פון אַלע שלעכטס אײַנהיטן! זײַ ניט קיין שוסטער; מײַנע אָ ב ו ת א ב ו ת י נ ו זײַנען קיין שוסטערס ניט געווען, ווי קומסטו דערצו?"—ער וויל איר ענטפערן, ער וויל זיך אויסוויינען פאַר איר, אויפ׳ן האַרצן איז אים אַזוי שווער, אַזוי ביטער!... פּלוצלונג דערמאָנט ער זיך, זײַן מאַמע איז דאָך געשטאָרבן, און מיט אַן אַנגסט-געשריי, דאַכט אים, בעט ער זיך: „אוי, מאַמע, ווערג מיך ניט, איך וועל ניט זײַן קיין שוסטער!" און אָט דערזעט ער אונטער איר רויטער טוך די ווײַסע ת כ ר י כ י ם אירע. זי הייבט אויף אירע אויסגעטריקנטע טויטע הענט און זאָגט: „האָב קיין מ ו ר א ניט, איך בין ניט געשטאָרבן!" — דו ביסט יאָ געשטאָרבן, איך זאָג דאָך ק ד י ש נאָך דיר! — שרײַט ער מיט אַנגסט.

— גוט, גוט, מײַן קינד, זאָג ק ד י ש י ם אַ ס ך, אַ ס ך, וועל איך גאָט בעטן פאַר דיר! — טרייסט זי אים, און אָט זעט ער, ווי זי הייבט זיך אויף, זי גייט ניט, נאָר זי שוועבט און טראָגט זיך אין דער לופטן. אָט איז זי שוין אַריבער איבער׳ן פּאַרקן און טראָגט זיך אַזוי הויך און אַלץ ווײַטער, ווײַטער, ביז׳ן ב י ת - ע ו ל ם. ער שרײַט מיט אַנגסט: „מאַמע, מאַמע!" נאָר ער איז עפּעס אַזוי ווי הייזעריק, דאַכט אים, אַז כאָטש ער שרײַט מיט די לעצטע כ ו ח ו ת, הערט ער די אייגענע שטימע ניט.

די אינגלאַך, וואָס האָבן זיך מיט אים צוזאַמען אויף דער ערד געוואַלגערט, געשלאָפן, הייסט עס, האָבן זײַן פאַרשטיקט אַנגסט-געשריי דערהערט און האָבן אים אויפגעוועקט.

— וואָס האָט זיך דיר געח׳ל ו מ׳ט, ג נ ב׳עץ? — האָט אים איינער פון זיי געפרעגט, — איך האָב געמיינט, ג ז ל נ י ם זײַנען אָנגעפאַלן און מען קוילעט אונז; מיט אַזאַ מין ק ו ל האָסטו געשריי:

— דאָס שמײַסט מען זײַן נ ש מ ה אויף יענער וועלט פאַר די ע ב ר ו ת זײַנע! — האָט אַן אַנדער שוסטער-אינגל דערקלערט. —

אַלעמענס נ ש מ ה פליט בײַנאַכט אַרויף אויפֿ׳ן הימל, בײַ אַ ר ש ע אָבער פליט זי גלײַך אין ג ה י נ ו ם אַרײַן, און דאָרט כאַפּט זי פײַערדיקע שמיץ.

כאָטש עס איז נאָך אַ שטיק צום טאָג געווען און די אַנדערע זײַנען באַלד צוריק אַנטשלאָפֿן געוואָרן, האָט שוין יאָסעלע מער ניט געשלאָפֿן. ער האָט נאָר מיט שרעק געקלערט און געטראַכט וועגן דעם ח ל ו ם און וועגן דעם, וואָס הײַנט וועט זײַן דער י ו ם־ ה ד י ן זײַנער, ווי דער מײַסטער האָט אים געזאָגט. ער האָט אָבער גאָר נישט געקענט אָפּטראַכטן. אַז דער זייגער האָט שוין זעקס געשלאָגן, און דער מײַסטער האָט מיט אַ בריק אין זײַט אַלע זײַנע פּ ו ע ל י ם אויפגעוועקט, האָט זיך יאָסעלע אויך אויפגעהויבן און איז אַוועק אין ב י ת ־ ה מ ד ר ש דאַוונען און ק ד י ש זאָגן. און „ק ד י ש י ם“ האָט ער הײַנט געזאָגט אַ ס ך, אַ ס ך... עס האָט זיך אים עפּעס געדאַכט, אַז די מאַמע זײַנע איז אין דער ווײַבערשער שול, זי הערט זײַן ק ד י ש, זי ענטפערט: „אָ מ ן“, און זי ווינקט אים, ער זאָל נאָך ניט אַוועקגיין און וואַרטן. ער וואַרט אָפּ דעם צווייטן מ נ י ן, ער זאָגט ווידער ק ד י ש. עס דאַוונט שוין דער דריטער מ נ י ן, ער בלײַבט איין אַ ב ל אין גאַנצן ב י ת ־ ה מ ד ר ש און זאָגט אַליין אַלע ק ד י ש י ם. ענדלאָך איז דער ע ו ל ם זיך צע־ גאַנגען, און ער איז אויך אַרויסגעגאַנגען. נאָר בײַם שוועל איז ער שטיין געבליבן, און עס פאַרדריסט אים: פאַרוואָס דאַוונט מען ניט אַ גאַנצן טאָג?... אַז מען וואָלט אַ גאַנצן טאָג דאַוונען, טראַכט ער, וואָלט איך אַ ו ו ד אַ י הונדערט ק ד י ש י ם זאָגן! דעם גאַנצן טאָג דאָ זײַן, און ניט ברויכן גיין צוריק צום מײַסטער!

דערמאָנענדיק זיך אָן מײַסטער, גיט אים עפּעס ווי אַ שטאָך אין הערצל, און ער הייבט זיך אָן דערמאָנען, אַז דער מײַסטער וועט אים באַלד גוט ה ר ג׳ענען, וואָס ער האָט זיך אַזוי פיל אויפגעהאַלטן צום דאַוונען. „אַלע פּ ו ע ל י ם האָבן שוין דאָרט לאַנג אָפּגעגעסן,

טראַכט ער, וואָס פאַר אַ ת י ר ו ץ וועל איך אים ענטפערן, וואָס איך קום אַזוי שפּעט פון דאַווענען?"

— גייִן, איך וועל מער ניט גייִן צום מייסטער! — רעדט ער צו זיך און הייבט אָן גיך צו גייִן, ניט ווייסנדיק, וואוהין ער גייט. אַ פּאָר ש ע ה איז ער אַזוי אומגעגאַנגען, ביז עס האָט אים אָנגעהויבן צו הונגערן. נאָר וואָס שטאַרקער עס הונגערט אים, גייט ער אַלץ גיכער, ביז ער קוקט זיך אַרום — אָט איז ער בײַם טײַכל, וואו ער פלעגט אַמאָל אַזוי אָפט מיט דער ר ב י׳צן גייִן מיט די גרעט. ער איז צו צום וואַסער, זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז און אָנגעהויבן טרינקען, כאָטש אים האָט זיך טרינקען גאָר ניט געוואָלט; ער האָט געמיינט, טאָמער וועט ער דערמיט י ו צ א זײַן אָנשטאָט עסן. עפּעס האָט אים געדאַכט, אַז עס ווילט זיך אים טאַקע ניט מער עסן: „אונטערגעלעגנט אַ ביסל דאָס האַרץ". — טראַכט ער און גייט צוריק אין שטאָט אַרײַן. אָט איז ער אויפ׳ן מאַרק, און אָט וואַלגערן זיך אַ פּאָר שטיקלאַך אַרומגעביסענע עפּל; אָן דאָרט, וואו די ווײַבער זיצן מיט אַלערליי קרײַטאַכער, וואַלגערט זיך, ווי ה פ ק ר, אַ צעוויאַניעטע, קרעציקע אוגערקע און נאָך ווײַטער — אַ האַלב מערל... ער קלײַבט עס אויף, ווישט אַרום די בלאָטע און עסט עס אויף מיט אַפּעטיט. ער פילט זיך געשטאַרקט, און דערמאָנט זיך — צײַט גייִן דאַווענען מ נ ח ה, ק ד י ש ניט פאַרשפּעטיקן. אין ב י ת - ה מ ד ר ש פאַרגעסט ער אָן אַלץ, דאַוונט מ נ ח ה אויסווייניק, זאָגט ק ד י ש, בלײַבט שוין דאָ ביז נאָך מ ע ר י ב. מיט ק נ א ה און מיט אַ באַטריבט הערצל קוקט ער צו, ווי איטלאַכער י ש י ב ה - ב ח ו ר נעמט זיך אַ ליכט, שמעלצט צו צום טיש, עפנט אַ ג מ ר א און לערנט. ווי האָט זיך אים געוואָלט אַזוי גליקלאַך זײַן! ער איז צו צום ס פ ר י ם-אַלמער זוכן אַ ח ו מ ש.

— וואָס זוכסטו, ייִנגעלע? — האָט אים אַ ייִד געפרעגט?

— אַ ח ו מ ש!

— וואָס דאַרפסטו אַ ח ו מ ש?

— איך וויל לערנען!

— האָסט קיין ח ד ר ניט?

— ניין!

— ווער ביסטו?

— יאָסעלע!

— וואָס רעדט איר מיט אים? — האָט זיך אַ י ש י ב ה־ב ח ו ר, וואָס איז צום אַלמער צו, זיך אַריינגעמישט. — דאָס איז דאָך דאָס קליינע ג נ ב'ל, ערשט ניט לאַנג אין געריכט געשטאַנען, נאָט איך אַ האַנט, ער וויל ג נ ב'ענען אַ ס פ ר!

— א מ ת, אינגעלע? — האָט דער איד געפרעגט.

— איך וויל ניט ג נ ב'ענען, איך וויל לערנען אין ח ו מ ש! — האָט יאָסעלע געענטפערט. — גיט מיר אַ ח ו מ ש, וועל איך לערנען.

— נאַ דיר אַ ח ו מ ש, איך וועל זען, צו קאָנסטו לערנען און צו ווילסטו טאַקע; קום, זעץ זיך לעבן מיר.

און יאָסעלע האָט מיט לוסט און פאַרגעניגן געלערנט ח ו מ ש פאַר'ן אידן. דער איד האָט ניט געברויכט אים אונטערצוזאָגן.

— ביסט אַ וואוילער אינגל! — האָט דער איד געזאָגט. — נאָר זאָג מיר, אַז דו קענסט אַזוי גוט לערנען, פאַרוואָס רופט מען דיך ג נ ב?

— יאָסעלע האָט ניט געענטפערט, נאָר טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אייגלאַך.

— איך וועל ניט מער, קיינמאָל ניט! — האָט דאָס פאַרקלעמטע קינד געענטפערט.

— זע זשע, זאָלסט ניט ג נ ב'ענען מער, נאָר לערנען זאָלסטו, וועסטו נאָך זיין אַ לייט! — האָט דער איד געטרייסט. — פרעגן, צי האָט ער היינט געגעסן? צי האָט ער וואו צו שלאָפן? האָט דער איד פאַרגעסן, אָדער עס איז אים אַ פ ש ר גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויף, אַז עס קען זיין, דאָס קינד האָט ניט צו עסן און האָט אַ פ י ל ו קיין היים ניט.

כ ל - ז מ ן דער איד איז אין ב י ת - ה מ ד ר ש געווען, האָט יאָסעלען קיינער ניט אָנגערירט. נאָר קוים איז זיין באַשיצער אַרויס, האָט דער ש מ ש, וואָס האָט אַלע מאָל אַ כ ע ס געהאַט אויף יאָסעלעם טאַטן, פאַר די 5 גילדן ש כ י ר ו ת, וואָס מען האָט פון זיינע אַראָפּגענומען צוליב אים, צוגעכאַפּט ביי יאָסעלען דעם ח ו מ ש, פאַרלאָשן די ליכט און אים אַרויסגעטריבן.

— אַהיים גיי, אַהיים, דו שייגאַץ! — האָט ער געשריען.

וואו איז זיין היים? — דאָס איז דעם ש מ ש'ס ד אָ ג ה ניט געווען.

מיד פון אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג האָט זיך יאָסעלע פאַרקליבן אין אַ ווינקל ערגעץ פון גרויסן ב י ת - ה מ ד ר ש-פאָרהויז, זיך אָוועקגעלייגט שלאָפן און דורכגעשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, ביז אידן זיינען געקומען דאַווענען דעם ערשטן מ נ י ן.

און ווידער האָט ער אַזוי אַ טאָג צוגעבראַכט: אַ פאַרפוילט אָדער אָפּגעגריזעט שטיקל עפּל, אַ צעוויאַניעט מערל אָדער אַנדערע אַזעלכע אַרויסגעוואָרפענע גוטס, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אין מויל אַריינגעמען, איז אים גענוג געווען; צו גאָט קיין ט ע נ ו ת ניט געהאַט און ביי קיינעם אַ ביסן ניט געבעטן, אין טייך האָט אים קיין וואַסער ניט געפעלט, און היינט האָט אים נאָך אַ גליק געטראָפן: אַ אידענע וואָס האָט דאָ גרעט געוואַשן האָט אים אַ מ ז ו מ נ'ע קאָפּיקע געגעבן פאַר צוהעלפן אָוועקטראָגן די נאַסע גרעט פון טייך אַהיים. ער האָט געקויפט פאַר אַ קאָפּיקע ברויט און איז טאַקע היינט א מ ת זאַט געווען.

צו מ ע ר י ב איז אָבער דער נעכטיקער איד שוין ניט געווען, און דעם ח ו מ ש צו לערנען האָט ער שוין ניט באַקומען. דער ש מ ש האָט אים ווידער אַרויסגעטריבן, נאָר היינט שוין מיט ר ח מ נ ו ת: אים געהייסן גיין אין ח ס י ד י ם-שטיבל, דאָרט קען מען אים ניט, וועט מען אים לאָזן אַ פּ י ל ו דעם קאָפּ זיך אַראָפּדרייען.

יאָסעלע איז אַוועק אין ח ס י ד י ם-שטיבל. קיין י ש י ב ה-

בחורים זײַנען דאָרט ניט געווען, דערפֿאַר קײַן ספרים אויך ניט. פֿינסטער, נאָר איין ליכטל האָט אין עמוד געברענט. דער שמש, אַן אַלטער האַלב-בלינדער איד, האָט גאָר ניט באַמערקט, אַז נאָך ווער איז דאָ חוץ אים. יאָסעלע איז פֿאַרקראָכן צווישן אויוון און געשלאָפֿן ווי אַ גראַף.

אויפֿן דריטן טאָג האָט אים יונה וואַסערטרעגער בײַם טײַך געכאַפּט, אים גאַנץ גוט פֿאַר׳ן אויער אָנגעריסן און געשריען:

— שײַגעץ, אַזוי פֿיל מי איך האָב אַרום דיר געהאַט, צום סוף קריכסטו אין פֿרעמדן קעלער אוגערקעס ג נ ב׳ענען! ביסטו דאָך באמת אַ גנב, און אַז אַ וועלט זאָגט: אַ גנב! זאָל מען גלויבן. זעליקל האָט דיך אַרויסגעטריבן, שוין האָב איך אויסגעפֿירט!

— ניט איך האָב די אוגערקעס פֿון קעלער גע׳ג נ ב׳עט. איך האָב ניט געוואָלט גיין, דערפֿאַר האָט מיך דער מײַסטער געשלאָגן, ווי איך בין אַ איד, ווי ניט איך! — האָט יאָסעלע געשוואָרן.

טאָ קום צום מײַסטער, לאָם איך אויספֿירן אויג אויף אויג. — האָט יונה געזאָגט.

— איך האָב מורא, ער וועט מיך הרג׳ענען. איך וויל ניט זײַן קײַן שוסטער, איך וויל לערנען אין בית־המדרש, ווי אַלע לערנען!

— וואו עסטו? וואו שלאָפֿסטו?

יאָסעלע האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפֿערן.

— גײַ צום מײַסטער שוין צוריק, בעט אים מחילה, וועט ער דיך נאָך צונעמען, אַז ניט וועט פֿון דיר ווערן אַ בראָדיאַגע, וואָס שלעפּט זיך אַרום שלינג און שלאַנג. און אויב אַפֿילו דו ביסט ביז איצט ניט געווען קײַן גנב, וועסטו עס מוזן ווערן. גײַ זשע, איך הײַס! — האָט יונה געשריען.

— איך וויל ניט זײַן קײַן שוסטער, איך וועל ניט גײַן צו זעליקלען, כאָטש הרג׳עט מיך! — האָט יאָסעלע געענטפֿערט אַנטשידן.

— ביסטו דאָך טאַקע אַ שווײַגעץ; פֿאָלגסט מ י ך אויך ניט? טאָ גיי טאַקע אין דער ערד אַרײַן; ווי דו וועסט ברײַען, אַזוי וועסטו טרינקען! גאָט איז מײַן ע ד ו ת, איך האָב געטאָן, וואָס איך האָב געקענט. — י ו נ ה האָט גענומען זײַן קאַראַמישל צו נעמען זײַנע עמער וואַסער, נאָר יאָסעלע האָט געמיינט: ער וויל אים שלאָגן, און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן. י ו נ ה האָט אים נאָכגעשריען:

— אַז אַ וועלט זאָגט: „אַ נישט רעכטער", זאָל מען גלויבן. אַזאַ שווײַגאַץ, אַזאַ שקאָץ!...

אַזוי האָט דאָס פֿאַרלאָזענע קינד עטלעכע טעג צוגעבראַכט, פֿון קיין זאַך קיין ד א ג ה ניט געהאַט, מיט׳ן הונגער איז ער, פֿון זינט ער געדענקט, אַן אַלטער באַקאַנטער געווען, און געשלאָפֿן האָט ער דאָ אין פֿאָרהויז אָדער צווישן אויוון און ח ס י ד י ם־שטיבל ניט ערגער, ווי בײַ זעליקל דעם מײַסטער זײַנעם אויף דער ערד. נאָר איין זאַך האָט אים זיין לעבן פֿאַרביטערט און פֿלעגט שטענדיק מיט טרערן אָנפֿילן זײַנע אייגלאַך. און דאָס איז געווען, ווען ער פֿלעגט באַגעגענען אינגלאַך, וואָס גייען אין ח ד ר און פֿון ח ד ר. „אַלע אינגלאַך גייען, פֿלעגט זיין הערצל שרײַען אין אים, ווייסן, וואוהין זיי גייען, האָבן אַ ח ד ר, אַ ר ב י׳ן, און האָבן אַהיים; איך האָב גאָרנישט... גיי אום אין די גאַסן, לערן ניט און האָב קיין היים אויך ניט!" — און ווי האָט ער מ ק נ א געווען יענע אינגלאַך, און ווי פֿלעגט ער גאָט בעטן, ער זאָל ווידער האָבן אַ ר ב י׳ן, אַ ח ד ר! זאָל כאָטש דער ר ב י שלאָגן, נאָר אַ ח ד ר, אַ ר ב י׳ן און לערנען!... קיין היים האָט ער שוין ניט געבעטן. ווי קאָן ער שוין אַ היים האָבן, אַז ער האָט קיין מאַמען ניט?

איינמאָל, פֿאַרבײַגייענדיק אַ ח ד ר, וואו אַ נײַמאָדישער ווילנער מ ל מ ד האָט מיט זײַנע ת ל מ י ד י ם געקנעלט, און דערהערנדיק, ווי דער ר ב י לערנט עפּעס מיט די קינדער מיט אַזאַ שיינעם נ י ג ו ן, האָט ער זיך פֿון אָרט ניט געקאָנט אָפּרײַסן



און האָט אונטער׳ן פענסטער זיך צוגעהערט, וואָס מען לערנט און ווי מען לערנט. פון יענעם מאָל אָן פלעגט ער אַלע טאָג ש ע ו ת גאַנצע שטיין לעבן פענסטער. דאָס הערצל פלעגט אים צעגיין, און ער פלעגט די ווערטער פון פ ס ו ק שלינגען, ביז די אינגלאַך פלעגן אַרויסגיין, אים דערזען און אַוועקטרייבן מיט זידלערייַ און געשרייען: „ג נ ב, ג נ ב!"

איינמאָל האָט ער זיין שוועסטער ש ר ה׳לען באַגעגנט. זי האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז ער איז פון זעליקל שוסטער אַנטלאָפן. יאָסעלע האָט איר דערציילט, און זי האָט אָנגעהויבן וויינען.

— וויין ניט, — האָט ער זי געטרייסט, — איך וועל ניט זיין קיין שוסטער. די מאַמע האָט מיך אין ח ל ו ם געבעטן, איך זאָל

ניט זײַן קײַן שוסטער, איך זאָל לערנען; און איצט לערן איך, אַזױ גוט לערן איך, נאָך בעסער װי בײַ בערלען, ש ר ה׳לע!

— װאו לערנסטו?

— קום, איך װעל דיר װײַזן. — האָט ער װי מיט ש מ ח ה. געענטפערט, און האָט זײַן שװעסטערל צוגעפירט צום פענסטער.—דו הערסט, ש ר ה׳לע? דאָ לערנט מען בעסער און שענער װי בײַ בערלען! דאָ זיץ איך אַלע טאָג און לערן אויך גלײַך מיט אַלע אינגלאך! — האָט ער זײַן שװעסטער מיט פרײד דערציילט. — און פרעג מיך עפּעס, װעסטו זען, װי איך װײס אַלץ, װאָס מען לערנט דאָ אין ח ד ר! און ער האָט פאַר זײַן שװעסטער אָנגעהויבן זאָגן דעם ח ו מ ש מיט דעם זעלבן שיינעם נ י ג ו ן איסוויניק, פונקט װי ער האָט דאָ אונטער׳ן פענסטער געהערט.

— װאו ביסטו? װאו שלאָפסטו? — האָט ש ר ה׳לע מיט געװײן געפרעגט.

— אין ח ס י ד י ם-שטיבל, — האָט ער געענטפערט, — דאָרט איז דער ש מ ש אַ בעסערער, װי אין ב י ת - ה מ ד ר ש, ער טרײַבט מיך ניט אַרויס, װי יענער, װאָס גיט מיר אַ פ י ל ו אַ ח ו מ ש ניט.

— און װאו עסטו, און װאָס עסטו, מײַן אָרימער יאָסעלע? — האָט זי װײַטער געפרעגט. יאָסעלע האָט אויף דער ש א ל ה ניט געװאוסט, װאָס צו ענטפערן, גלײַך װי ער װאָלט זי צום ערשטן מאָל געהערט, און האָט געשװיגן, נאָר טרערן האָבן זיך באַװיזן אין זײַנע אייגלאך.

— קום מיט מיר, מײַן טײַערער יאָסעלע! איך װעל מיט דיר מײַן לעצטן ביסן טײלן! האָט דאָס גוטע שװעסטערל כליפּענדיק געזאָגט. קום, האָב קײַן מ ו ר א ניט, מײַן באַלעבאָס װעט מיר גאָרנישט טאָן, אַז איך װעל דיר אַ האַלב פון מײַן װאַרמעס און װעטשערע אָװעקגעבן!

און זי האָט אים צו זיך אַװעקגעפירט, מיט אים דעם ביסן

געטײַלט. ר׳ געצל דעם שנײַדער איז דאָס ד ו ח ק אַ געפעלן, וואָס ש ר ה׳לע האָט אַזאַ גוט האַרץ. „אַ ר ח מ נ ו ת איז דאָך טאַקע אויף דעם אָרימען קינד!“ — האָט ער געזאָגט און האָט ש ר ה׳לען אַ וואָרט ניט איבערגערעדט, ווען זי פלעגט יעדעס מאָל פון איר פרישטיק און מיטאָג אַ העלפט פאַר איר ברודערל באַהאַלטן. ש ר ה׳לע האָט פון אירע עטלאַכע גראָשן, וואָס פלעגן איר צופאַלן פון אָפּטראָגן אַ שטיקל אַרבעט, געקויפט פאַר איר ברודערל אַ העמדל און אַ פּאָר זעקלאַך. שיכלאַך גאַנצע, האָט אים נאָך זײַן גוטע מאַמע פאַר איר טויט פאַרזאָרגט. ש ר ה׳לע פלעגט אים אויסקעמען, אָרומוואַשן, אים געבן זײַן ח ל ק פרישטיק, און יאָסעלע איז גליקלאַך געווען, גליקלאַך דערמיט, וואָס קײנער שלאָגט אים ניט, און נאָך גליקלאַכער — וואָס ער לערנט, כאָטש אויפ׳ן גאַס, אונטער אַ פענסטער ערגעץ. נאָר די טעג זײַנען נאָך געגוג וואַרימע, די פענסטער כ מ ע ט אַלע אָפן, און ער הערט אַ ן פאַרנעמט קלאָר יעדעס וואָרט, וואָס דער ר ב י לערנט דאָרט אינעווײניק, און ער געדענקט אַזוי גוט דעם נ י ג ו ן דעם שײנעם מיט אַלע טײַטש־ווערטער, אַז עס ווילט זיך אים אַמאָל אונטערזאָגן יענעם אינגל, וואָס בלײַבט שטײן בײַ אַ וואָרט און ווײס ניט דעם „טײַטש“. ניט די ז ל ז ו ל י ם פון די ח ד ר־אינגלאַך, ניט זײער שפּײַען אויף אים דורכ׳ן פענסטער האָבן אים געקענט אָוועקטרײַבן פון זײַן ליב ערטל, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט. ער לערנט... מער ווי דאָס האָט אים ניט געפעלט און דאָס האָט ער דאָ!

אײנמאָל האָט אַ אינגל פון ח ד ר — צי געַרן, צי אומגערן — אַרויפגעגאָסן אויף אים אַ טאַש הײסע טײ. יאָסעלע האָט אַ האַרצ־רײַסנד געשרײ געטאָן. דער מ ל מ ד איז אַרויסגעלאָפן, אים אין ח ד ר אַרײַנגעפירט. צום גליק איז די טײ ניט שטאַרק הײס געווען, און קײַן בלאָזן אויף זײַן לײַבעלע זײַנען ניט אויפגעלאָפן.

— אינגעלע, ווער ביסטו? וואָס טוסטו דאָ? — האָט דער מ ל מ ד מיט מיטלײד געפרעגט.

— איך לערן דאָ! — האָט יאָסעלע ב ת מ י מ ו ת ווײַנענדיק געענטפערט.

— וואו? וואָס? דאָ אויפ'ן גאַס?

— מײַן מאַמע איז געשטאָרבן, — האָט דאָס קינד דערקלערט,

— איך האָב קײַן ח ד ר ניט, הער איך דאָ אונטער'ן פענסטער אַלץ, וואָס איר לערנט מיט אײַערע אינגלאַך.

— נו, זאָג, אַ ד ר ב ה, וואָס קענסטו שוין פון אַזאַ לערנען? — איז דער מ ל מ ד מ׳שיקאַווע געווען. און יאָסעלע האָט אָנגעהויבן אויסוויײַניק איבערצוזאָגן אַלץ, וואָס ער האָט געדענקט פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט ביז איצט.

דער מ ל מ ד האָט זיך גע׳ח י ד ו ש׳ט, געקוועטשט מיט די פלײצעס, דאָס אָרימע קינד געגלעט איבער'ן קעפל און איז אַ ב ע ל ן געווען, אים צו לאָזן קומען אַלע טאָג אין ח ד ר אַרײַן. נאָר די ת ל מ י ד י ם זײַנע, און די באַלעבאָסטע פון דעם הויז, וואו דער ח ד ר איז געווען, האָבן אים געזאָגט, אַז דאָס אינגעלע, דאַכט זיך גאָר אַ נעבאַכל, איז אָבער אַ באַוואוסטער ג נ ב און אַז איבער אים האָט בערל כ מ ע ט זײַן גאַנצן ח ד ר פאַרלאָרן, און עס איז ניט כ ד א י אַזאַ אין ח ד ר אַרײַנצולאָזן. דעריבער האָט דער מיטלײַדנדער מ ל מ ד יאָסעלען געזאָגט, אַז אונטער'ן פענסטער מעג ער זיצן אַלע טאָג וויפיל ער וויל, ער זאָל אים נאָר געבן אַ האַנט אויף ח ל ק ל ע ו ל ם - ה ב א, אַז ער וועט קיינמאָל בײַ זײַנע אינגלאַך ניט ג נ ב'ענען. די ח ד ר-אינגלאַך האָט ער געגעבן צו פאַרשטײן, ווי גרויס די ע ב ר ה איז, זיך צו רײַצן און נאָך באַלײדיקן אַן אָרים קינד, אַ י ת ו ם, וואָס האָט ניט קײַן מאַמען, וואָס זאָל אים געבן אין אַ ח ד ר, כאָטש ער וויל לערנען און קען לערנען, אַ ד ר ב ה, עס איז אַ מ צ ו ו ה אים צו העלפן, מיט וואָס איינער קען, און ניט זשאַלעווען אַמאָל אַ שטיקל ברויט אים צו דערלאַנגען דורכ'ן פענסטער, אַנשטאָט צו שפײַען אויף אים!

פון יענעם טאָג אָן האָבן די ח ד ר-אינגלאַך אָנגעהויבן ר ח מ נ ו ת

האָבן אויף יאָסעלען, און אָפט פלעגט אים נאָך ווער פון זײַ דורכ'ן פענסטער דערלאַנגען אַ שטיקל ברויט מיט פוטער, אַ האַלבן בײַגל, וואָס פלעגט אים בלײַבן פון אײַגענעם פרישטיק, און יאָסעלען איז ליכטיק אין די אויגן געוואָרן. וואו צו נעכטיקן האָט ער שוין אויך געהאַט: ער איז מיט'ן אַלטן ש מ ש פון ח ס י ד י ם-שטיבל דורכגעקומען: פאַר'ן אויסקערן דאָס שטיבל אַלע פרימאָרגן און פאַר אָנגיסן וואַסער אין האַנטפאַס, האָט ער אים געלאָזט שלאָפן צווישן אויוון פראַנק און פרײַ אַ גאַנצע נאַכט. גערדאַוונט האָט ער שטענדיק אין „ע ו ל מ'שן" ב י ת - ה מ ד ר ש. אין ב י ת - ה מ ד ר ש פלעגט ער אויך אַמאָל אַ ח ו מ ש באַקומען, וואו כאָטש איבערצוח ז ר'ן דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל בײַם טאַטן און בײַ ר' בערלען געלערנט. און ווי גליקלאַך איז ער געוואָרן, אַז זוכנדיק אַמאָל אַ ח ו מ ש, האָט ער עפּעס אַ ס פ ר געעפנט, און אים האָט זיך אויפגעמישט אָט די פּאָר קאַפּיטלאַך י ש ע י ה, וואָס ער האָט אויסגעלערנט בײַ דעם ווילנער מ ל מ ד אונטער'ן פענסטער! ער האָט איצט ב ח ו ש געזען, וואָס ער האָט אויסווייניק געלערנט. די א ו ת י ו ת און די ווערטער זײַנען אים אַזוי ליב, אַזוי טײַער געוועזן, אַז אים האָט געדאַכט, זײַנע אײַגלאַך זײַנען אים גאָר ליכטיקער געוואָרן, און ער האָט די פּאָר קאַפּיטלאַך עטלאַכע מאָל איבערגעח ז ר'ט.

— אינגעלע, דו קענסט שוין „שוואַרבע" (ע ש ר י ם ו א ר ב ע ה)?

— האָט אים אַ איד געפרעגט, זעענדיק, ווי ער לערנט אַזוי פלײַסיק.

יאָסעלע האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס ער לערנט איצט, רופט מען עס „שוואַרבע". ער געדענקט נאָר, אַז זײַן ר ב י ר' בערל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דעם אַנדערן ז מ ן וועט ער מיט אים אָנהייבן „שוואַרבע". און ער האָט זיך איצט פאָרגענומען צו בעטן זײַן שוועסטער ש ר ה'לען, זי זאָל אים קויפן אַזאַ שוואַרבע, וועט ער אַלע נאַכט קענען אַ פ י ל ו אין ח ס י ד י ם-שטיבל לערנען און ח ז ר'ן.

נאָר דאָ האָט זיך אַן אומגליק געטראָפֿן: ביי געצל שניידער איז פּלוצלונג פאַרפאַלן געוואָרן אַ שטיקל טייערע צודאַט פֿון אַ ג ב י ר ה׳ס אַ קלייד, און דער ח ש ד איז געפאַלן אויף יאָסעלען. ש ר ה׳לע האָט אומזיסט געוויינט און געשוואָרן, אַז ניט זי, ניט איר עלנד ברודערל ווייסן פון דער ג נ ב ה, געצל אָבער האָט איר געענטפערט:

— דו ביסט טאַקע אַן ערלאַך קינד, פאַר ד י ר וועל איך אַליין שווערן, אָבער פאַר דיין ברודערל וועל איך ניט ע ר ב זיין! אַז אַ וועלט שרייט, מוז דאָך עפּעס זיין!... נאָר צו וואָס ברויך איך אים ח ו ש ד זיין? טאָמער ניט, האָב איך נאָר אַן ע ב ר ה. און צו וואָס טויג עס מיר? זאָל ער בעסער ניט גיין אַהערצו, וועל איך אים אַ ו ו ד א י ניט ח ו ש ד זיין. ווילסטו אים פון דיין עסן וואָס געבן, קיין ע ו ו ל ה ניט; אָבער גיב אים אַמאָל אין אַ וואָך, אָדער מאַך עס אַזוי, אַז דו זאָלסט קיין צייט ניט צעשלאָגן און ער זאָל אַהערצו ניט ברויכן קומען, פאַרשטייסט?

און אַז יאָסעלע איז באַלד דערויף געקומען, האָט זיך ש ר ה׳לע אויסגעוויינט גאַנץ גוט, געבעטן אים, ער זאָל צו איר קומען נאָר ש ב ת: דער באַלעבאָס וויל ניט ליידן; זי וועט זוכן אַן ע צ ה, ווי אים זיין ח ל ק עסן איבערצוגעבן. — „וואָלט י ו נ ה אַזוי ווייט ניט געוואוינט, — האָט זי געזאָגט, — וואָלט איך אַלע טאָג ביי י ו נ ה׳ן פאַר דיר עפּעס לאָזן. נאָ דיר דערווייל עטלאַכע קאָפּיקעס, ווערסטו זיך קויפן. גיי, מיין אָרים ברודערל, אונזער מאַמעס ז כ ו ת וועט דיר ביישטיין, און גאָט וועט מיר צושיקן אַן ע צ ה, ווי דיך ניט צו לאָזן הונגערן גאַנצע טעג!“

— קויף מיר אַ שוואַרבע, ש ר ה׳לע! — האָט ער קלאָגנדיק געבעטן. — נעכטן איז שוין אין ח ד ר צוגעמאַכט געוועזן דאָס פענסטער, און איך האָב שוין גאָר ניט געהערט, וואָס דער ר ב י האָט דאָרט געלערנט. אַז איך וועל האָבן אַ שוואַרבע, וועל איך ביי־

נאַכט אין „שטיבל“ אַלײן לערנען. שװאַרבע, ש ר ה׳לע, איז אַזאַ גוטע זאַך; איך װאָלט גאַנצע טעג נאָר לערנען שװאַרבע.

ש ר ה׳לע האָט אים צוגעזאָגט צוזאַמענצוקלײַבן געלט אויף אַ שװאַרבע, און יאָסעלע איז אַן אַמעטיקער אַװעק צום ח ד ר. דאָ האָט ער דערזען, װי מען שטעלט אַרײַן די דאָפּלטע פענסטער, מען פאַרשמירט און מען פאַרקלעפּט אַלע שפּאַלטן. ער הערט נאָך אַ פ י ל ו לערנענדיק דאָרט אינװײניק, אָבער נאָר אַ ק ו ל, אָן װערטער, הערט ער... און ער זעט אײַן, אַז ער האָט שוין מער ניט, װאָס צו לערנען. ער איז נאָך אַ צײַט געזעסן אונטער׳ן פענסטער װי אַלע מאָל, אָבער ענדלאַך איז ער אַװעק, און דאָס הערצל האָט אים װײ געטאָן זיך צו געזעגענען מיט דעם ערטל, װאָס איז אים אַזוי ליב און טײַער געװאָרן.

אויף מאָרגן האָבן זיך טאַקע אָנגעהויבן די קאַלטע רעגנס מיט די גרויסע און טיפע אָסיענדיקע בלאָטעס, די קאַלטע גרויע טעג מיט די פינסטערע, שװידעריקע נעכט; און דעם אָרימען קינד איז ערשט רעכט פינסטער און שװידעריק געװאָרן. אין שטיבל האָט ער בײַטאָג ניט געקענט זײַן: באַלד נאָכ׳ן דאַװנען פלעגט דער ש מ ש דאָס שטיבל פאַרשליסן און אַלײן ערגעץ אַװעקגײן. פון ב י ת - ה מ ד ר ש האָבן אים די י ש י ב ה - ב ח ו ר י ם מיט׳ן ש מ ש, שטענדיק אַרויסגעטריבן, און ער האָט קײן ב ר י ר ה ניט, ער בראָדיעט אום, אויסגעװײקט פון רעגן, דורך די בלאָטיקע גאַסן, ביז עס קומט מ נ ח ה-צײַט, און ער מעג פראַנק און פרײַ אין ב י ת- ה מ ד ר ש אַרײַן. אַ פּאָר טעג האָט ער אַזוי דורכגעלעבט; נאָך אויפ׳ן דריטן טאָג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין פון די עטלאַכע קאָפּיקעס ניט, מיט װאָס זיך ברויט צו קויפן. ער שטײט שוין אַ גאַנצע ש ע ה ערגעץ אונטער אַ ברעג דאַך, באַהאַלט זיך פון רעגן. דאָס הערצל ח ל ש׳ט: עס איז שוין נאָך האַלבן טאָג, און ער האָט נאָך אין זײַן מויל ניט געהאַט. ער געדענקט דעם

ח ש ב ו ן ניט, און פּרוּאווט נאָך זוכן אין די קעשענעס זײַנע, טאָמער איז נאָך דאָ אַ קאָפּיקע. ער זוכט, טאַפּט, נישטאָ! ער דערמאָנט זיך — עפּעס איז דאָך דאָ אַ מאַרק אויף דער וועלט, און דאָרט פּלעגט ער דאָך געפינען אַמאָל עפּעס, מיט וואָס דאָס הערצל אוטערצולענען. און ניט קוקנדיק אויפ׳ן רעגן און בלאָטע, לאָזט ער זיך צום מאַרק; נאָר אָט איז ער שוין דאָרט און געפינט דעם גאַנצן פּלאַץ פּאַרלאָזן און ליידיק. ער דערמאָנט זיך דאָס טײַטש-וואָרט: „ת ו ה ו ו ב ו ה ו" — „וויסט און לער!" — רעדט ער פאַר זיך. — „פּונקט אַזוי זעט אויס דער מאַרק! — עס זעט זיך שוין כ מ ע ט א פ י ל ו די בלאָטע ניט אַרויס. וואַסער בלאָטיקע, אויף דער אויבערפלאַך פון אָפּגרונד!" — טראַכט ער. — „נישטאָ קיין ווײַבער מיט אויבס, נישטאָ קיין ג ו י י ם מיט וועגן. אַנשטאָט ערגעץ אַ שטיקל אַרומגעוואָרפענע עפּל, אַנשטאָט אַ מערל, וואָס וואָלט אים איצט מ ח י ה זײַן, זעט ער אויפ׳ן גאַנצן טײַך נאָר רעגנבלעזלאַך, וואָס ווערן און פאַרשווינדן אָן אַ ש י ע ו ר, אָן אַ צאָל.

עס פאָלט אים אײַן צו פּרוּאוון ציילן די בלעזלאַך, און ער פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע, אַז ער איז הונגעריק, און צוליב וואָס ער איז געקומען אַהערצו. ער ציילט און ציילט און עפּעס דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס זײַנען ניט קיין פ ש ו ט ׳ע בלעזלאַך, נאָר אויגן אַזעלכע, וואָס קוקן אויף אים... „אַ פ ש ר זײַנען דאָס גאָר נ ש מ ה ׳לאַך? — טראַכט ער. — אָט לעבט אײנע, אָט שטאַרבט אײנע"... דער רעגן ווערט דערווײַל גרעסער, און פּלוצלונג — אויס בלעזלאַך!... „אַלע נ ש מ ה ׳לאַך אויסגעשטאָרבן, אין הימל אַרײַנגעפלויגן, גאָט האָט זײ צוגענומען!"—טראַכט ער פאַר זיך. נאָר לאַנג טראַכטן קען ער ניט. ער פילט, ווי דאָס וואַסער קריכט שוין אַרײַן אין די שיכלאַך זײַנע; דער רעגן נעמט אים דורך ביז׳ן לײַבעלע, ער טוט אַ ציטער און הײבט אָן לויפן צוריק. וואוהין צוריק? ער ווייס אַליין ניט, נאָר עס ציט אים נעגטער צום ב י ת - ה מ ד ר ש.

אָט איז ער אין פאָרהויז: ער דערזעט דעם ש מ ש און וויל שוין מאַכן פ ל י ט ה. נאָר עפּעס איז דער ש מ ש צו אים אַזוי גוט היינט, ער טרייבט אים ניט נאָר ניט אַרויס, נאָר ער דערלאַנגט אים נאָך אַ בעזים אָפּצוריַיניקן די בלאָטע פון זיינע פיסלאַך, און הייסט אים אַריינגיין אין ב י ת - ה מ ד ר ש זיך אָפּטריקענען ביים אויוון. ער איז הונגעריק. ער זיצט לעבן אויוון, טריקנט זיך און וואַרימט זיך, ביז מען האָט אָנגעהויבן דאַווענען מנחה. צווישן מ נ ח ה און מ ע ר י ב כאַפּט ער אַ דרעמל. נאָר אָט גיט מען אַ קלאַפּ אויפ׳ן ב י מ ה און מען זאָגט „ו ה ו א ר ח ו ם“. ער טשוכעט זיך אויס, דאַוונט מ ע ר י ב און זאָגט ק ד י ש. דער ב י ת - ה מ ד ר ש ווערט ליידיק, די י ש י ב ה - ב ח ו ר י ם פאַרמאַכן די ג מ ר א׳ס. יאָסעלען הייבט אָן מוטשען דער הונגער, ער ח ל ש׳ט כאָטש עפּעס נעמען אין מויל, און ער לאָזט זיך גיין צוריק אַהיים, דאָס הייסט צו זיין נאַכט-לעגער אין ח ס י ד י ם-שטיבל.

פאַרביי־גייענדיק אַ נידעריק, אָרים שטיבעלע, דערזעט ער דורכ׳ן פענסטער, ווי אַ מאַמע מיט קינדער זיצן אַרום טיש און עסן וועטשערע. ער דערמאָנט זיך אָן זיין מאַמען און איז מ ק נ א יענע קינדער, וואָס האָבן אַ מאַמען, אַ היים און וועטשערע. עס ווערט אים עפּעס אַזוי ביטער צו מוט, אַזוי פינסטער אין די אייגלאַך, אַז ער קען ניט וויַטער גיין. אַ היבשע ווײַלע שטייט ער אַזוי און קוקט נאָך אין פענסטער. „כאָטש איין שטיקל ברויט אַז איך זאָל האָבן!“— טראַכט ער, און דער הונגער גיט אים מוט אַריינצוגיין בעטן אַ שטיקל ברויט, וואָס ביז איצט האָט ער עס נאָך קיינמאָל ניט געפּרואווט. די אידענע נעמט צוזאַמען די געבליבענע שטיקלאַך ברויט פון טיש און דערלאַנגט אים. ער גיט נאָר אַ קוק אויף איר אַזוי רירנד, אָבער אַ דאַנק זאָגן קען ער ניט און לויפט אַרויס מיט אַ ש מ ח ה. גייענדיק עסט ער דערווייל צו ברעקלאַך. „ווייניקער ווי אַ כ ז י ת מעג מען עסן אומגעוואַשן.“ — געדענקט ער, האָט אים זיין טאַטע אַמאָל געזאָגט. — „אין „שטיבל“ וועל איך זיך וואַשן!“—און ער לויפט מיט

אימפּעט צום „שטיבל“. דאָ האָט ער זיך באַלד געוואַשן און אויפגע־געסן דאָס איבעריקע, כאָטש עס איז שוין פיל ניט געבליבן; אָרונ־טערגעלייגט דאָס מויל אונטער׳ן קראַן פון האַנטפאַס און זיך אָנגע־טרונקען, געבענטשט, ק ר י א ת - ש מ ע געלייענט און זיך שלאָפן געלייגט. פאַר טאָג, אַז דער ש מ ש האָט אים אויפגעוועקט אויס־קערן דאָס שטיבל, האָט אים דער קאָפּ עפּעס אַזוי וויי געטאָן, אַזוי שווער געווען די אויגן צו עפענען און אויפצושטיין, אַז קוים איז דער ש מ ש אַוועק פון אים, איז ער באַלד ווידער איינגעשלאָפן. צום צווייטן מאָל וועקן האָט ער זיך מיט אַלע כ ו ח ו ת אַ ביסל אויסגע־טשוכעט, אויסגעגענעצט און איז אויפגעשטאַנען. אַ גאַנצן טאָג האָבן אים אַלע ביינער געבראָכן, און אַזוי קאַלט ווי היינט איז אים נאָך קיינמאָל ניט געווען. און ווידער בראָדיעט ער אין די בלאָטעס, און ווידער קומט ער אין ב י ת - ה מ ד ר ש, דאַוונט מ נ ח ה און זאָגט ק ד י ש, דאַוונט מ ע ר י ב און זאָגט ווידער ק ד י ש, נאָר דאָס ק ו ל׳כל זיינס ציטערט און איז צעבראָכן, דער אָטעם קורץ, און ער בלייבט שטיין ווי אָפּגעהאַקט נאָך יעדע עטלאָכע ווערטער. — ער פילט, ער איז קראַנק. — „נאָר דאָס איז פון דעם וואָס איך האָב היינט ניט געגעסן!“ — טראַכט ער. — „אַז איך וועל אָפּעסן, וועל איך געזונט ווערן!“ — טרייסט ער זיך. און עס בלייבט ביי אים נאָך אַ מאָל אַריינצוגיין אין יענעם שטיבעלע, וואו ער האָט נעכטן אַ שטיקל ברויט באַקומען. נאָר היינט טרייבט אים אַהין ניט דער הונגער; עפּעס האָט אים אַ גאַנצן טאָג גאָר ניט געהונגערט, נאָר ער וויל בעטן אַ שטיקל ברויט פון ר פ ו א ה וועגן, עס זאָל אים, מיינט ער, דער קאָפּ אַזוי ניט וויי טאָן, און עס זאָלן אים אַזוי ניט ברעכן און ציטערן אַלע גלידער פון קעלט.

— אַלע טאָג ביי מיר, אינגעלע! — באַגעגנט אים די אידענע. — איך בין ניט אייגע אין שטאָט! איך דאַנק גאָט, איך האָב פאַר מיינע אייגענע קינדערלאַך. נעכטן ביי מיר, גיי היינט, אינגעלע, צו אַן אַנדערן אַריין!

יאָסעלע האָט שוין ח ר ט ה און וויל שוין אַרויסגיין אָן אַ ר פ ו א ה, נאָר די אידענע נעמט אים אָן פאַר דער האַנט און זאָגט: „קום, איך וועל דיר ווייזן וואוהין אַריינצוגיין. און ער פאָלגט און גייט אַריין גלייך אין אַ קיך ארגעץ. און דאָ איז אַזוי ליכטיק, אַזוי וואַרים!... „אַז איך זאָל קענען זיך דאָ אָנוואַרימען, אויסשלאָפן, וואָלט איך באַלד געזונט ווערן!“ — טראַכט ער. — „ניין, עסן וויל איך גאָר ניט!“ — נאָר אין קיך איז קיינער נישטאָ, און ער בלייבט שטיין ביים טיר. באַלד איז די קעכן אַריין און האָט זיך ווי דער-שראָקן. אויפ'ן טיש האָבן זיך געוואַלגערט זילבערנע לעפל.

— ווי אַזוי ביסטו אַהער אַריין? — האָט די קעכן געפרעגט, איבערציילנדיק דאָס זילבער.

— אַזוי! — האָט יאָסעלע געענטפערט.

— אַ קלאָג צו כאַצקלען! — האָט די קעכן געשאָלטן. — לאָזט דאָס זילבער אויפ'ן טיש און גייט זיך אַרויס, כאַטש צעטראָג דאָ די גאַנצע קיך! האָסט שוין עפּעס וואָס גענומען דאָ, אינגעלע?

— גאָר נישט גענומען, אָנוואַרימען זיך אַ ביסל, וועל איך געזונט ווערן, וועל איך באַלד אַוועקגיין! — האָט יאָסעלע געענטפערט. — איך וויל קיין שטיקל ברויט אויך ניט אַ פ י ל ו...

אין די רייד איז כאַצקל אַריינגעקומען. ניט ווייסנדיק, איז יאָסעלע צו שוינדעלען אין קיך אַריין. כאַצקל האָט אים באַלד דערקענט.

— זע נאָר, מיט וועמען זי רעדט! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — דאָס איז דאָך דער ג נ ב, וואָס טוט ער דאָ? געקומען עפּעס צולאַפּן, י מ ח ש מ ו! — מיט די רייד האָט ער יאָסעלען אַ שלעפּ געטאָן צו זיך: „זאָג, ג נ ב, וואָס טוסטו דאָ? האָסט פאַר-געסן אַ פּ נ י ם מיינע אַמאָליקע קלעפּ, אַז דו קומסט שוין ווידער? נאַ! — האָט ער אים אַ פּאַטש אַראָפּגעלאָזן. — און געדענק, אַז

עס איז דאָ אַ כאַצקל אויף דער וועלט; און אַ טויט וועט ער דיר מאַכן, אַז דיין פּוס וועט דאָ אויף דער שוועל אַרויפנאָך אַמאָל!"

— שלאָג אים ניט, כאַצקל, אַיינגעשלאָגן זאָלסטו ווערן פון גאָט! — האָט די קעכן געשריען. — ווי האָט מען דאָס אַזאַ הארץ אַזאַ קראַנק קינד אַזוי צו שלאָגן?

נאָר כאַצקל האָט זיך זיינס געטאָן און יאָסעלען ווייטער גע־שלאָגן. „זאָל ער וויסן פון נאָך אַמאָל וועגן! — האָט ער געשריען.— פּאַר שייַנדעלען זאָל איך אַזוי מ ו ר א האָבן לעבעדיקערהייט, ווי איך האָב מ ו ר א פּאַר זיין מאַמען טויטערהייט. אַ ג נ ב מעג מען שלאָגן, נ ש ק ש ה!"

— אָבער ער האָט נאָך גאָרנישט גע'ג נ ב'עט, אַן איינבראָך אויף דיר! — האָט די קעכן גע'ט ע נ ה'ט. — לאָז אים אָפּ! אַ קראַנק קינד, מיינע ש ו נ א י ם זאָלן זיין פּ נ י ם און זיין געזונט האָבן!

— פּריער אים אויסטרייסלען, זען, צי האָט ער דאָ ניט עפּעס צוגענומען, — האָט כאַצקל נאָכגעגעבן, — דערנאָך אַרויס!

און כאַצקל האָט גענומען יאָסעלען טרייסלען, זוכן אין זיינע קעשענעס, אָבער ער האָט גאָר נישט געפונען. דיין גליק, וואָס דו האָסט נאָך קיין צייט ניט געהאַט עפּעס צוצונעמען. איך וואָלט דיך אַ לעבעדיקן ניט געלאָזן, — מאַרש, אַרויס! און פאַרזאָג דיינע אור־אייניקלאָך אין כאַצקלס האַנט ניט אַריינצופאַלן!

מיט די ווערטער האָט כאַצקל די טיר געעפנט און מיט עטלאַכע זעצן אין זייט און אין רוקן דאָס צעטומלטע, האַלב טויטע קינד פון אַלע טרעפּלאַך אַראָפּגעשליידערט. אַ היבשע ווײַלע איז יאָסעלע ליגן געבליבן אויפן גאַס, ניט וויסנדיק און ניט פילנדיק, וואָס מיט אים טוט זיך; נאָר די קעכן, וואָס איז טשיקאַווע געוועזן צו וויסן, צי ער האָט נאָך כ ו ח אַהיים צו גיין, איז אַרויס, אים צוגעהאָלפן זיך אויפהייבן און אים געהייסן גיין אַהיים.

יאָסעלע איז נאָך געגאַנגען עטלאַכע טריט אַליין; באַלד אָבער

האָבן זיך אים די פּיסלאַך אונטערגעבראָכן, און ער האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות קוים צום פּאַרקן צוגעשלעפּט. דאָ האָט ער זיך אַנידערגעזעצט, געמיינט — אָפּרוען זיך אַ ביסל; נאָר באַלד האָט ער זיך פאַרגעסן, וואו ער איז. פּײַערדיקע רעדער האָבן זיך געדרייט פאַר זײַנע אייגלאַך, און דאַכט זיך, אַזוי פינסטער אַרום אים; פונדעסטוועגן זעט ער עפּעס מענשן, אַזעלכע מאָדנע הויכע מענשן, מיט דרײַ נעזער, מיט פינף נעזער — מיט אַ סך קעפּ. זיי זעען אויס ווי כאַצקל, ווי שיינדעלע: דיקע, הויכע ביז'ן הימל... ער שרעקט זיך פאַר זיי, ער ציטערט, זיי ווילן אים שלאָגן. נאָר אָט, דאַכט זיך, שטייט די מאַמע זײַנע, זי וויינט, זי גלעט אים, זי לייגט אים אין בעט, טוליעט אים. נישטאָ מער קיין מענשן, די מאַמע אויך נישטאָ... נאָר שרה'לע שטייט לעבן אים און גיט אים אַ שוואַרבע, אַ טײַערע שוואַרבע מיט רויטע גרויסע אותיות, און די אותיות טאַנצן, שפּרינגען... און אָט הערט ער, ווי דער טאַטע הוסט און הוסט; נאָר עפּעס דאַכט אים, אַז ניט דער טאַטע, נאָר ער אַליין הוסט עס, און נאָך יעדן הוסט שטעכט אים אַזוי אין זײַט... ער טאַפּט מיט דער האַנט, וואָס שטעכט אים אַזוי? ער הערט, ווי ער קרעכצט, דער אָטעם איז אים אַזוי שווער, און אַזוי קרעכצט ער ווײַטער, ביז ער ווערט אַנטשלאָפן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט, געגאָסן, אַ לעבעדיקער מענש איז אויפ'ן גאַס ניט אַרויס. פאַר טאָג ערשט, אַז ר' שואל דער שוחט איז אין שלאַכטהויז געגאַנגען, מיט די חלפים אין איין האַנט און מיט זײַן גרויסער לאַמטערנע אין דער אַנדערער, האָט ער אין וועג יאָסעלען געפונען.

ר' שואל איז בכלל קיין פּחדן ניט געווען, פון דעסט־וועגן איז ער מיט שרעק אָפּגעשפּרונגען צוריק, אַז ער איז צו נעענטער און דערזען — עס ליגט אַ קינד און קרעכצט.

— וואָס קען עס זײַן? וואָס זאָל עס באַדײַטן? — פרעגט זיך

ר׳ ש ו א ל. — אין אַזאַ נאַכט, וואָס אַ הונט איז אויפ׳ן גאַס ניט אַרוים, ווי קומט עס? עפּעס ניט גלאַט!

ער האָט די לאַמטערנע צוגערוקט נענטער און האָט דערזען: „אַ אידיש קינד, אויף מײַן וואָרט! וואָס איז דאָס? ניין, מען טאָר אַזוי ניט פאַרבײַגײַן, איך מוז באַלד געוואָר ווערן!“ — און ש ו א ל



האָט זיך אײַנגעבויגן, אַ טאַפּ געטאָן דאָס קינד. — „אַ טשיקאַווע זאַך: — האָט ער ווידער געזאָגט: — אַ וואַרים קעפּל... איך האָב געמיינט, עס וועט זײַן דערפראָרן; נאַ דיר גאָר — היים ווי פײַער, אַ טשיקאַווע זאַך!“

— שטײַ אויף, אינגעלע! — האָט ש ו א ל אָנגעהויבן עס וועקן. — שטײַ אויף! — האָט ער עס פאַר׳ן קעפּל אויפגעהויבן.

יאָסעלע האָט די אויגן געעפֿנט.

— אוי, די זײַט! — האָט יאָסעלע געקרעכצט.

— ווער ביסטו, אינגעלע? זאָג, ווער ביסטו? — האָט ש ו א ל עטלאַכע מאָל איבערגעפֿרעגט, ביז ער האָט עס פֿאַנאַנדערגעטשוכעט.

— יאָסעלע! — האָט דאָס אָרימע קינד קוים אַרויסגערעדט.

— וועלכער יאָסעלע? — האָט ש ו א ל ווידער געפֿרעגט.

— דער ג נ ב!

— דער ג נ ב? יאָסעלע? א ו ו ד א י כיענעם אינגל!

— מײַן מאַמע איז דאָ ערשט געוועזן! — האָט דאָס קינד געקרעכצט.

— דײַן מאַמע איז געשטאָרבן, נאַרעלע, דעריבער וואַלגערסטו זיך אַזוי אויפֿ׳ן גאַס! — האָט ש ו א ל ווי פֿאַר זיך גערעדט. — נאָר זאָג מיר, ווי טוסטו אַזאַ נאַרישקײַט און לײַגסט זיך שלאָפֿן אין אַזאַ שלאַגסרעגן אויפֿ׳ן גאַס? וואָס ביסטו אַהײם ניט געגאַנגען? נאָך צו מ ע ר י ב נעכטן האָב איך דיך געזען און האָב געמיינט, די גײסט אַהײם.

— איך האָב קײן הײם ניט! — האָט יאָסעלע קוים אַרויס-געקרעכצט.

— ביסטו דאָך טאַקע גאָר ניט קלוג. — האָט אים ר׳ ש ו א ל צו פֿרשטײן געגעבן. — איך האָב געמיינט, ביסט אַ קלוגער אינגל. נאַרעלע, אַז דו וואָלסט צו מיר אַרײַנגעגאַנגען נעכטיקן, וואָלט איך דיך אויך ניט אַרויסגעטריבן. ווי נעכטיקט מען דאָס אין אַזאַ קעלט און רעגן אויפֿ׳ן גאַס? עס איז דאָך ס כ נ ת - נ פ ש ו ת!

יאָסעלע האָט שוין ניט געענטפֿערט. עס האָט אים אָנגעהויבן וואַרפֿן אין קעלט, און ר׳ ש ו א ל האָט געהערט, ווי עס טרײסלען זיך אים די צײנדלאַך אין מויל.

— זעסטו, — האָט ער געזאָגט מיט ר ח מ נ ו ת, — האָסט זיך טאַקע שוין צוגעקילט! קום מיט מיר, איך וועל דיך אין אַ שטוב

אַרײַנפירן. קײן איד װעט דיך ניט אַרױסטרײַבן, װעסט זיך אָנ־װאַרימען אַ ביסל. — יאָסעלע האָט ניט געענטפערט.

— װאָס שװײַגסטו, נאַרעלע? קום גיכער. — האָט ר׳ ש ו א ל מיט ר ח מ נ ו ת אים אָנגענומען. — קום, מײַן קינד, איך האָב מ ו ר א, דו ביסט שױן גוט קראַנק... אַזאַ נאַרישקײַט, אַזאַ נאַריש־קײַט! איך פאַרשטײ עס גאָר ניט, װאָס האָסטו זיך ל כ ת ח י ל ה געקלערט, אַז דו האָסט זיך דאָ שלאָפן געלײגט?

און ר׳ ש ו א ל האָט אים געפּרואװט פּאַר אַ הענטל אָננעמען, אים אַרײַנפירן ערגעץ, נאָר דאָס עלנדע קינד האָט שױן אױף די פיסלאַך זיך ניט געקענט שטעלן.

— ביסט גוט קראַנק, אָרים קינד! — האָט דער אַלטער איד מיט אַ שװערן זיפץ אַרױסגערעדט. — װאָס טו איך מיט דיר?

ער האָט די ח ל פ י ם זײַנע אין בוזים אַרײַנגעשטעקט, גע־נומען יאָסעלען אױף די הענט, זיך געװאונדערט, װי גרינג ער איז. „װי אַ קינד א פ ש ר פון דרײַ יאָר!" — האָט ער פאַר זיך גערעדט. ער האָט אים צום ב ע ל־טאַקסע געװאָלט אַרײַנטראָגן. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און געזאָגט: „נישט כ ד א י! בעסער צו אַן אַנדער אידן... כאָטש איך האָב גאָר קײן צײַט ניט, די ק צ ב י ם װעלן דאָרט מ ש ו ג ע װערן... זאָלן זײ מ ש ו ג ע װערן! װי דען? לאָזן אים אױפ׳ן גאַס? — נו, אַ מ ע ש ה, אַ מ ע ש ה נ ו ר א, מ מ ש! איך װאָלט עס גאָר אױף דיר ניט גערעכנט, נאַריש קינד!"

און אין ערשטן אידישן פענסטער, װאו עס האָט נאָר אַ שײַן פון אַ ליכט זיך געװיזן, האָט ר׳ ש ו א ל אָנגעקלאַפּט, געבעטן עפענען די טיר.

— אַזאַ מ ע ש ה, אַזאַ מ ע ש ה! האָט ר׳ ש ו א ל געקרעכצט אין שטוב אַרײַנקומענדיק. אַ קינד, נעמט און לײגט זיך שלאָפן

אונטער אַ פּאַרקן, אין אַזאַ נאַכט, ווען ס׳האָט עמערוויַיז געגאָסן!.... האָט קיין ד א ג ו ת ניט, און שלאָפט מ ס ת מ א שטאַרקער, ווי אַ דערוואַקסענער מענש; הערט גאָר ניט, אַז עס רעגנט אויף אים, שלאָפט זיך אָן ד א ג ו ת, און נעמט און קילט זיך צו; און איך האָב מ ו ר א, ער האָט זיך אַ גאַנצע ח ת ו נ ה אָנגעמאַכט... גוט נאָך, וואָס איך האָב דערזען! צו מיין היַים איז אָבער אַ מ ה ל ך ר ב פון דאַנען; בין איך זיך מ י ש ב: אידן זיַינען דאָך אידן; וועלכער איד וועט ניט לאָזן אַ קינד, וואָס וואַלגערט זיך אין אַזאַ נאַכט אויפ׳ן גאַס, צו זיך אין שטוב אַריַינטראָגן, ביז וואַנען וואָס? — אָט האָב איך עס צו איַיך אַריַינגעטראָגן.

— אַ אידיש קינד? — האָט דער באַלעבאָס געפרעגט.

אַ אידיש קינד, אַ י ת ו מ׳ל! נאָך נעכטן צו מ ע ר י ב ק ד י ש געזאָגט נאָך דער מאַמען זיַינער. אַ כ ש ר׳ע פרומע א י ש ה געוועזן, די מאַמע זיַינע!... — דער באַלעבאָס האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם קינד און האָט עס באַלד דערקענט.

— דאָס איז דאָך דאָס אינגעלע, וואָס אַלע רופן אים ג נ ב! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט: עפּעס אַ גאַנצע מ ע ש ה האָט מען מיר אָנדערציַיל‏ט אויף אים. נאָר דאָס איז ניט מיַין זאַך. מיר, זעט איר, איז דאָס אינגעלע ד ו ר ק אַ געפעלן. הערט אויס אַ מ ע ש ה, וואָס קען זיך פאַרלויפן: עפּעס איַינמאָל, באַמערק איך אין ח ד ר, אַז מיַינע אינגלאַך קוקן זיך איטלאַכע וויַילע איַין אין פענסטער און האָבן דאָרט עפּעס צו טאָן מיט איַינעם; בּיַיזער איך זיך אָן אויף זיי און קלער גאָר נישט. נאָר וואָס אַ שייַגעץ אַ אינגל קען! איז זיך אַמאָל מ י ש ב איַינער פון מיַינע ח ד ר־אינגלאַך און נעמט אַ טאַש הייסע טיי און גיסט דורך דורכ׳ן פענסטער און בריט אָפּ עמיצן. איך הער אַ געשריי, איך לויף אַרויס, און דאָס הארץ איז מיר צע־גאַנגען! אָפּגעבריט נעבאָך אָט טאָקע דאָס איַיגענע אינגעלע. — איך דערקען אים גאַנץ גוט. — איך נעם אים אַריַין אין ח ד ר, איך

טו אים אויס די הויזלאַך, אַ דאַנק גאָט! קיין בלאָזן נישטאָ, מ ס ת מ א ניט גאַנץ היים געוועזן די טײַ. נאָך נ י ס י ם, ווי איך בין אַ איד: אינגעלע, וואָס טוסטו דאָ אונטערן פענסטער? — פרעג איך. — איך הער צו, ווי מען לערנט דאָ! — ענטפערט ער מיר.

„וואָס לערנט מען דאָ? — פרעג איך טשיקאַווע. — נו, וואָס מיינט איר? האָט ער מיר ניט אָפּגעזאָגט אַ גאַנצן קאַפּיטל י ש ע י ה אויסווייניק, פּונקט ווי איך לערן מיט מײַנע ח ד ר־אינגלאַך? דאָס האַרץ איז מיר פאַרקלעמט געוואָרן, באַנעמענדיק די גאַנצע אויפ־פירונג פון דעם אינגעלע. און איר מעגט מיר גלויבן, ר׳ ש ו א ל, ווען איך הער ניט מ ן ה צ ד, אַז בערל שעפּטלס האָט צוליב אים פאַרלאָרן אַ האַלבן קנעלונג, וואָלט איך ב ש מ ח ה ר ב ה אים צו מיר אין ח ד ר אַרײַנגענומען און וואָלט מיט אים געלערנט אומזיסט. אין מיטן בין איך דאָ אַ ג ר בײַ אײַך אין שטאָט... און איך ווייס ב א מ ת ניט, ווי געפינט זיך ניט פאַר אַזאַ קינד, וואָס האָט אַזאַ לוסט צו לערנען, קיין ק ר ו ב, קיין ג ו א ל, וואָס זאָל זען, ער זאָל נעבאַך ל א י ב ו ד ניט גיין? נאַ, אַ באַשערטע זאַך מ ס ת מ א! דאַרפט איר גיין אים געפינען אויפ׳ן גאַס נעבאַך, און אים אַרײַנטראָגן צו מיר... דער ר י ב ו נ ו־ ש ל־ ע ו ל ם, אַ פּ נ י ם ווייס, אַז איך האָב ר ח מ נ ו ת אויף אים, האָט ער אײַך אָנגעוויזן מײַן טיר, וואוהין אַרײַנצוגיין! זאָל אײַך זײַן צו מ צ ו ו ה, ר׳ ש ו א ל!

— איך האָב, ב ע ת־ מ ע ש ה, גאָר קיין אַנדער מ ח ש ב ה ניט געהאַט, ווי אַרײַנטראָגן מײַן מ צ י א ה צו ר׳ ש ל מ ה׳ן, אונזער ב ע ל־טאַקסע. — האָט ר׳ ש ו א ל דערציילט. — אין מיטן דערמאָן איך זיך די גאַנצע געשיכטע, וואָס דאָ איז געשען מיט דעם אייגענעם אינגל, צוליב ר׳ ש ל מ ה׳ס ווייב, און גיב ב עת־ מ ע ש ה אַ קלער: א פ ש ר איז דאָס דעם ב ע ל־טאַקסע אונזערן אַ נ י ס י ו ן פון אויבן? ניט כ ד א י, רעכן איך, אַ אידן צו אַ נ י ס י ו ן צו ברענגען, אין וועלכן ער וועט זיכער ניט בײַשטיין! און איך נעם

און טראָג אים אַריין צו אײַך. לאָז ער זיך טאַקע דורכוואָרימען זײַנע ביינדעלאַך! בעט אײַער ווײַב, זי זאָל אים גוט אײַנדעקן, אפשר וועט ער איבערשוויצן און געזונט ווערן. צום דאַוונען וועל איך, אם־ירצה־השם, אַ רייד מאַכן אין בית־המדרש, און איר וועט זען, אידן וועלן ניט לאָזן, עס זאָל אַזוינס מיט אים פּאַסירן נאָך אַמאָל! מען דאַרף נאָר קענען מעורר זײַן אידן, ווערט שוין אַלץ רעכט! אַ מאָנער ברויך מען האָבן, בלײַבט אַ איד קײַן בעל־חוב ניט!...

— אַ גוטער צאָלער אָבער, ר׳ שואל, ברויך ניט צו וואַרטן, ביז מען וועט קומען מאָנען!... ער געדענקט זײַן חוב אַליין, און נאָך איידער יענער קומט מאָנען, טראָגט ער אים אין שטוב אַרײַן!.. — האָט דער ווילנער מלמד באַמערקט. — און דאָס איז טאַקע פון אייביק אָן אונזער חסרון! מיר אידן האָבן אין זיך קײַן אייגענע התעוררות ניט; צו יעדער גוטער זאַך ברויכן מיר האָבן אַ מעורר פון דרויסן... וואָלט ניט גלײַכער געווען, אַז מען וואָלט בעסער מקדים זײַן יעדע רעה, זי זאָל ניט קומען?

— איר זײַט צו יונג, ר׳ בצלאל! — האָט זיך ר׳ שואל אָפּגערופן. — מען טאָר אויף אידן ניט מלמד חובה זײַן; שווערע צײַטן הײַנטיקע, ר׳ בצלאל!... מען ברויך דעם ריבונו־של־עולם דאַנקען, אַז אידן קענען נאָך באַצאָלן, ווען מען מאָנט שוין בײַ זיי, דאָס זײַנען אויך ניסים גרויסע...

דערווײַל האָט דעם מלמד׳ס ווײַב יאָסעלען אַראָפּגעצויגן די נאַסע בגדי מ׳לאַך זײַנע, אים אַוועקגעלייגט אויף בעטגעוואַנט און גוט אײַנגעדעקט. זי האָט אָבער ניט איין וואָרט פון אים געקענט אַרויסבאַקומען, ער האָט געפיבערט און גערעדט פון היץ.

— אַ טויט קינד! גאָט ווייס, צי ער וועט טאָג דערלעבן! — האָט דאָס ווײַבל די מאָנסלײַט דערציילט מיט שרעק אויף איר

געזיכט. — זאָל ווער לויפן נאָך אַ דאָקטער, אפשר קען מען אים נאָך ראַטעווען!

— ווייסט איר וואָס, ר׳ בצלאל, לויפט איר, זייט מוחל, אין שלאַכטהויז אַרײַן, זאָגט די קצבים, זיי זאָלן שיקן נאָך מײַן אײדעם. זאָל ער הײַנט קוילן, איך וועל לויפן ברענגען נחמן דעם פעלשער!

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ר׳ שאול צוריק אַרײַן מיט נחמן דעם פעלשער, וועלכער האָט באַלד דערקענט, אַז יאָסעלע האָט געכאַפּט אַ שטאַרקע לונגען־אַנטצינדונג און איז אין אַ גרויסער סכנה; על־כן איז זײַן עצה: מען זאָל אים וואָס גיכער אַוועקטראָגן אין הקדש, וואו עס איז דאָ אַ שטענדיקער דאָקטער מיט אַן אַפּטייק. — דאָ איז פאַר אים קײַן אָרט ניט: ביז מען וועט אַהערצו ברענגען פאַר אים אַ דאָקטער מיט רפואות, קען ער אַרײַן אין נאָך אַ גרעסערער סכנה.

ניט געוואַרט אײן מינוט, האָט דער אַלטער ר׳ שאול גענומען דאָס קראַנקע קינד אויף בײדע הענט, די ווילנער ווײַבל האָט עס אײַנגעוויקלט און צוגעדעקט מיט אַ וואַרימער דעקע, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געזאָגט: „גייט, ר׳ שאול, אַ מינוט איז אַ סך; ראַטעוועט דאָס אָרימע קינד! גאָט וועט צוליב זײַן מאַמעס זכות דורך אײַך אים זײַן אַ מת׳ע רפואה צושיקן! איך וועל נאָר דאָ מײַנע קינדער אָנטאָן, וואַשן און ברכה מיט זיי אָפּזאָגן, וועל איך באַלד קומען אין הקדש, לעבן אים זײַן. דאָס האַרץ צעגייט מיר פון רחמנות.

— איך בין אַ שכיר־יום, — האָט דער מלמד זיך פאַרענטפערט, — איך מוז אָפּדאַווענען און לויפן אין חדר אַרײַן; אַז ניט, וואָלט איך אײַך ניט לאָזן, ר׳ שאול, אים אויף אײַערע הענט טראָגן. איך בין אינגער, און מיר וואָלט עס געווים גרינגער זײַן ווי אײַך.

— קיין שווערע מ ש א, ר׳ ב צ ל א ל! — האָט ר׳ ש ו א ל געענטפערט. — אַן אויסגעפּייניקט לייבעלע נעבאַך... וועגט אין גאַנצן ווי אַ קינד פון דריי יאָר. וואָלט מיר אַזוי גרינג זיין עס צו ראַטעווען, ווי גרינג דאָס אַוועקטראָגן ביז׳ן ה ק ד ש וועט מיר זיין.

דריי טעג איז יאָסעלע אין ה ק ד ש געלעגן. אויסער דעם אַלטן ר׳ ש ו א ל ש ו ח ט, וואָס פלעגט עטלאַכע מאָל אין טאָג אים קומען געוואָר ווערן, פלעגט אָפט דעם ווילנער מ ל מ ד׳ס ווייב ש ע ו ת גאַנצע זיצן לעבן אים, אים דאָס קישעלע אונטער זיין קעפּל צורעכט לייגן, די ר פ ו א ה אים געבן און האָט צו אים טרייסקייט אַרויסגעוויזן, ווי אַ מוטער צו איר קינד. מער איז קיינער צו אים ניט געקומען, מיט אים זיך ניט אינטערעסירט. אַ פ י ל ו דער אייגענער פאָטער זיינער, וואָס איז דאָ אין דעם זעלבן הויז אונטער איין דאַך געלעגן, האָט ניט געוואוסט, אין וועלכער ס כ נ ה זיין עלנד קינד ליגט דאָ לעבן אים. ב ר ו ך דער ש מ ש איז אַליין אין דער צייט געפערלאַך קראַנק געווען, און וועמען איז עס אין זינען געלעגן אין אַזאַ צושטאַנד אים די גוטע ב ש ו ר ה אָנצוזאָגן.

ערשט אויפ׳ן דריטן טאָג האָט זיך י ו נ ה וואַסערטרעגער ביי שיינדעלען אין קיך דערוואוסט, וואָס מיט יאָסעלען טוט זיך.

די קעכן האָט אים דערציילט, אַז זי האָט אין יאַטקע געהערט, אַז כיענעס אינגל האָט מען אַ דערפראָרענעם אויפ׳ן גאַס געפונען, און ער ליגט איצט געפערלאַך קראַנק אין ה ק ד ש.

י ו נ ה האָט ניט געוואָרט, און מיט די ליידיקע עמער איןביידע הענט איז ער געלאָפן גלייך צום ה ק ד ש. פאַרבייגייענדיק פאַרביי געצל דעם שניידער, איז ער אַריין געוואָר ווערן, טאָמער וויים ש ר ה׳לע עפּעס. ש ר ה׳לע האָט נאָך אָבער פון גאָר נישט ניט געוואוסט; ש ב ת אַ גאַנצן טאָג האָט זי איר ברודערל געזוכט, דער ש מ ש פון שטיבל האָט איר געזאָגט, אַז שוין עטלאַכע נעכט נעכטיקט ער דאָ ניט.

— קום, ש ר ה׳לע, גיכער צום ה ק ד ש, קום! — האָט י ו נ ה אָן אָן אָטעם כ מ ע ט אַרויסגערעדט, אַז ער האָט געזען, אַז זי וויים נאָך פון גאָר נישט.

— דער טאַטע איז א פ ש ר?—האָט ש ר ה׳לע אַ דערשראָקענע געפרעגט און מ ו ר א געהאַט דאָס שרעקלאַכע וואָרט, „קראַנק״, אָדער „געשטאָרבן״ אַרויסצורייִדן.

— ניט דער טאַטע, יאָסעלע נעבאַך איז קראַנק, זאָגט מען, שטאַרק קראַנק, און ליגט שוין דעם דריטן טאָג אין ה ק ד ש.

— אַ קויל האָט מיך געטראָפן! — האָט דאָס צוועלף-יעריקע מייִדל אַ געשרייַ געטאָן. — אַ דונער האָט מיך איינגעשלאָגן! אוי, איך בין אַליין שולדיק, אַ ו ו ד א י פאַר הונגער, פאַר קעלט קראַנק געוואָרן, ביז איך האָב זיך צוגעקליבן, ווי אים פון מיין ח ל ק עסן איבערצוגעבן!... אוי, מיין אָרים ברודערל, מיין טייַער יאָסעלע, מיין האַרץ און מיין אויג פון מיין קאָפּ!

אָן אָן אָטעם זיינען זיי ביידע אין ה ק ד ש אַריין, גלייך צוגעפאַלן צו יאָסעלעס בעטל. לעבן אים איז געזעסן די ווילנער ווייבל און געקוקט, ווי דאָס עלנדע קינד מאַטערט זיך.

— יאָסעלע, מיין ברודערל, מיין האַרץ! — איז ש ר ה׳לע צוגעפאַלן צום בעט, און אַ י ם טרערן האָבן זיך אַ גאָס געטאָן איבער׳ן קראַנקן קינד. נאָר יאָסעלע האָט שוין ניט געהערט, אָדער קיין כ ו ח שוין ניט געהאַט צו ענטפערן.

— יאָסעלע, ענטפער מיר! ש ר ה׳לע, דיין פינסטערע, ביטערע שוועסטער שטייט דאָ! ענטפער מיר, יאָסעלע, דערקענסטו מיך? — האָט זי געקלאָגט און מיט אַ האַרצרייסנד געשריי איר ברודערל געוועקט. דאָס קינד האָט די אייגעלאַך געעפנט, שטאַר און ליידנד געקוקט און באַלד צוריק צוגעמאַכט.

— כאָטש א י י ן וואָרט רייד מיט מיר, יאָסעלע, מיין קרוין!...

אײַן וואָרט כאָטש פֿאַר דײַן עלנדער שוועסטער... יאָסעלע, עפֿן די אײגעלאַך, מײַן ברודערל, זע, ווי איך שטײ דאָ לעבן דיר!... מײַן האַרץ, מײַן ברודערל, אײַן קוק נאָך אויף מיר!

יאָסעלע האָט נאָך אַמאָל די אײגעלאַך ווי איבער געוואַלד גע־עפֿנט. ש ר ה׳לע איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים, גענומען קושן אים מיט דורשט און מיט פֿאַרצווײפֿלונג. עס האָט אויסגעוויזן, אַז מיט איר קושן האָט זי געמײנט די גאַנצע קראַנקהײַט זײַנע אויסזויגן אָדער אין זיך אַרײַנזויגן.

— מײַן ברודערל, מײַן י ת ו ם׳ל, לעב נאָך, מײַן טײַערער יאָסעלע! זײַ געזונט, מײַן עלנדע נ ש מ ה׳לע, איך האָב דיר אַ שווארבע געקויפֿט! לערנען האָסטו געוואָלט און אַזוי גוט געקענט!... לעב נאָך, יאָסעלע, איך וועל דיך שוין ניט אָוועקלאָזן פֿון זיך, ניט אַוועקלאָזן! ווי מײַן אויג, ווי מײַן האַרץ און ווי מײַן לעבן דיך היטן... מיט מיר וועסטו זײַן, יאָסעלע, אָדער איך וועל מיט דיר אויפֿ׳ן גאַס אונטער׳ן בלויזן הימל זיך וואַלגערן, ביז גאָט וועט אונזער צ ע ר צוזען ... האָב ר ח מ נ ו ת, גאָט אין הימל! שענק מײַן ברודערל געזונט, שיק אים זײַן ר פֿ ו א ה אָדער נעם מיך צו פֿאַר אים, פֿאַר יאָסעלען, אונזער מאַמעס אײנציקן טרײסט... איר נ ח ת ביז איר לעצטער מינוט!... אוי מאַמע, מאַמע, וואָס שווײַגסטו?! וואָס בעטסטו פֿאַר דײַן טײַער קינד ניט, פֿאַר יאָסעלען, מאַמע, אויף זײַן קראַנק בעטעלע!

דאָס ווײַבל, וואָס איז דערבײַ געזעסן האָט אויך געוויינט און געכליפּעט, הערנדיק ש ר ה׳לעס ט ע נ ו ת. יאָסעלע האָט אַ היבשע ווײַלע די אײגלאַך אָפֿן געהאַלטן, געקוקט אויף ש ר ה׳לען אַזוי טרויעריק, אַזוי לײַדנד, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ער רעדט צו איר, ער באַקלאָגט זיך פֿאַר איר אויף זײַנע י ס ו ר ים, וואָס פּײַניקן אים איצט... באַלד אָבער האָבן זיך די אײגלאַך פֿאַרמאַכט, עס האָט אויסגעוויזן, ער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, ער שלאָפֿט



געשמאַק, ער כראָפּעט אַ פּ י ל ו... נאָר ר׳ ש ו א ל, וואָס איז צום בעט צוגעקומען, האָט נאָכ׳ן כראָפּען דערקענט, וואָס פאַר אַ שלאָף עס איז. ער האָט געגעבן אַ וואונק י ו נ ה׳ן, ער זאָל די נ ש י ם אַרויספירן. י ו נ ה אָבער, וואָס איז ווי אַ דערשלאָגענער געשטאַנען און אַן אויג ניט אַראָפּגענומען פון קראַנקן קינד, וואָס איז אים ערשט אַזוי ליב און אַזוי טײַער געוואָרן, אַז ער וואָלט אין דער מינוט אַ האַלב לעבן אים אַוועקגעגעבן, האָט דעם וואונק ר׳ ש ו א ל׳ס ניט פאַרשטאַנען. און ר׳ ש ו א ל האָט אַליין אָנגעהויבן רײדן:

— גײט שוין אַוועק פון אים, נ ש י ם! ער האָט שוין זײַנע ח ש ב ו נ ו ת מיט אײַך געענדיקט, אויסגעצאָלט אַלע זײַנע ח ו ב ו ת אין זײַן קורץ לעבן!... איצט גרײט זיך זײַן נ ש מ ה׳לע צוצו־

קומען באַלד אַהין, פון וואַנען זי שטאַמט אַרוים. שטערט אים ניט, לאָזט אים רואיק שטאַרבן און גייט אַוועק. פירט זיי אַרויס, ר׳ יונה, און טראָגט אַריין אַ ליכט, עס וועט באַלד יציאת נשמה זיין.

יונה, וואָס איז ביז איצט ווי אַ תם נידערגעשלאָגן געשטאַנען, האָט זיך ווי פון אַ שווערן שלאָף אויפגעכאַפּט און האָט שרה׳לען איבער געוואַלד פון בעטל אָפּגעריסן, ווי אַ קליין קינד אויף זיינע ריזיקע הענט פון הקדש זי אַרויסגעטראָגן. די ווילנער ווייבל איז מיט שרה׳לען אויפ׳ן גאַס שטיין געבליבן און האָט צוגעהאָלפן דער אומגליקלאַכער שוועסטערל קלאָגן און וויינען. יונה האָט אַ פּאָר גראָשענע ליכטלאַך אַריינגעטראָגן, אָנגעצונדן, געגעבן איינס ר׳ שואל׳ן און איינס האָט ער אַליין געהאַלטן, און האָט מיט טרערן יציאת-נשמה דערוואַרט. יאָסעלע האָט זיך ניט פיל געמאַטערט: זיין גאַנץ לעבן איז אַזאַ מין גסיסה געוועזן, און לייכטער ווי ער האָט געלעבט איז ער געשטאָרבן.

— ברוך דין אמת! — האָט ר׳ שואל אויסגערעדט און יאָסעלען צוגעדריקט די האַלב אָפּן-געבליבענע אייגלאַך.

אין אַ שעה צייט האָט מען שוין יאָסעלען אַרויסגעטראָגן פון הקדש. די לויה איז געוועזן נאָר פון עטלאַכע געציילטע מענשן: ר׳ שואל, יונה, געצל שניידער איז אויך געקומען; אַ פּאָר שמשים, חוץ דעם שמש, וואָס האָט יאָסעלען אין אַ קינדערשן קעסטל געטראָגן מיט אַ רימען איבער׳ן שולטער אַריבערגעלייגט.

מער ווי די ווילנער ווייבל מיט שרה׳לען, איז פון ווייבער קיינער נאָכ׳ן אָרון ניט נאָכגעגאַנגען. שרה׳לע האָט זיך מיט אַלע כוחות געריסן זיך צו באַפרייען פון דער ווייבלס האַנט. ר׳אָס האָט זי געפירט. איר האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן איר ברודערל פון דעם שמש, וואָס טראָגט אַוועק איר האַרץ, איר קרוין אַהין, פון וואַנען עס קומט שוין קיינער ניט צוריק. „לאָזט מיך צו מיין ברודערל! — האָט זי געשריען! — ער לעבט נאָך! ער איז ניט

געשטאָרבן, ער האָט ניט געקענט שטאַרבן! מען האָט אויף אים אַלע מאָל נאָר אַ ב ל בו ל געמאַכט, און איצט איז אויך אַ ב ל ב ו ל... ער איז נישט געשטאָרבן, אוי, לאָזט מיך... ניין, איך וועל ניט לאָזן אים אַזוי יונג אין דער ערד אַרײַנלייגן.״

אַ ש מ ש האָט געמוזט צוהעלפן זי ניט צולאָזן צום אָ ר ו ן. דאָס ווײַבל איז שוין אָן כ ו ח ו ת געבליבן.

אַז מען האָט שוין יאָסעלען אין ק ב ר אַרײַנגעלייגט, האָט זיך ש ר ה'לע ווי אַ ווילדע אַרויסגעריסן, איז צוגעפאַלן צום אָפענעם ק ב ר און געשריען: „מײַן ברודערל, מײַן יאָסעלע! אוי, אידן, זעט ווי שיין ער איז! ער לעבט נאָך! האָט ר ח מ נ ו ת, גיט מיר אים אַוועק, איך האָב שוין מער גאָר נישט, גאָר נישט אין מײַן לעבן!״...

געגנוג וויינען, געגנוג קלאָגן, מײַן טאָכטער! — האָט ר' ש ו א ל זי פאַר'ן האַנט אָננעמענדיק געזאָגט.—דײַן ברודערל איז געשטאָרבן... געשטאָרבן, ווי עס שטאַרבט אַן אויסגעלײַטערטער ריינער נ פ ש. לאָז אים זײַן רעכט טאָן, און זײַ געטרייסט דערמיט, וואָס ניט אַ אינגל אַ ג נ ב ערגעץ איז מען דאָ מ ק ב ר נאָר אַ קליין ק ד ו ש'ל, וואָס האָט פון זײַן געבאָרן טאָג ביז זײַן טויט געליטן פאַר פרעמדע ר ש ע ו ת!... אַ גוטער בעטער זאָל ער שוין פאַר דיר זײַן און פאַר כ ל ל - י ש ר א ל!״

אַ פּאָר גרויסע טרערן, וואָס האָבן אין דער גאַנצער צײַט בײַ דעם אַלטן, פרומען אידן ווי פּאַרגליווערט אין די אויגן געפינקלט, האָבן זיך ענדלאַך לויזגעריסן, זיך געקײַקלט איבער זײַנע אײַנ־געפאַלענע, אײַנגעצויגענע באַקן, איבער זײַן שניי־ווײַסער באָרד און זײַנען גלײַך אין אָפענעם ק ב ר אַרײַנגעפאַלן.

קוקנדיק אויף ר' ש ו א ל'ן האָט זיך אויך י ו נ ה וואַסער־טרעגער צעוויינט, און ר' ש ו א ל'ן האָט מי געקאָסט אים אײַנצו־שטילן.

— אפשר בין איך שולדיק אין זײַן יונגן טויט. — האָט יונה קלאָגנדיק געכליפּעט. — אַזאַ קינד, אַזאַ כשר ערלאַך קינד! — ווי אַ מלאכ׳ל שײַנט ער פון קבֿר אַרויס! זײַ מיר מוחל, יאָסעלע! איך האָב ניט געוואָלט חלילה שלעכטס מאָן דיר!

צו מעריבֿ האָט יונה אין בית־המדרש קדיש געזאָגט.

— אַ יאָרצײַט, יונה? — האָט מען פון עולם אים געפרעגט.

— נײַן, ניט אַ יאָרצײַט; נאָך כיענע דער מגיד׳יכע זאָג איך קדיש.

— וואו איז איר קדיש?

— איר קדיש איז שוין דאָרט, בײַ איר אין גן־עדן!

— דאָס אינגל כיענעס? דאָס גנבֿ׳ל, מײנט איר, ר׳ יונה?

יונה האָט ניט געענטפערט און איז פון בית־המדרש אַרויס.

דער עולם האָט יונהן ניט פאַרשטאַנען, געקוועטשט מיט די פּלײצעס און געענטפערט: „שיכור, מן־הסתם!“

אַז די קעכן האָט אויף מאָרגן פרי אָנגעזאָגט שײנדעלען, אַז כיענעס אינגל, דאָס גנבֿ׳ל, איז געשטאָרבן נעכטן אין הקדש, האָט שײנדעלע געענטפערט: „אײדער גרויסערהײט אין אַסטראָג, איז אַוודאי גלײַכער קלײנערהײט אין קבֿר! אַ כּפּרה זאָל ער זײַן, ריבונו־של־עולם, פאַר מײַן אײנציק טײַער קינד, פאַר מײַן בן־יחיד לײבעלען, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!“

# ווערטערביכל

## פון שווערערע ווערטער, וואָס גייען אריין אין דעם ביכל.

### א

אבות־אבותינו (אָוועס-אַוואָוויסעינו) — אורעלטערן.

אבל (אָבל) — אײנער, בײַ וועמען ס'איז ניט לאַנג געשטאָרבן אַ נאָ-ענטער מענטש.

אבר-ים (עיווער-עיוורים) — גליד פון קערפּער.

אגיל ואשמח (אָגל וועיעסמאַך) —

אדרבה (אַדעראַבע) — דאָס אײגענע פאַרקערט; פאַרקערט נאָך.

אוודאי (אַוואָדע) — געוויס, זיכער.

אויבם — פּרוכט. —

אויספּראָסקען — אויספּאַטשן.

אופן (אויפן) — וועג.

אחר יאוש בעלים (אַכאַר יויעש באָילים) — נאָכדעם ווי דער אײגנטימער האָט זיך שוין אָנטזאָגט פון דער זאַך.

אי"ה — אם ירצה השם (אים יירצע האַשעם) — ווען גאָט וועט וועלן.

אײַנוויליקן — אײַנשטימען.

אײַנשטשעמען זיך — אײַנערן זיך; אײַנדריקן.

אימה (עימע) — שרעק.

אשה (אישע) — פרוי.

אלא (עלאָ) — אויב פאַרקערט.

אלף-בית (אַלעף-בײס) — אַלפאַבעט.

אָנגעלײגט זײַן — פאַררעכנט ווערן.

אנטיק — דאָס זײער גוטע.

אסור (אָסער) — איך שווער.

אסטראָג — טורמע.

אסיפה (אַסיפע) — פאַרזאַמלונג, מי-טינג.

אפּבאָרן זיך — שטעלן זיך אַנטקעגן; פאַרטײדיקן זיך.

אפנים (אַפּאָנים) — קענטיק.

אפ'פטר'ן (אָפּפּאַטערן) — אָפּפּאַרטיקן, באַפרייען.

אפילו (אַפילע) — זאָגאַר.

ארבע-כנפות (אַרבע קאַנפעס) — אַ פיר קאַנטיק שטיק צײג, וואָס אידישע מענער טוען אָן, און אין וועלכן עס איז אײַנגעמאַכט ציצית.

ארון (אָרן) — קאַסטן; ברעטער פאַר אַ קבר; אַלמער.

אריה (אַריע).

### ב

באַדאַי — בעסער; אַפילו.

באמת (בעמעס) — ווירקלאַך.

באַפּאַלמעבטיקט — באַאויפטראָגט.

באַשײַנפּערלאַך — קלאָר, דײַטלאַך.

בגד-ים (בעגעד-בגאָדים) — קלייד.

בדלות (בדאַלעס) — אומגליקלאַך.

בוכען — שטויסן, שלאָגן.

בור — גראָבער יונג.

בחור-ים (באָכער-באָכערים) — דער-וואַקסענע אינגלאַך פון אַ יאָר 13 און.

בחוש — דײַטלאַך.

ביטחון (ביטאָכן) — גלויבן.

בין-הזמנים (בעין האַזמאַנים) — סוף סעמעסטער.

ביקור-חולים (ביקער-כוילים) — גע-זעלשאַפט צו הײלן אָרימע קראַנקע.

בית-המדרש (בײת-האַמעדרעש) — שול צום דאַוונען.

בית-עולם (בעיס-אוילאָם) — טויטן-פעלד.

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמײן.

בלבול-ים (בילבל-בילבולים) — אויס-גערטראַכטע זאַך; ניט קיין אמת'ע באַשולדיקונג.

בנאמנות (בענעמאָנעס) — אויף מיין וואָרט.

בן-יחיד (בען-יאָכיד) — איינציקער.

בנים (באָנים) — זין.

בסך-הכל (בסאַך האַקל) — אינגאַנצן.

בעזדיעטניק — איינער וואָס האָט ניט קיין קינדער.

בעל-גאווה (באַל-גאַיווע) — גרויס האַלטער.

בעל-חוב (באַל-כויוו) — שולדיק.

בעל (באַל) טאַקסע — דער מאַן וואָס האָט אָפּגעדונגען די שטייערן אויף פלייש.

בעל-מחשבה (באַל-מאַכשאָווע) — פאַרטראַכטער יונג.

אַ בעלן (באַלן) זיין — וועלן עטוואָס.

בעל-פועל (באַלפויעל) — אויפטויער.

בעת-מעשה (בעיס מאַיסע) — דערביי.

בפרט (ביפראַט) — באַזונדערס.

בקיצור (בקיצער) — קורץ, אין קורצן.

בראָדיאַגע — אַ מענש אָן אַ היים, אַ טרעמפּ.

בראָדיען — אומוואַנדערן, אומבלאָנדזשען.

ברוגז'ן (ברויגעזן) זיך — כעס'ן זיך, זיין בייז.

ברוך (באָרעך).

ברוך-דין-אמת (באָרעך דאַיען עמעס)— געלויבט איז דער גערעכטער ריכטער!

ברוך-הוא (באָרעך-הו) — געבענשט זאָל ער זיין.

ברירה (ברעירע) — אויסוואַל.

ברכה (בראָכע). אויף ברכה קומען — קומען אויף כיבוד; צו נעמען אַ ביסל בראַנפּן און פאַרבייסן און מאַכן אויף דעם אַ ברכה.

בשום אופן (בשום אויפן) ניט — פאַר קיין פאַל ניט.

בשמחה רבה (בסימכע ראַבע) — מיט גרויס פרייד.

בשר-ודם (באָסאָר־וואָדאָם) — פלייש און בלוט; מענש.

בת-טובים (באַס-טויווים) — אַ טאָכטער פון שיינע עלטערן.

בתמימות (ביטמימעס)—נאַאיוו, אומשולדיק.

## ג

גאַרדאַוואָי — פּאָליציימאַן.

גבאי (גאַבע) — פּרעזידענט.

גבורה (גוואורע) — העלדישקייט; שטאַרקייט.

גביר (גוויר) — רייכער מאַן.

גדולה (גדולע) — 1) גרויסקייט, אַכטונג. 2) טרייסט. 3) שטאָלצקייט.

גואל (גויעל) — נאָענטער פריינד. אייגענער.

גוידער — דיקע הויט אונטער'ן מאָרדע; קומט פון פעטקייט.

גומל (גוימל) בענשן — דאַנקען גאָט, ווען מען ווערט ניצול פון אַן אומגליק.

גוף-הענין (גוף האָאיניען) — דער עצם זאַך.

גילדן — 15 קאָפּיקעס.

גלייכגילטיק — רואיק.

גמרא (גמאָרע) — אַ זאַמלונג פון אַראַמיואישע ביכער מיט געזעצן, לעגענדעס, שפּרוכן און ד. ג. צוזאַמענגעשטעלט אין סוף פון 5-טן יאָרהונדערט אין בבל.

גנב-ים (גאַנעוו-גאַנאָווים) —

גנבה־ות (גנעיווע-גנעיוועס) — אַ גע'גנב'עטע זאַך.

גן-עדן (גאַן-עידען) — יענע וועלט.

גסיסה (גסיסע) — מאַטערן זיך פאַר'ן טויט.

געווערט — געדויערט.

גענעזן ווערן — אויסגעהיילט ווערן.
גרעט — וועש.

## ד

דאגה (דאַיגע) — זאָרג.
דאַמסקער שניידער — שניידער פון פרויען קליידער.
דבר'ן (דאַבערן) — רעדן.
אַ דבר (דאַבער) טאָן — אַ רעד טאָן.
דווקא (דאַווקע) — אויף צו להכעים; גראָד.
דופק (דויפיק) — פולס.
דחקות (דאַכקעס) — ענגשאַפט, מאַנגל.
דיבורים — רייד.
די והותר (דאַי וועהויסער) — מער ווי גענוג.
דיפּלאָמאַטיש — פון הינטעראַרום, כיטרע.
דישל — אַ טייל פון וואָגן, צו וועלכן מען שפּאַנט צו דאָס פערד, אַהלאָבליע. ליימענער דישל — שוואַכער מענש, שמאַטע.
דעסיאַטניק — פּאָליציימאַן.
דעתן (דאַיטן) — וויסער.
דראַטווע — שוסטערשער איינגעפּעכטער פאָדים.
דרך (דערעך) — וועג, שטייגער.
דרך-ארץ (דערעד ערעץ) — רעספּעקט, אָפּשוי.
דרשנ'ען (דאַרשענען) — רעדן.

## ה

הדרכה (האַדראָכע) — ערציאונג.
הולטאַיקע — אַ פרוי וואָס זידלט און שילט זיך.
הוספה (הויסאָפע) — צוגאָב.
הזיק (העזיק) — אָנווער, פאַרלוסט, שאָדן.
היפוך (העיפעך) — פאַרקערט.
הכנסה (האַכנאָסע) — איינקונפט.
הכנעה (האַכנאָע) — אונטערטעניקייט.
הלוואי (האַלעוואַי). —
העזה (האָזע) — גראָבקייט, שטאָלצקייט, דרייסטקייט, חוצפה.
העליש — שרעקלאַד: ווי אין גיהנום.
הפקר (העפקער) — קיינעמס ניט.
הצלחה (האַצלאָכע) — גליק.
הקדושה (האַקדוישע) — די הייליקע.
הקדש (העקדעש) — שפּיטאָל.
השגחה (האַשגאָכע) — אויפקוקן, אַכטונג געבן.
התעוררות (היסוירערעס) — באַגייסטערונג.

## ו

והא ראיה (וועהאָ ראַיע) — אַ באַווייז איז.
והוא-רחום (וועהו ראַכום) — דער אָנהייב פון דער מעריב-תפילה.
ווירטן — באַלעבאָסטע.
ונתנה-תוקף (אונסאַנע טויקעף) — אַ תפילה פון ראש-השנה און יום-כפור, וואו עס רעדט זיך וועגן גאָטס משפט.

## ז

זאָגערן — אַ געלערנטע פרוי, וואָס קאָן בעסער דאַוונען און לייענט דערפאַר, אָדער זאָגט פאָר פון סידור, כדי די אַנדערע ווייבער, וואָס קענען ניט דאַוונען, זאָלן קאָנען נאָכזאָגן.
זכיה (זכיע) — פאַרגעניגן, פּריווילעגיע.
זלזולים (זילזולים) — זידל־ווערטער.
זמן (זמאַן) — האַלביאָר, סעמעסטער.
זשאַלאָבע — אָנקלאַגע.

## ח

חברה (כעווּרע) — די קינדער.
חגא (כאָגע) — גוי'אישער יום-טוב.
חדר-ים (כיידער-כאַדאָרים) — רעליגיעזע אידישע שול.

חודש-ים (כוידעש־כאַדאָשים)—מאָנאַט.
חוזק (כויזיק) מאַכן — אויסלאַכן זיך; שפּאָטן.
חומש (כומעש) — תורה, די ערשטע 5 ביכער פון דער ביבל.
חופּה (כופּע) — חתונה.
חוץ (כוץ) — אויסער.
חושד (כוישעד) זיין — פאַרדעכטיקן.
חזיר (כאַזער) —
חזן (כאַזן) — דער מאַן וואָס דאַוונט פאַר'ן עמוד; וואָס פירט אָן דעם דאַוונען.
חידוש-ים (כידעש-כידושים) — וואונדער.
חידוש'ן (כידעשן) זיך — וואונדערן זיך.
חיה-ות (כאַיע-כאַיעס) — ווילדע באַשעפעניש.
חיה'לע (כאַיעלע). —
חיות (כיעס) — לעבן.
חיתוך הדיבור (כיטעך האַדיבור) — אַ שפּראַך.
חלומ'ען (כאָלעמען) —
חלילה (כאָלילע) — זאָל גאָט אויסהיטן.
חלף-ים (כאַלעף-כאַלאָפים) — שעכטמעסער.
חלק (כעליק) — טייל.
חלק-לעולם-הבא (כעליק-לעאוילאָם-האַבע) — זיין טייל יענע וועלט.
חלשות (כאַלאָשעס) — אָנמאַכט.
חלש'ן (כאַלעשן) — שוואַך זיין.
חן (כעין)—ליבשאַפט; חן געפינען—געפעלן ווערן.
חסד (כעסער) — גענאַד.
חצופה (כצופּע) — גראָבע, אויסגעלאַסענע פרוי.
חרמות (כראָמעס) — שבועות.
חרפּה (כאָרפּע) — שאַנדע.
חשוך-בנים (כאַסוך-באָנים) — איינער וואָס האָט ניט קיין קינדער.
חתונה (כאַסענע) — הייראַט. טומל; אומגליק.

## ט

טאָלק — אָרדענונג — אַ טאָלק מאַכן — איינאָרדענען.
טובה (טויווע) — געפעליקייט.
טעות (טאָעס) — פעלער.
טענה-ות (טאַינע-טאַינעס) — פּרעטענזיע; רייד.
טענה'ן (טאַינען) — זיך אויסרעדן.
טרפ'ענע (טרעיפענע) — פּאַסקודנע.
טשיקאַווע — מאָדנע, וואונדערבאַר.
טשיקאַווע זיין — נייגעריק זיין.

## י

יום-הדין (יוים-האַדין) — דער שרעקלאַכער טאָג פון משפּט.
יוסטע — רייכע.
יוצא (יויצע) זיין — צופרידנשטעלן; גענוג גוט זיין.
יושר (יוישער) — גערעכטיקייט.
יושר-גדול (יושער-גאָדל) — זייער אַ גערעכטע זאַך.
יחום (ייכעס) — גרויסקייט, שטאָלץ.
יחסן-ים (יאַכסן-יאַכסאָנים) — גרויסער מענש.
ימח שמה (יימאַך שמאָ) — ניט געדאַכט זאָל זי ווערן; אָפּגעמעקט זאָל ווערן איר נאָמען.
ימים-נוראים (יאָמים נויראָאים) — שרעקלאַכע טעג; די טעג פון ראש-השנה ביז נאָך יום-כיפּור.
יסורים (יעסורים) — ליידן.
יציאת נשמה (יעציאַס נשאַמע) — דאָס אויסגיין, דאָס שטאַרבן.
ירושה (יערושע)—גוטסעריי, וואָס מען באַקומט נאָכ'ן טויט פון פאָטער,

מוטער, אָדער אַן אַנדערן נאָענטן קרוב.
ישועה (יעשועס) — הילף.
ישיבה־בחור (יעשיווע באָכער) — אַ אינגל, אָדער אַ בחור, וואָס לערנט אין אַ ישיבה.
ישראל (איסראָעל) — אידן.
יתום-ים (יאָסעם-יעסוימים)—אַ קינד, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם פאָטער, די מוטער אָדער ביידן.

## כ

כבוד (קאָוועד) — רעספּעקט.
כדאַי (קדאַי) — ס׳לוינט.
כוונה (קאַוואָנע) —מיין.
כזית (קאַזאַאיס) — אַ שטיק די גרויס ווי אַן איילבערט.
כיבוד-אב (קיבעד-אַוו)—ערלאַך האַלטן, כבוד אָפּגעבן פאָטער און מוטער.
כל-בו (קאָל-בוי) — אַלדאָס שלעכטס.
כל-זמן (קאָל זמאַן) — ביז.
כל-טוב (קאָל-טואוו) — אַל דאָס גוטס.
כלי (קעילע) — געפעס : אַ לייט.
כלל-ישראל (קלאַל-איסראָעל) — אַלע אידן.
כל-עבודת-פרך (קאָל אַוואוידאַס פּע-רעך) — אַלע שווערסטע אַרבעט.
כמעט (קימאַט). —
כסא הכבוד (קיסעי האַקאָוועד) — גאָטס שטול. גאָטס טראָן.
כסדר (קסעידער) — נאָכאַנאַנד.
כפרה (קאַפּאָרע) — אָפּבייט.
כפרה ווערן — שטאַרבן.
כפל כפלים (קויפל קיפלאַאים) — אַ סך מאָל מער ווי געדאַרפט.
כרחם אב על בנים (קעראַכעם אָוו אַל באָנים) — ווי אַ פאָטער האָט רחמנות אויף זיינע קינדער.
כשר׳ע מציאה (קאָשערע מעיציע) — ערלאַך געפינס.
כתב (קסאַוו) — קאָנטראַקט, אָפּמאַך.

## ל

לאה (לעיע). —
לאיבוד (לעאיבוד) גיין — פאַרלאָרן גיין אויף גאָר ניט.
לא-עליכם (לוי אַלעיכעם) — ניט פאַר אייך גערעכט.
לא תגנוב ( לוי סיגנויוו) — זאָלסט ניט גנב׳ענען.
אויף להכעים (לעיהאַכים) — אַקוראַט פאַרקערט ; כדי יענעם אייצוצאָרע-נען.
לוויה (לעוואַיע) — באַגלייטן אַ גע-שטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו.
לויזמאַכן — אָפּבינדן, אָפּשפּיליען.
לויזע — פרייע.
לכל-הדעות (לכאָל-האַדעיעס) — נאָך אַלעמען נאָך ; אַלע זיינען איינ־שטימיק.
לכתחילה (לכאַטכילע) — פון אָנהייב ; אין אַלגעמיין.
לְמדן (לאַמדן) — געלערנטער.
למען תזכרו (לעמאַן טיזקערו) — אַן אויסדרוק אַזאַ אין דאַוונען.
למשל (למאָשל) — צום ביישפּיל.
לתורה ולחופה ולמעשים טובים (לע-טוירע ולכופּע ולמאַאיסים טויווים) — צו לערנען, צו חתונה האָבן און צו טאָן גוטע טאַטן.

## מ

מאריך ימים (מאַיריך יאָמים) זיין — דערלענגערן אייערע יאָרן.
מבטיח (מאַבטיאַך) זיין — פאַרזיכערן.
מבין (מעיוון) זיין — פאַרשטיין זיך אויף עפּעס.
מגדל (מגאַדל) זיין — האָדעווען.
מגיד (מאַגיד) — רעדנער, אָראַטאָר.
מגע ומשא (מאַגע אומאַסע) — גע-שעפטן, פאַרבינדונג.

מהלך רב (מהאַלעך ראָוו)—אַ ווייטער גאַנג.
מודה (מוידע) זיין — צוגעבן.
מודה זיין זיך — אויסזאָגן.
מודה-אַני (מוידע-אַני) — הייליקער שפּרוך, אַ תּפילה, וואָס מען זאָגט גלייך ווי מען שטייט אויף אינדערפרי.
מוח (מויאַך) — קאָפּ, מאַרך, שכל.
מוחל (מויכל) זיין — פאַרגעבן.
מוסטער — ביישפּיל.
מוסר (מוסער) — שטראָפרייד.
מופלג (מופלעג) — גרויסער געלערנטער.
מוצלח (מוצלאַך) — אַ גליקלאַכער; איינער, וועמען עס גליקט.
מזבח (מיזבעיאַך) — אַלטאַר; פּלאַץ וואו מען ברענגט דעם קרבן.
מזוזה (מעזוזע) — אַ שטיק פּאַרמעט, אויף וועלכן ס'איז אָנגעשריבן אַ טייל פון קריאת-שמע, צוגעקלאַפּט צום ביישטידל פון טיר.
מזומן (מעזומען) — באַר געלט.
מזיק (מאַזיק) — שטיפער.
מזכה (מזאַקע) זיין — באַשערן.
מזל (מאַזל) — גליק.
מזל-טוב (מאַזל-טאָוו)—כ'באַגריס אייך.
מחותנת'טע (מכוטעניעסטע)—פריינדן; שייכות; שמעלקע.
מחיה (מכאַיע) — פאַרגעניגן.
מחילה (מכילע) בעטן — אַנטשולדיקן זיך.
מחשבה-ות (מאַכשאָווע-מאַכשאָוועס) — געדאַנק.
מטבע-ות (מאַטבעיע-מאַטבעיעס) — גאָלד אָדער זילבערשטיק.
מטופל — אָנגעלאָדן, באַזאָרגט, באַשעפטיקט.
מידה(מידע)—אויפפיר, געוואוינהייט.
מי-יודע (מי-ווידעיאַ) — ווער ווייס.

מיתה-משונה (מיסע משונע) — אַן איינבראָך, אַ שרעקלאַכער טויט.
מכבד (מכאַבעד) זיין — געבן עפּעס; צוטיילן, דערלאַנגן.
מכשול (מיכשל) — שטרויכלונג.
מלחמה (מילכאָמע) —
מליץ-יושר (מעליץ יוישער) — גוטס-רוידער.
מלמד-ים (מעלאַמעד-מעלאַמדים) — אַ לערער אין אַ חדר; אַ לערער פון רעליגיע און רעליגיעזע ספרים.
מלמד זכות (מלאַמעד זכוס) זיין — באַרעכטיקן; געפינען אַ באַרעכטיקונג.
מלמד חובה (מלאַמעד כוייוו) זיין — טראַכטן שלעכטס.
מן הצד (מין האַצאַד) — פון דער זייט.
מנין (מיניען) — דאָס דאַווענען מיט אַ סך מענשן (ווייניקסטנס צען) צוזאַמען.
מניעה (מניע) — אָפּהאַלט.
מנשה (מנאַשע). —
מסירה (מסירע) — אָנקלאַג.
מסכים (מאַסקים) זיין — צושטימען.
מסתמא (מיסטאָמע) — זיכער.
מעורר (מעאוירער) — וועקער.
מעורר זיין — דערוועקן, באַגייסטערן.
מעלדן — לאָזן וויסן.
מעריב (מאַירעוו) — די אָוונט־תּפילה.
מעשה (מאַיסע)—שפּיצל; דערציילונג.
מעשה שהיה כך היה (מאַיסע שעהאָיאַ, קאַך האָיאָ) — פּאַסירט האָט אָט וואָס.
מעשה-שטן (מאַיסע-סאָטן) — צום אומגליק.
מעשים טובים (מאַיסים טויווים) — גוטע טאַטן.
מפּלה (מאַפּאָלע) — אומגליק.
מפּיס (מפּאַיעס) זיין — איבערבעטן, פאַרגיטיקן.

מצדיק את הדין (מאַצדיק עס האַדין)— באַרעכטיקט.
מצווה-ות (מיצווע-מיצוועס) — געבאָט, גערעכטע זאַך, גערעכטע טאַט.
מציאה (מעציע) — געפינס.
מציל (מאַצל) זיין — ראַטעווען.
מקדים (מאַקדים) זיין — פאַרזען און פאַרהיטן.
מקיים (מקאַיעם) זיין — דורכפירן.
מקנא (מקאַנע) זיין — ניט פאַרגינען.
מרוצה (מרוצע) ווערן — איינשטימען.
משה (מוישע). —
משומד-ים (משומעד-משומאָדים) — איינער וואָס האָט געביטן זיין רעליגיע; גרויסער שטיפער, אומערלאַכער מענטש.
משניות (מישנאַיעס) — אַ העברייאיש בוך פון 6 טיילן, צוזאַמענגעשטעלט אין סוף פון 2-טן יאָרהונדערט נ. ק. פון ר׳ יהודה הנשיא, אַנטהאַלט אַלערליי געזעצן.
משפחה (מישפּאָכע) — פאַמיליע.
משפט (מישפּעט) — אורטייל.
משרת (משאָרעס) — באַדינער.
מתחייב (מיסכאַיעוו) זיין — פאַרפליכטן זיך.
מתיז (מאַטיז) זיין — אַקצענטירן, אָנדריקן.
מתנה-ות (מאַטאָנע-מאַטאָנעס) — געשאַנק, פּרעזענט.

## נ

נאמן (נעמאָן) — קאַסיר.
נגיד (נאָגיד) — אַ רייכער מאַן.
נגידה (נגידע) — רייכע פרוי.
נגיד׳יש (נגידעש) — רייך.
נדבה-ות (נדאָווע-נדאָוועס) — געלט אָדער אַן אַנדער זאַך, וואָס מען שענקט אָדער מען וואַרפט אום צו.
נדן (נאַדאַן) — געלט, וואָס די כלה גיט דעם חתן, אָדער דער שווער דעם איידים.
נורא (נוירע) — שרעקלאַך.
נחמה (נעכאָמע) — טרייסט.
נחת (נאַכעס) — פאַרגעניגן.
ניאַנטשען זיך — האַלטן אַ קינד, אַרומגיין אַרום דעם.
ניכר (ניקער) — קענטיק.
ניסיון (ניסאָיען) — אַן אויספּרואוו.
ביישטיין אַ ניסיון—איינהאַלטן זיך.
נכנע (ניכנע) זיין—אונטערטעניק זיין.
נעילה (נילע) — די לעצטע תפלה פון יום-כיפור.
נפלא (ניפלע)—וואונדערלאַך. חידוש-נפלא — אַ גרויסער וואונדער.
נפש-נפשות (נעפעש-נעפאָשעס) — באַשעפעניש.
נקודה-ות (נקודע-נקודעס) — פּונטעלאַך, העברייאישע וואָקאַלן.

## ס

סוד — געריכט.
סודיא — ריכטער.
סוף גנב לתליה (סאָף גאַנעוו ליטליע) —דער גנב מוז זיך ענדלאַך אַריינכאַפּן.
סידור (סידער) — געבעטבוך; אַ בוך מיט תפילות.
סימן-ים (סימען-סימאָנים) — צייכן.
סיפור (סיפּער) — מעשה, דערציילונג.
סכנה (סאַקאָנע) — געפאַר.
סכנות-נפשות (סאַקאָנעס נפאָשעס) — זייער געפערלאַך.
סליחה (סליכע) — בוך מיט תפילות פאַר דער וואָך פאַר ראש-השנה.
סם (סאַם) — גיפט.
סעודת הבראה (סודעס האַוורעע) — דאָס ערשטע מאָל עסן פון די אבלים נאָכ׳ן באַגלייטן זייער טויטן.
ספר-ים (סייפער-ספרים). — היוליק בוך; בוך.

## ע

עבודה-זרה (אַוואוידע זאַרע)—אָפּגאָט.
עברי (איוורע)—העברייאישע ווערטער.
עברי זאָגן—לייענען פון אַ העברייאיש בוך מעכאַניש, ניט פאַרשטייענדיק די באַדייטונג פון די ווערטער.
עגמת-נפש (אַגמעס-נעפעש)—פאַרדרוס.
עד-היום (אַד-האַיעם)—נאָך ביז היינט.
עדות (עידעס) —
עד שנתגלגל הדבר (אַד שעניסגאַלגאַל האַדאָוואָר) — עס האָט זיך אויסגע־דרייט די זאַך.
עוולה (אַוולע) — אומרעכט.
עולם (אוילאָם) — מענשן, אַ גרופּע מענשן.
עולם הבא (אוילעם האַבע) — אַ גוטע יענע וועלט.
עולמ׳שער (אוילאָמשער) — וואָס פאַר׳ן ברייטן פאָלק; מתנגד׳ישער.
עופה׳לע (אויפעלע) — פייגעלע, קליין קינד מיינס!
עושר (אוישער) — רייכער מאַן.
עטאַזש — שטאָק.
עין-הרע (אַיִן האָרע) — אַ בייז אויג.
עיקר (איקער) — הויפּט, הויפּטזאַך.
עליה השלום (אָלעהאָ האַשאָלעם) — פרידן צו איר!
על-כן (אַל-קעין) — דעריבער.
עלנד — רחמנות.
על-פּי-טעות (אַל-פּי-טאָעס). —
על-צד-היותר־טוב (אַל-צאַד-האַיוסער טויוו) — אויפ׳ן בעסטן אופן.
עם-הארץ (אַם האָרעץ) — אומוויסנדער מאַן.
עמוד (אָמעד) — דער פּלאַץ, ביי וועלכן דער חזן שטייט און דאַוונט.
עם לא היה (אַם לוי האַיאַ) — אַ שרעק־לאַך פאָלק.
ענין (איניען) — זאַך, אָפּטיילונג.
עצה (עיצע) — ראַט.
עצם (עצעם) — עצם זאַך — די זאַך אַליין.
עקדה (אַקעידע) — אַ קרבן פון אַ קינד צו גאָט.
עקזעקוציע — אומגליק.
עקשנות (אַקשאָנעס) — איינגעשפּאַרט־קייט.
ערב (אָרעוו) זיין — גאַראַנטירען.
ערב-יום-כיפור (ערעוו-יאָם-קיפּער) — דער טאָג פאַר יום-כיפור.

## פּ

פּאָוועסטקע — איינלאַדונג אין גע־ריכט; „סאָמענס״.
פּאַטשקען — איינריכטן.
פּאָלע — ברעג פון קלייד, פון סורדוט.
פּדיון-שבוים (פּידיען-שוואוים) — אויסלייזן געפאַנגענע, אַרויסראַטעווען פון טורמע.
פּוגע בכבוד (פּויגעיאַ בכאָוועד) זיין— באַליידיקן; אָנרירן איינעמס קאָוועד.
פּועל (פּויעל) — אַן אַרבעטער, וואָס אַרבעט ביי אַ באַלעבאָס.
פּועל׳ן (פּויעלן) — אויספירן.
פּחדן (פּאַכדן) — שרעקעדיקער.
פּטור (פּאָטער) — פריי.
פּיסקל — מויל, מיילכל.
פּנים (פּאָנים) — געזיכט, צורה.
פּסוק (פּאָסיק)—אַ זאַץ פון דער ביבל.
פּריסטאַוו — פּאָליציי-קאַפּיטאַן.
פּריץ-ים (פּאָריץ־פּריצים) — ערד באַ־זיצער, גוטבאַזיצער.
פּרק (פּעיריק) — קאַפּיטל.
פּשוט (פּאָשעט) — איינפאַך.

## פ

פאָכען — אומשאָקלען.
פאַרזעעניש — מיאוס׳ע באַשעפעניש.
פאַר׳חלומ׳ט (פאַרכאָלעמט) — פאַר־טראַכט.
פאַרצאַפּלט — פאַרטרייסלט.

פאַרקייכט — פאַרגאַנגען, פאַרשטיקט.
פּאָרראַט — אוצר.
פאַרשטשאָבען — פאַרכייען ווי עס איז, ניט גוט.
פאַר׳שרפה׳ט (פאַרסאַרפעט) — פאַרברענט.
פלוכן — שילטן.

## צ

צד (צאַד) — זייט.
צוראַט — שטאָף צו אַ בגד, אויסער דעם אויבערשלאַק.
צירקל — פּאָליציי-סטאַנציע.
צער (צאַר) — פאַרדראָס, ליידן.
צרה-ות (צאָרע־צאָרעס) — ליידן.

## ק

קאַפּריזנער—אַן אויסקלייבער; איינער וואָס נעמט זיך איבער.
קאַראָמישל — שטעקן, אויף וועלכן מען טראָגט די עמער מיט וואַסער.
קאַרק — האַלז.
קבורה (קוואורע) — באַערדיקונג.
קבלה־ספרים (קאַבאָלע-ספאָרים) — ביכער, וואָס אַנטהאַלטן מיסטישע מעשות און געדאַנקען.
קבצן (קאַבצן) — אָרימאַן.
קדיש (קאַדיש) — אַ תפילה נאָך אַ טויטן. דער וואָס זאָגט קדיש נאָך אַ געשטאָרבענעם ; אַ אינגל.
קודם יאוש (קוידעם ייעש) — איידער דער אייגנטימער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער זאַך.
קוואַרטאַלנע — אַ פּאָליציי־קאַפּיטאַן.
קוראַזש — מוט.
קליפה (קליפּע) — צוטשעפּעניש.
קללה (קלאָלע) — זידלוואָרט, שילטוואָרט.
קנאה (קינע) — ניט פאַרגינעריי.
קפדן (קאַפּדן) — בייזער, כעסן.
קרבן (קאָרבן) — אָפּפער.
קרבן-מנחה (קאָרבן-מינכע) — דיקער ווייבערשער סידור.
קרוב (קאָרעוו) — אייגענער, פריינד, נאָענטער.
קרופּ — דיפטעריע.
קריאת-שמע (קרישמע) — דאָס קאַפּיטל פון חומש, וואָס הייבט זיך אָן מיט „שמע ישראל”.
קשיא (קאַשע) — פראַגע.

## ר

ר׳ — רב (רעב) — הער.
ראַזבאָי — געשלעג, מען שלאָגט זיך.
ראיה (ראַיע) — באַווייז.
ראש-חודש (רויש-כוידעש) — דער ערשטער טאָג פון חודש.
רב (רעב) — הער.
רב (ראָוו) — דער געלערנטער איד פון שטאָט, וואָס ענטפערט אויף רעליגיעזע פראַגן.
רבותי (ראַבויסאי) — מיינע הערן.
רגל (רעגל) געלט — יום-טוב-געלט.
־גע (רעגע)—מאָמענט, מינוט, סעקונדע.
רופא (רויפע) — דאָקטער, פעלדשער.
רוצח-ים (רויצעיאַך-ראָצכים) — מערדער, גזלן.
רחמנא לצלן (ראַכמאָנע ליצלאַן) — גאָט זאָל אונז אָפּהיטן, ראַטעווען.
רחמנות (ראַכמאָנעס) — דערבאַרימונג.
ריבונו־של-עולם (ריבוינע שעל אויל-אָם) — האַר פון דער וועלט, גאָט, גאָטעניו !
רעשט — אויסגאָב.
רפואה (רפוע) — אַ היילונג ; אַ הייל-מיטל, אַ מעדיצין. צו רפואה — צו געזונט.
רצון (ראָצן) — ווילן.
רציחה (רציכע) — כעס. — מיט רציחה — בייז.
רשות-הרבים (רעשוס-האָראַבים) — אַ

פּלאַץ, וואו אַלע מעגן אומגיין; אַ גאַס.

**רש"י** (ראַשע) — די איניציאַלן פון ר׳ שלמה יצחקי — אַ פּירוש, אַ דערקלערונג, אַ קאָמענטאַר צום חומש.

**רשעות** (רישעס) — שלעכטס.

## ש

**שאלה-ות** (שאַילע-עס) — פראַגע.

**שבועה** (שוואוע) — אַ שפּרוך פון שווערן זיך.

**שבת** (שאַבעס).

**שייגעץ** — שטיפער.

**שכן** (שאָכן) — דער וואָס וואוינט דערביי.

**שלחן-ערוך** (שולכאָן אָרעך) — דאָס געזעץ בוך פון די אידן, וואָס לערנט ווי צו פירן זיך און וואָס צו טאָן אין פאַרשיידנסטע פאַלן.

**שלמה** (שלוימע). —

**שמש** (שאַמעש) — באַדינער אין בית-מדרש.

**שמש׳טע** (שאַמעשטע). —

**שמשות** (שאַמאָשעס) — דער אַמט פון אַ שמש.

**שעה** (שאָ) — שטונדע.

**שפּאַזמעם** — נערוועזער אויסברוך פון אָנאויפהערדיקן וויינען.

**שפּאַקטיווע** — פאַרגרעסער-גלאָז.

**שפלה** (שפעילע) — נידעריקע באַשעפעניש.

**שקצים** (שקאָצים) — שטיפער.

**שקר** (שעקער) — ליגן.

## שׂ

**שטן-מקטרג** (סאָטן מקאַטרעג) — שלעכטס אָנרוידער.

**שכירות** (סכירעס) — געהאַלט.

**שכיר-יום** (סכיר-יוים) — אַ טאָג אַרבעטער, אַ פאַרדונגענער.

**שכל** (סייכל) — פאַרשטאַנד, קלוגשאַפט.

**שכל-גדול** (סעיכל גאַדל) — גרויס קענטעניש, גרויס קלוגשאַפט.

**שכר-לימוד** (סכאַר־לימעד) — דאָס באַצאָלט פאַר׳ן לערנען.

**שמחה** (סימכע) — פרייד.

**שנאה** (סינע) — פוינטשאַפט.

## ת

**תוהו ובוהו** (טויהו וואָוואויהו) — וויסט און ליידיק.

**תורה** (טוירע) — לערנען; די הייליקע שריפטן.

**תחינות** (טכינעס)—תפילות אין אידיש וואָס ווייבער זאָגן.

**תחנונים** (טאַכנונים) — געבעט.

**תירוץ** (טערעץ) — אויסרייד.

**תכלית** (טאַכלעס) — רעזולטאַט; שלוס.

**תכלית שנאה** (טאַכלעס סינע) פוינט-האָבן — זייער שטאַרק פוינט האָבן.

**תל** (טעל) — אַ באַרג אַש.

**תלמוד-תורה** (טאַלמעד-טוירע) — אַ רעליגיעזע שול פאַר אָרימע קינדער.

**תלמיד-ים** (טאַלמיד-טאַלמידים) — שילער.

**תם** (טאַם) — אַ צעטומלטער; אַ מענש אָן שכל; אַן אידיאָט; אַ נאַאיווער מענש.

**תמיד** (טאָמיד) — שטענדיק.

**תנא-ברא** (טאַנע באַרע) — געלערנטער זון, טייערער זון

**תנאי** (טנאַי) — באַדינגונג.

**תענוג** (טאַינעג) — פאַרגעניגן.

**תענית** (טאָנעס)—טאָג פון פאַסטן, פון גאָרנישט ניט עסן.

**תפיסה** (טפיסע) — 1) פויאיר ... אויפצונעמען זאַכן 2) טורמע.

**תרבות** (טאַרבוס) — דרך-ארץ, מאַניערן.

**תשובה-ות** (טשואווע-עס) — ענטפער.